# ש. אנ-סקי

# געזאמעלטע שריפטען

№ 80
J.

ש. אַנ־סקי.

(שלמה־זנוויל ראַפּאָפּאָרט):

# געזאַמעלטע שריפטען.

## פערטער באַנד.

—

דריטע אויפלאַגע

פערלאַג „אַנ־סקי"

ווילנאָ־וואַרשא־ניו־יאָרק תרפ"ה—1925

אויסגעפירהט דורכן פערלאַג ש. שרעבערק.

פערקויף גע עלשאַפט „צענטראַל" וואַרשא

Printed in Poland.

SZ. AŃ—SKI

tom czwarty

# ZNISZCZENIE GALICJI

Warszawa, 1 9 2 5

Wydawnictwo „AŃ—SKI" Wilno—Warszawa—Nowy-Jork.

SH. AN—SKY.

fourth volume

# THE DESTRUCTION OF GALICIA

Warsaw 1 9 2 5

Publishing Company „AN—SKY" Vilno—Warsaw—New-York

3
Bibliotheca Universitatis Tartuensis
1941: 6990
23488

DRUK. SIKORA i MYLNER WARSZAWA. NOWOLIPKI 8

פון יאהר 1914

דער יודישער חורבן
פון פוילען, גאליציע
און בוקאווינא, פון טאג-בוך
תרע״ד-תרע״ז (1914-1917)

# ערשטער טייל

איבערדרוקען און איבערזעצען אָהן דער ער־
לויבעניש פון אויטאָרס צואה־פערהאַלטער
איז שטרענג פערבאָטען.

Copyright Dr. Ch. Zhytlowsky
Marquand Ave Bronxville
New-York. U. S. A.

הילע פון יוסף זיידענבייטעל.

צינקאָקלישען אויסגעפיהרט דורך ח. גאָלדבערג.

דעם זאַץ האָט אויסגעפיהרט פייגע שריפטגיסעב

# א

באַלד, ווי דער וועלט-קריג האָט אויסגעבראָכֿען, נאָך דעם קורצען מאָמענט פון דעם האַלב ערנסטען, האַלב געמאַכֿטען יודישען פאַטריאָטיזם, בשעת רבנים האָבען זיך געהאַלזט מיט פורישקעוויטש׳ן און פעטערבורגער יודען זענען געשטאַנען אויף די קניה פאַר׳ן דענקמאָל פונ׳ם ערגסטען צורר היהודים, אַלעקסאַנדער דעם דריטען און געזונגען „אל מלא רחמים״,—האָבען זיך שטורמיש אָנגערוקט אויף דעם יודענטום פון פוילען, רוסלאַנד און דער אָקופירטער גאַליציע פינסטערע וואָלקענס פון די שרעקליכֿסטע בלבולים און פערפאָלגונגען. אָנגעהויבען האָט זיך עס אין פוילען, וואו די מלחמה האָט געטראָפען אַנ׳אַטמאָספערע, שוין אַנ׳אָנגעזעטיגטע מיט בלוטיגען האַס און אַ פערביטערטען עקאָנאָמישען קאַמף געגען יודען. די פאָליאַקען האָבען באַלד אָבגעשאַצט די אומשטענדען פון דער מלחמה, האָבען אין דער שטיל אויסגעשמידט אַ שאַרפען שפיז און, ווי ערפאַהרענע פעררעטער, איהם אַריינגעזעצט אין רוקען דעם רוסיש-פוילישען יודענטום.

אָנגעהויבן האָט מען מיט שטילע רכילות, מסירות און בלבולים, וועלכע האָבן געהאַט דעם ציל—אַרויסצושטעלן די יודען ווי פעררעטער געגען רוסלאַנד און דערביי אונטערשטרייכן די איבערגעגעבנקייט און טרייהייט פון די פּאָליאַקן: מען האָט גע׳רכילות׳ט, אַז ווען די דייטשן אָדער עסטרייכער קומען אין אַ שטאָדט אָדער אַ שטעדטעל, בעציהען זיך די יודען צו זיי מיט דער גרעסטער פריינדשאַפט, ליפערן זיי פּראָדוקטען, ענטפערן אויף אַלע זייערע פראַגען. באַלד איז מען אַוועק ווייטער: יודען דינען דעם פיינד אַלס שפּיאָנען; זיי זענען פערבונדען מיט איהם דורך געהיימע טעלעפאָנען, גיבן איהם איבער די שטרענגסטע סודות דורך ליכט-סמנים, דורך שרפות, שיקען איהם אַריבער מיליאָנען געלד א. אַ. וו.—אויף דעם באָדען זענען געשאַפען און פערשפּרייט געוואָרען אין דער אַרמעע די ווילדסטע און פאַנטאַסטישסטע לעגענדען. אין איין אָרט האָט מען דערצעהלט די מעשה וועגען אָנדערטהאַלבען מיליאָן רובל געלד, וועלכע יודען האָבען געוואָלט איבערטראָגען צו די דייטשען אין אַנ׳אָרון אָנשטאָט אַ מת. אין צווייטען אָרט האָט מען די זעלבע מעשה דערצעהלט וועגען געקוילעטע גענז, אָנגעפילטע מיט געלד. אין אַ דריטען אָרט האָט מען דערצעהלט אַ לעגענדע וועגען אַ מילנער, ביי וועלכען מען האָט אין קעלער געפונען אַ טעלעפאָן צו די עסטרייכער; וועגען אַ יודען, וועלכער האָט געשניטען דאָס דראָט פון רוסישע טעלעפאָנען און זי בעהעפט צו די עסטרייכישע. נאָך אין איין אָרט האָט מען דערצעהלט וועגען ליכט-סמנים פון די פענסטער און דערנאָך וועגען הייזער און בוימער, וואָס יודען האָבען בכיון אונטערגעצונדען, כדי דערמיט געבען צו וויסען דעם פיינד, וואו דאָס רוסישע חיל געפינט זיך. עס זענען נאָך אומגעגאַנגען לעגענדען וועגען די פלאַנען פון קרוינשטאַט, וואָס יודען האָבען אַריינגעטהון אין אַ בוטל און אַוועקגעלאָזט אין ים אַריין, כדי עס זאָל אָנקומען קיין דאַנציג; וועגען אַ יודען, וואָס האָט געראַטעוועט ווילהעלמען פון רוסישען פלען, און נאָך הונדערטער אַנדערע ווילדע און נאַרישע מעשיות, וועלכע זענען אָנגענומען געוואָרען אָהן אַ שום

קריטיק אפילו פון די העכערע מיליטער-בעאַמטע, וויפיל רעדט שוין פון פּראָסטע סאָלדאַטען. אויף וויפיל די בלבולים האָבען געפונען אַ ברייטע פערשפּרייטונג, קאָן מען זעהן פון דעם פאָל-גענדען בריף פון אַ רוסישען סאָלדאַט צו זיינע קרובים אין דאָרף: „יודען פערראַטען אונז,—שרייבט ער אין בריף—גענומען געננ, אַרויסגענומען די געדערים, אָנגעפּאַקט גאָלד, אַוועקגעשיקט צו די דייטשען; ביי אַ „געפּגר'טען זשיד" אַרויסגענומען די געדערים, אַריינגעלעגט אַכט מיליאָן גאָלד, אויך אַריבערגעטראָ-גען... נאָך דער מלחמה וועלען מיר זיך מיט זיי אָברעכענען".

אויב אין אָנהויב האָבען די חברה געפיהרט זייער רכילות-אַרבייט שטיל און פערדעקט, האָבען זיי אין גיכען אַראָבגעוואָרפען די מאַסקע און אָנגעהויבען אָפען צו בעשולדי-גען יודען. אפילו דער פירשט לובאָמירסקי האָט זיך נישט גע-שעמט אַרויסצוזאָגען דעם רוסישען שריפטשטעלער קאָנדורושקין, אַז „ניינציג פּראָצענט יודען זענען פעררעטער און צעהן פּראָ-צענט שפּיאָנען". נאָך וועניגער האָבען זיך זשענירט די קלענע-רע פּאָליטישע טהוער און דער פשוט'ער המון. זיי האָבען אין אַלע גאַסען געטענה'ט, אַז יודען וואַרטען אויף די דייטשען, העלפען זיי. די דייטשע צעפּעלינען האָט מען אָנגערופען „ביי-ליס" און יודען געדידעלט מיט דעם נאָמען „ווילליושי" (וויל-העלם). בעגלייטענדיג רוסישע סאָלדאַטען, האָבען די פּאָליאַקען זיי געוואונשען: „בעהיט אייך גאָט פון דייטשען און זשידעס". אין די קאָשציאָלען האָבען די גלחים אויפגעהעצט דעם המון געגען יודען. דערביי האָט מען אָפט גאַנץ אָפען אַרויסבעזאָגט, אַז דער ציל פון די בלבולים מיט דער העצעריי איז—עוקר מן השורש צו זיין די יודען פון פוילען. „מיר דאַרפען נישט קיין אויטאָנאָמיע, אויב ביי אונז וועלען בלייבען יודען, וועלכע האָ-בען פערשמוצט אונזער לאַנד"—האָט אַרויסגעזאָגט איינער פון די פּוילישע זשורנאַליסטען".

דער בלבול האָט זיך געקייקעלט ווי אַ הויפען שניי. איז געוואַקסען, האָט בעקומען די שוידערהאַפטסטע פאָרמען, האָט זיך פערשפּרייט אין דער אַרמעע, פונאַנדערגעגאָסען זיך איבער'ן

גאַנצען לאַנד און אַרויסגערופען אַ שטאַרקע אויפרעגונג געגען יודען אפילו אין יענע שיכטען, וועלכע זענען פריהער ווייט געוועז פון אַנטיסעמיטיזם.

דערהויפט האָבען די בלבולים געפונען אַ גינסטיגען באָדען אין דער אַרמעע אויפ׳ן פראָנט און, בעזונדערס, צווישען די העכערע בעאַמטע און קאָמאַנדירען, וועלכע האָבען אויך פריהער געשעפט זייערע פאָרשטעלונגען וועגען יודען פון דער „נאָוואָיע ווערמיאַ״ און אַנדערע שוואַרץ-מאה׳דיגע צייטונגען און זענען שוין געווען אָהן דעם אויך דורכגעדרונגען מיט אַ טיפען האַס צו יודען. דער געוועזענער העכסטער הויפט-קאָמאַנדיר, דער גרויספירשט ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש, אַן אַלטער „שגעון״, וואָס האָט נאָר פערשטאַנען צו זידלען זיינע אַרומיגע מיט די גרעבסטע זלזולים און טיילען פעטש אויף רעכטס און אויף לינקס, זייענדיג, ווי אַלע מיטג׳ידער פון קייזערס פאַמיליע, אַ יודען-פיינד, איז נאָך דערצו איינגאַנצען אונטערגעפאַלען אונטער דעם איינפלוס פון דעם פערביטערסטען שונא-ישראל, דעם פּאָז׳יאַק יאַנושקעוויטש. אָט דער לעצטער האָט זיך געשטעלט, ווי אַ לעבענס-ציל אויסראָטען די יודען און מיט אַן׳אייזערנער מאַכט דורכגעפיהרט זיין טייוועלשען פּלאַן. די נידעריגערע קאָמאַנדירען, פון די גענעראַלען ביז דעם לעצטען פראַפּאָרשטשיק, וויסענדיג ווי פיינדליך דער קייזער מיט זיינע מקורבים און די „סטאַווקע״ מיט יאַנושקעוויטש׳ן פערהאַלטען זיך צו יודען, האָבען זיך בעמיהט איבערצושטייגען איינער דעם צווייטען אין אַנטיסעמיטיזם. אפילו די סאָלדאַטישע מאַסע וועלכע איז וועניגער פון אַלעמען געווען בעוואוסטזיניג אין איהר אויפטראָג צו יודען, זעהענדיג דאָס פערהאַלטען זיך צו זיי פון די העכערע קאָמאַנדירען, הערענדיג און לעזענדיג טאָג טעגליך שרעקליכע מעשיות וועגען אַ יודישען פערראַט, האָט זיך אויך דורכגעדרונגען מיט דעם גרעסטען חשד און האַס צו יודען.

אַרויפוואַרפענדיג די יודען אויפ׳ן האַלז דעם שטריק פון דער תליה, האָבען די פּאָליאַקען, חוץ זייער דירעקטען ציל— דערשטיקען די יודען—בעקומען אויך די מעגליכקייט מיט דעם

„יודישען פעררא̇ט” צו פערמא̇סקירען די אייגענע זינד, די „עסטרייכישע א̇ריענטא̇ציע”, מיט וועלכער עס איז געווען דורכ-געדרונגען דער גרעסטער טייל פא̇ליא̇קען און וועלכער הא̇ט זיך אויסגעדריקט אין געהיימע פערבא̇נדען געגען רוסלא̇נד. דא̇ס זעל-בע קא̇ן מען אויך זא̇גען וועגען דער א̇רמעע. די אמת׳ע, גרוי-סע פעררעטער, ווי מיא̇סא̇יעדא̇וו, וועלכע הא̇בען זיך געפונען צווישען די העכסטע פא̇רשטעהער פון דער א̇רמעע, הא̇בען גע-מוזט הא̇בען עמיצען, אויף וועמען א̇רויפצווא̇רפען דעם ערפא̇לג פון זייער פעררא̇ט. און ווער הא̇ט געקא̇נט זיין פא̇סענדער פא̇ר א̇זא̇ שעיר לעזאזל, ווי א̇ יוד? הא̇ט מען איהם סא̇קי אויסגענוצט צו דעם צוועק, ווי ווייט עס איז מעגליך געווען. נישט אומזיסט זענען אין די שפיא̇נא̇זש-פרא̇צעסען געגען יודען דא̇ס רוב בע-שולדיגער און עדות א̇רויסגעטרא̇טען, ווי שפעטער הא̇ט זיך א̇רויסגעוויזען, שפיא̇נען און פרא̇וו̇א̇קא̇טא̇רען. א̇זוי איז געווען ביי דעם קרא̇סניקער בלבול, ביי גערשא̇נא̇וויטשעס פרא̇צעס, ביים לא̇מזשער פרא̇צעס און אין פיל א̇נדערע פא̇לען. מען זא̇גט, א̇ז איין מיא̇סא̇יעדא̇וו הא̇ט א̇רויפגעברא̇כט אויף דער תליה אי-בער צוויי הונדערט יודען.

און נישט דוקא פעררעטער הא̇בען זיך גענויטיגט אין „יודישען פעררא̇ט”. יעדער קא̇מא̇נדיר, יעדער פא̇לקא̇וניק, בע-געהענדיג א̇ פעהלער, הא̇ט געהא̇ט די מעגליכקייט צו פערענט-פערן זיין פערברעך, זיין אונפעהיגקייט, א̇דער לייכטזיניגקייט מיט א̇ „יודישען שפיא̇ן”, וועלכער הא̇ט א̇לץ „כשר געמא̇כט”.

די פא̇רשטעהער פון דער א̇רמעע הא̇בען א̇נגענומען די בלבולים אויף יודען א̇הן א̇ זכר פון קריטיק א̇דער אויספא̇ר-שונג און גלייך א̇נגעהויבען א̇ברעכענען זיך מיט די בעשולדיג-טע. אין ראַדאָם הא̇ט מען פא̇ר א̇ „פריינדליכען אויפנא̇הם די דייטשען” געהא̇נגען ניין יודען, אין זא̇מא̇שטש פא̇ר דעמזעלבען חטא — זיבען יודען, אין קרא̇סניק — פיר יודען, צווישען זיי דעם רב מיט דעם רא̇בינער. אין פיל א̇נדערע שטעדט און שטעדט-לעך זענען פא̇רגעקומען עהנליכע מעשים. ביי די וועגען הא̇ט מען א̇פט געטרא̇פען יודען אויפגעהא̇נגענע אויף ביימער א̇דער

געשאָסענע „פּאַר פּעררעַט״ און אַלץ אָהן אַ שום אויספאָרשונג, אָהן אַ שום משפט.

באַלד האָבען די פערפאָלגונגען צוגענומען אַ מאַסען-כאַראַקטער. אויף צו אַרעסטירען, אַרויסשיקען אָדער הענגען אַ יודען האָט מען שוין נישט געדאַרפט קיין ספּעציעלע בעשולדיגונג, קיין חשד פון „פריינדליכקייט צום דייטש״ אָדער „שפּיאָנאַזש״. ס'איז גענוג געווען בלויז דער נאָמען יוד. און, באמת, אויב אַלע יודען זענען פעררעטער, צו וואָס דאַרף מען דען זוכען פערזענליכע חטאים? און למאי בעשטראָפען און אויסראָטען די יודען איינציגווייז? און עס האָבען זיך אָנגעהויבען מאַסען-געוואַלדטהאַטען געגען יודען. אין פיל שטעדט און שטעדטלעך, וואו עס איז דורכגעגאַנגען דאָס רוסישע חיל, איבערהויפּט די קאָזאַקען, זענען פאָרגעקומען בלוטיגע פּאָגראָמען: מען האָט פערברענט און חרוב געמאַכט גאַנצע יודישע קוואַרטאַלען, צורויבט אַלע יודישע הייזער און געשעפטען, גע'הרג'עט אָהן אַ שום מאָטיוו צעהנדליגער יודען, אָן די איבעריגע נוקם געווען זיך, פערשאַפט זיי די גרעסטע בעליידיגונגען, מאנס געווען פרויען, געשעדיגט קינדער. איין קאָזאַק האָט זיך בעריהמט, אַז ער האָט ביי אַ יונגעל אויסגעריסען ביידע פּאות צוזאַמען מיט דער הויט. אַ רוסישער אָפיציר האָט דערצעהלט, אַז ער האָט אַליין געזעהן, ווי קאָזאַקען האָבען זיך „געשפילט״ מיט אַ יודיש קינד פון אַ יאָהר צוויי. איין קאָזאַק האָט עס אונטערגעוואָרפען אין דער לופטען און די אַנדערע האָבען עס אונטערגעכאַפּט אויף זייערע פּיקעס. נאָך דעם קאָן מען שוין גלויבען, וואָס די דייטשע צייטונגען האָבען געשריבען, אַז די קאָזאַקען האַקען אָב הענד און פיס, בעגראָבען לעבעדיגע א. ד. ג.

אַ פּראָסטער רוסישער סאָלדאַט גיט איבער אין אַ בריף, וועלכער איז מיר צופעליג אין האַנד געקומען, זיין איינדרוק פון דעם, וואָס ער האָט געזעהן, אין פאָלגענדע כאַראַקטעריסטישע ווערטער:

„עס פערשטעהט זיך, ווי—ווער, אָבער איך האָב אַ ביסעל רחמנות אויף די זשידעס. קאָנסט זיך פאָרשטעלען: מען

טמייסט, מען גיט צו פינפאונזיבעציג אָדער אָהן אַ צאָהל קלעפּ מיט שטעקענס, מיט ריטער פון דראָט, וואָס מען נוצט אויף די פערצוימונגען. נו, און זעלבסטפערשטענדליך, מען שיסט זיי, אפשר אויך אונשולדיגע. גיב אַהער, הינדעל, דעם קאָפּ! אָבגעריסען—און דאָס הינדעל פליהט. אַזוי זענען אויך זיי."

דאָס, וואָס די פינסטערע און פערברעכערישע עלעמענטען פון דער אַרמעע האָבען געטהון מיט יודען, כדי צו זעטיגען זייערע שענדליכסטע און נידעריגסטע אינסטינקטען, האָבען אי-בערגע׳חזר׳ט, צוליב פּאָליטישע צוועקען, אין אַנ׳אַנדער פאָרם און אין אַ גרעסערן מאַסשטאַב די העכסטע פאָרשטעהער פון דער אַרמעע: ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש און די הויפּט-קאָמאַנדירען פון די בעזונדערע אַרמעען. שטיצענדיג זיך אויף דעם געדאַנק, אַז יעדער יוד איז חשוד אויף שפּיאָנאַזש, האָט מען אָנגעהוי-בען אַרויסשיקען פון די שטעדט, וואָס זענען געווען נאָהנט צום פראָנט, פריהער בעשטימטע עלעמענטען פון דער יודישער בע-פעלקערונג, נאָכדעם גאַנצע קהלות. פון פיל ערטער האָט מען אַרויסגעשיקט צוזאַמען „יודען און דייטשען". דאָס סיסטעם האָט מיט יעדען טאָג בעקומען אַברייטערע פערשפּרייטונג, ביז עס איז דערגאַנגען צו דעם, אַז מען האָט מיט איינמאָל אַרויסגע-שיקט אַלע יודען פון קאָוונער און גראָדנער גובערניעס, אי-בער 200,000 מאַן.

עס איז אָנגעשטאַנען איינער פון די פינסטערסטע מאָ-מענטען אין דער יודישער געשיכטע. מעהר ווי אַ פערטעל מיל-יאָן יודישע קינדער האָבען זיך געפונען אויפ׳ן שלאַכט-פעלד, די עקאָנאָמישע איבערקעהרעניש, וועלכע איז אַרויסגערופען גע-וואָרען דורך דער מלחמה, האָט רואינירט טויזענדער יודישע געזינדען. הונדערטער יודישע שטעדט און שטעדטלעך זענען חרוב געוואָרען דור-׳ן פייער פון די פערביטערטע שלאַכטען. און דאָ האָט זיך נאָך אויף יודען אויסגעגאָסען אַ גאַנצע תוכחה פון בלבולים, פּאָגראָמען, פערפאָלגונגען. צעהנדליגער טויזענ-דער אַנטלאָפענע פון די מלחמה-שרעקען, הונדערטער טויזענ-

דער אַרויסגעשיקטע, פערטריבענע, היימלאָזע...

אויף די שוואַכע פלייצעס פון יודישען פאָלק איז געפאַ-לען אַנ'אונערטרעגליך שווערע לאַסט, וועלכע איז געווען נאָך שווערער דערפאַר, ווייל די קאַטאַסטראָפע האָט געטראָפען דעם רוסיש-פוילישען יודענטום אין אַ נישט-אָרגאַניזירטען כאַאָטישען צושטאַנד. און אויב ביי דער אָנשטרענגונג פון אַלע קרעפטען האָט זיך דער יודישער געזעלשאַפט איינגעגעבען צו בעהערשען די קאַטאַסטראָפע אין מאַטעריעלען זין, געפינען מיטלען נישט צו לאָזען שטאַרבען פון הונגער די היימלאָזע, ביי אַ מיליאָן נפשות, און איינאָרדנען זיי אויף די נייע ערטער,—האָבען אין פּאָליטישען זין אונזערע כלל-טהוער וועניג וואָס געקאָנט העלפען מיט זייערע שתדלנות, געוואָרפען האָבען זיי זיך אין אַלע זייטען און אומעטום געטראָפען פאַר זיך אַנ'אייזערנע וואַנד. גע-פרובט האָט מען, ווי אין די אַמאָליגע צייטען, בעקלאָגען זיך פאַר ענגלאַנד און פראַנקרייך, אָבער דיביידע דעמאָקראַטישע מלוכות, קוקענדיג אויף רוסלאַנד ווי אויף אַנ'אונערשעפּטען רע-זערוואואַר פון קאַנאָן-פלייש און זייענדיג פערבונדען מיט דער רעגירונג פון ניקאָלאַי דעם צווייטען, האָבען גע'חנפ'עט דער רוסישער רעאַקציע און פערשטאָפּט די אויערן פאַר די יודישע געשרייען. פערפאַלען געגאַנגען איז אויך דער אויפרוף צו דער רוסישער ליבעראַלער אינטעליגענץ, וועלכע האָט פונקט אין יע-נער צייט „געשפּילט אַ ראָמאַן" מיט פוילען און ביסלעכווייז אַליין אָנגעהויבען גלויבען אין אַלע בלבולים אויף יודען; דער ליבעראַליזם איהרער האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם, וואָס זי האָט „פערענטפערט" דעם „יודישען פערראַט" מיט די שרעקליכע פערפאָלגונגען, וועלכע יודען ליידען פון דער רעגירונג, און אויף אַלע יודישע טענות האָט זי געהאַט איין ענטפער: „מען דאַרף שווייגען, שטיל שווייגען! די אויפרעגונג געגען יודען אין דער אַרמעע איז אַזוי גרויס, אַז מיט שרייען קאָן מען נאָר פערערגערן די לאַגע". איינִיגע יודישע כלל-טהוער האָבען נאָך אָבגעשלאָגען די שוועלען ביי די מיניסטאָרען, וועלכע זענען אַליין געווען די ערשטע און ערגסטע פּאָגראָמשטשיקעס, פער-

שטעהט זיך, אַז דאָס האָט וועניג געהאָלפען!
און דאָס אומגליק האָט זיך אַלץ מעהר געשטאַרקט און פערשאַרפט.

## ב

ווי נאָר דאָס רוסישע חיל, כמעט נאָך גאָר אין אָנהויב פון דער מלחמה, האָט אָנגעהויבען פערנעהמען גאַליציע,—אַזוי אַז אין משך פון צוויי-דריי חדשים איז עס דערגאַנגען אויף מערב ביז פראָג און אויף דרום ביז אונגאַרן,—האָבען אָנגעהויבען אָנקו-מען נישט קלאָרע, ווי פערשטיקטע ידיעות וועגען גרויזאַמסטע גוואַלדטהאַטען, וואָס דאָס רוסישע מיליטער, דערהויפט קאָזאַקען און טשערקעסען בעגעהען אַנטקעגען דער דאָרטיגער, אונבע-שיצטער יודישער בעפעלקערונג. צוליב אַ פּראָוואָקאַטאָרישען שאָס האָט מען פערברענט אַ גרויסען טייל פון דער שטאָדט בראָד, בערויבט די יודען און איינִיגע גע׳הרג׳עט. מען האָט ביז׳ן גרונד חרוב געמאַכט דאָס עטרייכישע הוסיאַטין, בעלז, עס איז פאָרגעקומען אַ בלוטיגער פּאָגראָם מיט פיל קרבנות אין לעמבערג. עהנליכע קלאַנגען האָבען זיך געטראָגען וועגען צעהנדליגער אַנדערע שטעדט און שטעדטלעך. דערצו האָט זיך נאָך אַרויסגעוויזען, אַז די יודישע בעפעלקערונג פון בעזיגטען קאַנט, זענענדיג רואינירט און אָבגעשניטען אי פון אייגענעם לאַנד אי פון רוסלאַנד, שטאַרבט לחלוטין פון הונגער.

דאָס שוידערהאַפטסטע אין די אַלע נאַכריכטען איז געווען דאָס, וואָס זיי זענען אָנגעקומען צופעליג, ווי נישט קלאָרע קלאַנגען און ענטהאַלטען אין זיך אַ שרעקעדיגע אונבעשטימט-קייט. אַ בריף פון פראָנט, וואָס איז צופעליג דורכגעשפּרונגען דורך דער צענזור, אַנ׳ערצעהלונג פון אַ פערוואונדעטען און עוואַקואירטען יודישען סאָלדאַט א. ד. ג. אַלע אַנדערע וועגען פּאַר ידיעות פון דאָרט זענען געווען געשלאָסען. פון פריוואַטע מענשען האָט קיינער נישט געקאָנט נישט אַריין נישט אַרויס פון גאַליציע. אפילו די צופעליגע בריף און ערצעהלונגען האָ-

בען מעהר פאָרגעשטעלט אַ געשריי פון ערשיטערונג, ווי אַ סיס-
טעמאַטישע איבערגעבונג פון פאַקטען:

„מיינע הענד חלש'ן און מיינע אויגען ווערען פערלאָפּען
מיט בלוטיגע טרעהרען,—שרייבט אַ יודישער סאָלדאַט,—אַז איך
דערמאָהן זיך אָן די שרעקען, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו
זעהן דאָ אין גאַליציע, אַז איך דערמאָהן זיך אָן די אכזריות'-
דיגע מעשים, וואָס די קאָזאַקען און סאָלדאַטען זענען בעגאַנגען
געגען יודען: מען הרג'עט, מען רויבט, מען איז אין די גאַסען
מאנס פרויען, ביי אַלטע ווייבער שני ד׳ מען אָב די ברוסטען
און מען לאָזט די אומגליקליכע גוסס'ן".

דער צווייטער שרייבט:

„מיר זענען געקומען אין אַ יודיש שטעדטעל אין גאַ-
ליציע. דאָס מיליטער האָט ענטדעקט אַ ווינקעלער, האָט איהם
אויפגעבראָכען און אָנגעהויבען שכור'ן. איך האָב אויך געטרונ-
קען צוזאַמען מיט אַנדערע און זיך אויך אָנגע'שכור'ט. נאָר אַז
איך בין אַרויס פון קעלער און דערזעהן, וואָס אין שטעדטעל
טהוט זיך, וואָס די סאָלדאַטען טהוען מיט יודען, האָב איך זיך
באַלד אויסגעניכטערט"...

און קיין וואָרט מעהר.

דער דריטער, אַ סאָלדאַט, וואָס איז שפּעטער געריהרט
געוואָרען פון זינען פון דעם, וואָס ער האָט געזעהן אין גאַ-
ליציע, האָט דערצעהלט:

„וואו דאָס חיל געהט דורך, שטעלען די קריסטען אין די
פענסטער און אויף די טהירען אַרויס „איקאָנעס." וואו עס איז
נישטאָ קיין „איקאָנעס" איז, הייסט עס, אַ יודיש הויז און מען
קאָן דאָרט אונבעשטראָפט ראַבירען. אַז אונזער ראָטע איז דורכ-
געגאַנגען עפּעס אַ דאָרף, האָט איין סאָלדאַט בעמערקט פון
ווייטען אויף אַ בערגעל אַ הויז, און אַרויסגעזאָגט דעם ראָטנעם
די סברא, אַז דאָס איז אַ יודיש הויז, דער ראָטנער האָט איהם
ערלויבט געהן אַ קוק טהון. באַלד האָט ער זיך אומגעקעהרט אַ
פרעהליכער מיט דער ידיעה, אַז דאָרט וואוינען יודען. דער ראָט-
נער האָט געהייסען דער ראָטע צוגעהן צום הויז, מען האָט

געעפּענט די טהיר און דערזעהן, אַז אין הויז געפינען זיך ביז צוואַנציג יודען, האַלב טויטע פון שרעק. מען האָט זיי אַרויס-געפיהרט פון הויז, און דער ראָטנער האָט אַ קאָמאַנדיר געטהון: „קאָלי! רובּי!“ (שטעך! האַק!), וואָס ווייטער האָט זיך געטהון, האָב איך נישט געזעהן. איך האָב זיך געלאָזט לויפען, ביז איך בין געפאַלען חלשות“.

פון די, און צעהנדליגער אַנדערע געשרייען פון ערשי-טערונג, האָט זיך בעקומען דער איינדרוק, אַז אין גאַליציע קומט פאָר עטוואָס אַזוינס, וואָס שטייגט אַריבער די מענשליכע השגה. אַ גרויסער יודישער קאַנט מיט אַ בעפעלקערונג פון אַ מיליאָן יודען, וועלכע האָבען נאָך נעכטען געהאַט אַלע מענש-ליכע און בירגערליכע רעכט, איז אַרומגענומען מיט אַ פייער-דיגען רינג פון בלוט און אייזען. אָבגעשניטען פון דער וועלט און איבערגעגעבען אין דער פולער מאַכט פון צורייצטע, ווי ווילדע חיות, קאָזאַקען און סאָלדאַטען. עס האָט זיך בעקומען דער איינדרוק, אַז עס געהט אונטער אַ גאַנצער יודישער שבט!

די ערשטע אויפגאַבע וועלכע איז דרינגענד אַרויסגעטרע-טען, איז געווען: קומען אין בעציהונג מיט די גאַליציאַנער יו-דען, און, קודם כל, ברענגען זיי וועלכע עס איז מאַטעריעלע הילף. נישט גרינג אָבער איז געווען דאָס אויסצופיהרען. די ערשטע חדשים פון דער מלחמה האָבען אונזערע גבירים נאָך נישט געוואָלט הערען וועגען אָרגאַניזירען אַ ברייטע הילפס-טעטיגקייט צוליב די יודישע מלחמה-געליטענע. זיי האָבען גע-האָפט יוצא צו זיין מיט די גרויסע נדבות, וואָס זיי האָבען גע-געבען אויף די אַלגעמיינע הצטרכות׳ן פון דער מלחמה און גע׳טענה׳ט, אַז יודען „טאָרען זיך נישט אויסטיילען“ פונ׳ם כלל; אַז דאָס קאָן זיך אויסווייזען „אונפּאַטריאָטיש“. ביי אַזאַ בעציהונג צו די יודישע צרות און ביי אַזאַ פערקאָכטען „פּאַטריאָטיזם“ האָט מען, פערשטעהט זיך, נישט געוואָלט הערען פון גאַליציאַ-נער יודען. אַז איינער פון די הויכע רוסישע בעאַמטע, קומענ-דיג פון גאַליציע, האָט זיך געווענדט צו אַ יודישען מיליאָנער, אַ בעוואוסטען קיעווער כלל-טהוער, מיט דער פראַגע:

„פאַרוואָס אָרגאַניזירט איהר נישט אין גאַליציע קיין הילף פאַר אייערע ברידער, וועלכע שטאַרבען פון הונגער?״

האָט דער מיליאָנער געענטפערט:

„—אייער עקסעלענץ! מיר קוקען אויף די גאַליציאַנער יודען נישט ווי אויף ברידער, נאָר ווי אויף פיינד, מיט וועלכע מיר האַלטען מלחמה!״

איך מוז אָבער צוגעבען, אַז אין אַ קורצער צייט האָט זיך אינגאַנצען אומגעביטען די בעציהונג אפילו פון די פּאַטריאָ-טיש געשטימטע גבירים צו די יודישע מלחמה-געליטענע, אפילו צו די גאַליציאַנער.

אַז די ידיעות פון גאַליציע האָבען קלאָר בעוויזען, וואָס פאַר אַ חורבן דאָרט קומט פאָר, האָב איך בעשטימט אָנצעווענ-דען אַלע כחות, כדי ווי עס איז אַריינצוקליבען זיך אַהין, אַרומפאָהרען די חרוב׳ע שטעדט, פעסטשטעלען די גרעניצען פון דער קאַטאַסטראָפע און די גרויס פון דער נויט, און קו-מענדיג צוריק מיט פאַקטישע מאַטעריאַלען, שוין נישט בעטען, נאָר מאָהנען הילף פאַר די גאַליציאַנער יודען.

נישט גרינג איז מיר אָנגעקומען אויסצופיהרען מיין פּלאַן. גאַנצע דריי חדשים האָב איך געקלאַפּט אין אַלערליי טהירען, ביז איך האָב בקומען די לעגאַלע מעגליכקייט פאָהרען קיין גאַ-ליציע. אין אָנפאַנג האָב איך געהאָפט צו בעקומען אַ „פּראָ-פּוסק״ ווי אַ סוחר, געגרעכענט דורכפאָהרען מיט וואַגאָנען מעהל, וואָס בראָדסקי האָט געשיקט קיין גאַליציע, נאָכדעם מיט אַ פאַרטיע צוקער. אַז דאָס האָט זיך נישט איינגעגעבען, האָב איך זיך געווענדט צום דעמאָלטיגען פּעטערבורגער שטאָדט-גאָלאָוואַ גראַף איוואַן איוואַנאָוויטש טאָלסטאָי, און געבעטען, ער זאָל מיך צונעהמען אין אַ וועלכער עס איז סאַניטאַר-אָבטיילונג וואָס ווערט פון דאַנען געשיקט קיין גאַליציע.

טאָלסטאָי, אַנ׳אמת׳ער אוהב ישראל, האָט זיך זעהר הייס אויפ-געטראָגען צו מיין בקשה. אַזוי ווי ביי יענער צייט האָט זיך קיין „אָטריאַד״ נישט געקליבען פון פּעטערבורג קיין גאַליציע, האָט ער מיר געגעבען אַ בריף צום מאָסקווער שטאָדט-גאָלאָוואַ טשעלנאָקאָוו,

ד׳ם אויבער-בעפולמעכטיגטען פון אַלרוסישען שטאָדטישען פערבאַנד. טשעלנאָקאָוו האָט מיך אָבגעשיקט מיט אַ בריף צום אויבער-בעפולמעכטיגטען פון „זעמסקי׳ן״ פערבאַנד, פירשט ג. י. לוואָוו. יענער פון זיין צד האָט אויך נישט געפונען קיין מעגליכקייט מיר בעהילפיג צו זיין און מיר אַנ׳עצה געגעבען נעהמען ביים גראַף טאָלסטאָי אַ בריף צו גוטשקאָוו׳ן, וועלכער איז דעמאָלט געווען אין וואַרשא און געהאַט די מעגליכקייט מיר צו געבען אַ „קאָמאַנדיראָווקע״ קיין גאַליציע. אומקעהרענדיג זיך קיין פעטערבורג האָב איך בעקומען פון מאָסקווע אַ דעפעשע, אַז דער פירשט פ. ד. דאָלגאָרוקאָוו אָרגאַניזירט אַנ׳אָטריאַד קיין גאַליציע און שטימט-איין מיך מיטצונעהמען. ווידער געפאָהרען קיין מאָסקווע—נאָר דאָלגאָרוקאָוו׳ס „אָטריאַד״ האָט בעקומען אַ בעפעהל צו געהן נישט קיין גאַליציע, נאָר קיין ריגאַ. עס האָט זיך פאָרמירט נאָך אַנ׳„אָטריאַד״ דורך קאָנאָוואַלאָוו׳ן, נאָר צוליב פאָרמעלע טעמים האָט קאָנאָוואַלאָוו אָבגעזאָגט זיך מיך מיטצונעהמען. בקיצור—אַלע האָבען אַרויסגעזאָגט אַ הייסען מיטגעפיהל צו מיינע אויפגאַבען, אויסגעדריקט אַ גרייטקייט מיר קומען צו הילף—און יעדער האָט מיך אָבגעשיקט צו אַנ׳אַנדערן.

ענדליך האָב איך בעשטימט אַריבערקלויבען זיך קיין גאַליציע דורך וואַרשא. מיט אַ בריף פון גראַף טאָלסטאָי צו גוטשקאָוו׳ן און אַ רעקאָמענדאַציע פון פירשט לוואָוו צום בעפולמעכטיגטען פון וואַרשאָווער אָבטיילונג פון „זעמסקי״ פערבאַנד וו. וו. ווירובאָוו׳ן בין איך דעם 21-טען נאָוועמבער אָבגעפאָהרען קיין וואַרשא.

## ג

מעהר ווי אַ מאָנאַט איז מיר אויסגעקומען צו פערבלייבען אין און אַרום וואַרשא, ביז איך האָב געקראָגען די מעגליכקייט אַריינקומען קיין גאַליציע. א. גוטשקאָוו׳ן, צו וועמען איך האָב געהאַט אַ בריף פון גראַף י. טאָלסטאָי, האָב איך אין וואַרשא

נישט געטראָפען. ער איז געווען אין לאָדז, וואוהין אַ פּריוואַטען מענשען איז אין יענער צייט כמעט אונמעגליך געווען צו קומען. דער בעפולמעכטיגטער פון „זעמסקי׳ן” פערבאַנד, וו. וו. ווירובאָוו, האָט מיך אויפגענומען גאַנץ קאַלט און קאַטעגאָריש ערקלערט, אַז ער האָט קיין שום מעגליכקייט נישט, מיר אין דעם פּרט צו העלפען. נאָר גלייך נאָך אַזאַ קאַטעגאָרישען ענטפער האָט ער צוגעגעבען, אַז די טעג געהט אַוועק צו דער גרעניץ פון גאַליציע אַן׳אָטריאַד פון „זעמסקי” פערבאַנד, אונטער דער אָנפיהרונג פון בעפולמעכטיגטען געראַסימאָוו און זיין געהילף, אַ יוד, בלאָך, זאָל איך מיך פּרובען, אפשר וועלען זיי מיך מיטנעהמען. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער מיר פאָרגעלעגט, אויב פון מיינע אונטערהאַנדלונגען מיט געראַסימאָוו׳ן וועט גאָרנישט אַרויס, זאָל איך נעהמען אויף זיך אַן׳אַרבייט אין פערבאַנד אין וואַרשא. רעכענענדיג, אַז אויף אַזאַ אופן וועל איך גיכער קריגען די מעגליכקייט אַריבערקלייבען זיך קיין גאַליציע, האָב איך איינגעשטימט אויף זיין פאָרשלאָג. אויף דעם האָט ער מיר אָבער באַלד געענטפערט, אַז דערווייל איז אין פערבאַנד פאַר מיר קיין אַרבייט נישטאָ, און ער ווייסט נישט, ווען עס וועט זיין. בקיצור, פון דעם ערשטען געשפּרעך האָב איך תופס געווען ווירובאָוו׳ן ווי אַ מענשען מיט אַ פערדרעהטען קאָפּ, ביי וועלכען עס זענען, לויט דעם גוי׳אישען שפּריכוואָרט: „זיבען פרייטאָגס אויף איין וואָך”, און אויף וועלכען מען קאָן זיך נישט פערלאָזען. באַלד האָב איך געהאַט די מעגליכקייט איבערצייגען זיך, אַז איך האָב קיין טעות נישט געהאַט.

אין עטליכע שעה אַרום נאָך אונזער געשפּרעך, אין אָווענד, איז ער געקומען צו מיר אין האָטעל, אַ פערשמייעטער, אַן׳אויפגערעגטער:

—איהר האָט געזאָגט, אַז איהר ווילט אַרבייטען אין „סאָיוז”,—האָט ער אָנגעפאַנגען נאָך אויפ׳ן שוועל,—האָב איך פאַר אייך אַן׳אַרבייט. עס זענען אָנגעקומען איבער צעהן טויזענד פערוואונדעטע. אַ טייל פון זיי געפינט זיך אויפ׳ן וואָקזאַל־הויף אונטער׳ן פרייען הימעל, מידע, דערפרוירענע, הונגעריגע. מיר

האָבען לחלוטין נישט, וואו אהינצוטהון זיי. איז אָט, נעהמט אויף זיך איינאָרדנען צו מאָרגען פריה אַ לאַזאַרעט פאַר 6000 פערוואונדעטע. מיטלען, וויפיל מען וועט ברויכען, גיט דער „פערבאַנד”. געפינט אַ פרייע וואוינונג, אַ הויז, וואָס שטעהט לעדיג,—אויב דער ווירט וועט עס נישט געבען, האָט איהר דאָס רעכט, אין נאָמען פון „פערבאַנד”, עס צו רעקוויזירען. אָרדענט עס איין, געפינט דאָקטוירים, סאַניטאַרען, באַרמהערציגע שוועסטער. איך וועל נישט האָבען געגען דעם, אַז זיי אַלע זאָלען זיין יודען. אָבער ביז מאָרגען זאָל עס זיין פאַרטיג! נעהמט איהר דאָס אויף זיך?

הייסט דאָס, אויסבויען אַ פּאַלאַץ אין איין נאַכט.

אָרגאַניזירען אין וואַרשא אַ יודישען לאַזאַרעט אויפ׳ן חשבון פון „פערבאַנד” האָט ביי יענער צייט געהאַט אַ גרויסע בעדייטונג. און כאָטש דער גאַנצער פאָרשלאָג האָט אויסגעוויזען פאַנטאַסטיש און איך, ווי אַ פרעמדער מענש אין וואַרשא, האָב נישט געוואוסט פון וואָס אָנצופאַנגען, האָב איך פונדעסטוועגען גענומען אויף זיך אָנצעווענדען אַלע מיטלען אויסצופיהרען איהם. איך האָב צוגעזאָגט צו צוועלף ביינאַכט געבען אַ בעשטימטען ענטפער.

איך האָב מיך גלייך, לויט פּרצ׳ס אָנווייזונג, געווענדט צום פאָרזיצענדען און צום סעקרעטאַר פון וואַרשאָווער גמינע, נאַטאַנזאָנ׳ען און קעמפנער׳ן. זיי האָבען זיך פעראינטערעסירט מיט דעם פאָרשלאָג און צונויפגעפיהרט מיך מיט דעם פאָרזיצענדען און סעקרעטאַר פון יודישען סאַניטאַרען קאָמיטעט, ווייסבלאַט׳ן און פאַרבשטיינ׳ען. די לעצטע האָבען אָבער מיר אָנגעוויזען, אַז זיי האַלטען זיך בעליידיגט דערמיט, וואָס ווירובאָוו, וועלכער ווייס וועגען דעם סאַניטאַר-קאָמיטעט, האָט זיך נישט געווענדט דירעקט צום קאָמיטעט. דאָס האָב איך איבערגעגעבען ווירובאָוו׳ן און אָבגעזאָגט זיך פון דער ראָליע פון אַ פערמיטלער. ער האָט זיך אָבער איינגעשפּאַרט, אַז די אונטערהאַנדלונגען זאָלען געהן נישט אַנדערש ווי דורך מיר.

דער סאַניטאַר-קאָמיטעט האָט אָנגעפאַנגען ענערגיש אַרביי-

טען. און צו צוועלף ביינאַכט איז שוין געווען אַ הויז פאַר אַ לאַזאַרעט פון פיר טויזענד פערוואונדעטע. עס איז אויך כמעט שוין בעשטימט געווען דער פערסאָנאַל, דאָקטוירים, סאַניטאַרען, און „שוועסטער״. אַז איך האָב עס מיטגעטיילט ווירובאָוו׳ן, האָט ער מיר געענטפערט, אַז אַ לאַזאַרעט איז איצט נויטיג נאָר פאַר צוויי טויזענד פערוואונדעטע. צו מאָרגען פריה איז די צאָהל אַראָב אויף פינף הונדערט און צום אָוועגד האָט זיך אַרויסגע-וויזען, אַז אַלע פערוואונדעטע זענען שוין עוואַקואירט, נאָר עס איז נויטיג איינצואָרדנען אַ לאַזאַרעט פאַר צוויי טויזענד פער-וואונדעטע, וועלכע דאַרפען באַלד אָנקומען.

אין עטליכע טעג אַרום האָט מיר ווירובאָוו פאָרגעלעגט פאָהרען קיין ראָוונע אָבנעהמען סאַניטאַרע וועגעלעך, וואָס דער פערבאַנד האָט דאָרט בעשטעלט. אַז איך האָב די מיסיע אויס-געפיהרט און אומגעקעהרט זיך, האָט ער מיר פאָרגעלעגט איינ-אָרדנען אויף אַ „פאָלוסטאַנעק״, זעקס וויאָרסט פון וואַרשא, אַ שפייז-פונקט. אויך אויף דעם האָב איך איינגעשטימט.

ביז דאָס אַלץ האָט זיך אָבגעטהון, זענען פערביי אַ טאָג צוועלף. פאַר דער צייט האָב איך געהאַט די מעגליכקייט צו בעקענען זיך מיט דער שטימונג, וואָס האָט דאַן געהערשט אין וואַרשא.

וואַרשא האָב איך געטראָפען אין אַ פיבערהאַפטען צו-שטאַנד. די שטאָדט האָט זיך נאָך געפונען אונטער׳ן איינדרוק פונ׳ם שטורמישען אָנפאַל, וואָס די דייטשען האָבען געמאַכט אין די אָקטאָבער-טעג. מען האָט זיך געריכט אויף אַ נייעם, נאָך אַ שטאַרקערן אָנפאַל. עס זענען דעמאָלט פאָרגעקומען די שרעק-ליכע שלאַכטען ביי לאָדז. יעדען טאָג פלעגען אָנקומען דריי-סיג–פערציג טויזענד פערוואונדעטע. אויף יעדען טריט האָט מען בעגעגענט סאַניטאַר-וועגעלעך, סאַניטאַרען, שוועסטער. די בע-וועגונג איז געווען אַנ׳אונגעהויער שטאַרקע, די גאַסען זענען געווען געפאַקט, אַנ׳אימה׳דיגע ענגעניש און דערשטיקעניש פון די גרויסע מאַסען מענשען, וואָס האָבען זיך דאָרט שטענדיג געפונען. עס האָבען זיך געצויגען אונענדליכע אָבאָזען, גע-

פלויגען אַהין און צוריק אויטאָמאָבילען, געטראָגען זיך מיט אַ רעש אַרטילעריע, געגאַנגען אָהן אַ צאָהל עשאַלאָנען סאָלדאַטען. פון דערוויייטענס האָבען זיך דערטראָגען הילכיגע דונערן פון האַרמאַטען-שיסעריי, און אונטער דעם קלאָרען הימעל זענען פון צייט צו צייט געפלויגען דייטשישע שטאָלענע „טויבען" און גע-טראָגען מיט זיך טויט און צושטערונג. עס האָט זיך געפיהלט דער הייסער, גיכער איבערגעריסענער אָטעם פון אַ שווער קראַנקען.

ביי יענער צייט האָט די גאַנצע מלחמה פון מזרח-פראָנט קאָנצענטרירט זיך אין פוילען און אָבגערופען זיך אין ווארשא מיט אַלע איהרע בלוטיגע שרעקען, מיט איהר צער און ליידען, זיפצען און קלאָגען. אַהין האָבען זיך פון די שלאַכט-פעלדער געצויגען הונדערטער טויזענד פערוואונדעטע און, צוגלייך מיט זיי, האָבען אַהין געצויגען זיך פון די אַרומיגע שטעדט, שטעדט-לעך און דערפער צעהנדליגער און הונדערטער טויזענדער אומ-גליקליכע, אַנטלאָפענע פון מלחמה-שרעק, אַרויסגעיאָגטע איבער ראַסען-האַס, מסירות און בלבולים. אין וואַרשא האָט זיך מעהר ווי ערגעץ אַנדערש אָבגעשפיגעלט די גרויסע תוכחה, וואָס האָט זיך אויסגעגאָסען אויף דער יודישער בעפעלקערונג פון פוילען. יעדען טאָג פלעגען אָנקומען טויזענדער יודישע נפשות, מעהרסטענ-טייל צופוס, בערויבטע, נאַקעטע, הונגעריגע, ערשיטערטע און הילפלאָזע. די אַלע אומגליקליכע האָבען זיך געצויגען צו דער גמינע, וועלכע האָט געקאָכט ווי אַ קעסעל, געווען פול אי-בער די ברעגען מיט אונבעשרייבליכע צרות און פיין. אין שטאָדט האָבען זיך געפונען איבער פופציג טויזענד היימלאָזע. די מעהרסטע טייל פון זיי האָט מען צייטווייליג בעזעצט אין אַלערליי יודישע אַנשטאַלטען. עטליכע הונדערט מאַן, דערהויפט פרויען מיט קינדער, האָט מען איינגעאָרדענט אין דעם יודישען ליטעראַרישען קלוב „הזמיר", וואָס איז געווען געגרינדעט און אָנגעפיהרט דורך י. ל. פרצ׳ן.

פרץ, שוין אַ קראַנקער, אַ מידער, אַ צובראָכענער פון די אַלע צרות, האָט זיך געפונען די גאַנצע צייט אין רעכטען גיהנום פון יודי-

שען חורבן. אַ האַלבען טאָג האָט ער זיך געפונען אין דער גמינע, וואו ער האָט געהאַט צו טהון מיט די ניי-געקומענע היימלאָזע, און דעם אַנדערן האַלבען טאָג האָט ער אַוועקגעגעבען אַנ׳אַנדער אַרבייט פאַר די היימלאָזע. געזאַמעלט פון זייערטוועגען געלד־מיטלען, געלאָפען אויף זיצונגען, געשריבען אַרטיקלען און אויפ־רופען.

כמעט דעם ערשטען טאָג, ווי איך בין געקומען קיין וואַרשא, האָט פרץ מיך געפיהרט אין „הזמיר״.

דער גרויסער זאַל איז געוועזן ביי אַלע ווענד ענג אַרומגעקלעבט מיט בעטלעך, בענק און קאַסטענס, אויף וועלכע עס זענען געזעסען און געלעגען קינדער צו דריי-פיר אויף איין בעט. חוץ זיי איז דער זאַל געווען געדיכט אָנגעפּאַקט מיט מאַנסבילען, פרויען און קינדער, דער זאַל האָט אויסגעזעהן ווי אַ צושטערטער מילבען-בערגעל. עס איז געשטאַנען אַ רעש פון הונדערטער קולות, טויב צו ווערען. אַז איך האָב זיך צוגעקוקט צו די היימלאָזע, האָב איך בעמערקט, אַז עלטערע יודען האַלטען זיך בעזונדער, אָן אַ זייט, אַז אין דעם מענשען-שטראָם געהען איינִיגע אַרום פאַר זיך, פערטראַכטע, פערביטערטע, נישט בע-מערקענדיג די אַרומיגע.

געוועהנליך אַ פערזאַמלונג פון פיל קינדער, מאַכט דעם איינדרוק פון פרייד און פריהלינג. דאָ אָבער האָבען די קינ-דערלעך אויסגעוויזען ווי פערל, צושאָטענע איבער׳ן גאַס. זיי האָבען זיך אומגעבלאָנקעט איבער׳ן זאַל ווי איבעריגע, פערלוי-רענע, מיט דעם אויסדרוק פון פער׳יתומ׳טקייט אויף די פנימ׳לעך.

טראַגישער פון אַלץ איז ביי די היימלאָזע געווען זייער „רוהיגקייט״, קיינער האָט זיך נישט געקלאָגט, איז נישט געוועזן אויפגערעגט. אַז פרץ, דינעזאָן און איך זענען אַריין אין זאַל, האָט קיינער נישט בעמערקט, אַז עס זענען געקומען פרעמדע מענשען; טעמפּ געקוקט אויף אונז, געשוויגען. אַז מיר האָבען גענומען פונאַנדערפרעגען, האָבען זיי דערצעהלט, וואָס פאַר אַ שרעקען און צרות זיי איז אויסגעקומען אויסצושטעהן. דער־צעהלט שטיל, איינטעניג, מיט אַ פערשטיינערטען אויסדרוק אויף

די פנימ׳ער עס האָט זיך געפּיהלט, אַז די דערשלאָגענע מענ־שען האָבען פערלוירען זיך אַליין און יעדע האָפנונג.

אַ יונגערמאַן דערצעהלט וועגען דעם חורבן פון זיין שטעדטעל און גלייכגילטיג רוהיג גיט ער צו:

—דאָרטען זענען פערבליבען דער פּאָטער מיינער מיט אַ ברודער. עס ווייזט אויס, אַז זיי זענען דער׳הרג׳עט געוואָרען...

—געוויס דער׳הרג׳עט געוואָרען,—רופט זיך אָב קאַלטבלו־טיג אַ יודענע,—יודען, וואָס זענען געקומען פון דאָרטען, האָבען דערצעהלט, אַז מען האָט זיי ביידע געזעהן ליגען אין גאַס גע׳־הרג׳עטע.

און דער יונגערמאַן הערט דאָס אויס גלייכגילטיג, ווי איהם וואָלט דאָס נישט ריהרען.

און מיט דערזעלבער פערשטיינערטער רוהיגקייט דער־צעהלט אונז נאָך אַ יודענע וועגען איהרען אַ פעטער, אַ זקן פון פיראונזיבעציג יאָהר, וועלכען מען האָט געפינען אין אַ גרוב מיט אָבגעהאַקטע הענד און פיס און אַנ׳אָבגעשניטענער צונג...

אונז רינגלען אַרום שוין צעהנדליגער מענשען און יע־דערער דערצעהלט זיין „מעשה״—ערצעהלונגען פון בלוט און שרעק. עס דערצעהלען אַנטלאָפענע וועגען מלחמה־ליידען, וועגען די מוטווילליגסטע מעשים פון די קאָזאַקען, עס דערצעהלען די אַרויסגעטריבענע וועגען דעם, וואָס זיי איז אויסגעקומען אויכצושטעהן. כמעט אומעטום איז געווען דאָסזעלבע. געקומען קאָזאַקען מיט פּיקעס, מיט נאַגייקעס, אַרויסגעטריבען פון די הייזער, געהייסען גלייך, אָדער אין אַ פּאָר שעה אַרום, פערלאָזען די שטאָדט. מען איז געגאַנגען צופוס דרייסיג, פופציג, זי־בעציג וויאָרסט, געשלעפּט זיך מיט די קינדער, מיט אַלטע, קראַנקע, אונטער׳ן רעגען, איבער בלאָטיגע וועגען. געגאַנגען טאָג און נאַכט, פערשמאַכטע פון הונגער און דורשט. אלטע און שוואַכע זענען געפאַלען און געשטאָרבען אין וועג, שוואַכע קינ־דער זענען אויסגעגאַנגען ביי די מוטערס אויף די הענד, שוואַנ־גערע פרויען האָבען מפּיל־געווען...

מיר שטעהען אין מיטען זאַל און הערען די אונענדליכע

פינסטערע ערצעהלונגען. נעבען מיר שטעהט אַ מיידעלע פון אַ יאָהר אַכט, אַ דינינקע, מיט אַנ׳איידעלען פנימ׳ל, הערט זיך אויפמערקזאַם און ערנסט צו, ווי אַ דערוואַקסענע, און אין איה-רע גרויסע שוואַרצע אויגען דריקט זיך שוין אויס דער אַלטער, טויזענדיעהריגער טיפער יודישער טרויער...

## ד

ווענען דעם פוילישען בלבולים-קאַמף געגען יודען, האָב איך זיך אָנגעהערט אין פעטערבורג און אין אַנדערע ערטער. קומענדיג קיין וואַרשא, אין צענטר פון פוילישען פאָליטישען לעבען, האָב איך בעקומען די מעגליכקייט מיט אייגענע אויגען צו זעהן, אויף וויפיל דער שענדליכער קאַמף איז אָרגאַניזירט און ווערט סיסטעמאַטיש דורכגעפיהרט; אויף וויפיל דער בלבול-סם האָט אַריינגעדרונגען אין יעדען ווינקעלע פון לעבען, פער-כאַפט די טיפסטע שיכטען פון פאָלק און געוואָרען כמעט אַנ׳-אונבעוואוסטזיניגע פאָלקס-שאַפונג. ווי ווייט איך בין נישט גע-שטאַנען פון פוילישען לעבען, האָב איך זיך דאָך אויף יעדען שריט און טריט געטראָפען מיט דער שרעקליכער „שפיאָנאַזש-לעגענדע״.

פערפאָהרען בין איך אין האָטעל „אייראָפּא״, וועלכער איז כמעט דורכאויס געווען בעזעצט מיט העכערע מיליטער-בע-אַמטע. דאָס צימער, וואָס מען האָט מיר אָבגעגעבען, האָט זיך נאָר-וואָס געהאַט בעפרייט און איהם האָט אויפגערוימט די דינסט; אַ בעיאָהרטע פוילישע פרוי, מיט אַ בעל-הבתישען, נאַאיווען, עהרליכען אויסזעהן. באַלד ווי איך בין אַריין, האָט זי זיך אָנ-געהויבען צו בעקלאָגען:

—אוי, פריצ׳ל, וואָס ביי אונז טהוט זיך! וואָס פאַר אַ צרות מיר שטעהען דאָ אויס! די דייטשען קומען צו פליהען אויף זייערע טייוועלשע מאַשינען, וואַרפען באָמבעס, הרג׳ענען צעהנדליגער אונשולדיגע מענשען!... אוי, פריצ׳ל, וויפיל צרות אונז פערשאַפען די דייטשען און די—„זשידעס״...

—וואָס פאַר אַ שלעכטס טהוען אייך די יודען?—פרעג איך.

—טעלעפאָנען!..—ענטפערט זי אונבעשטימט,—וועגען אַלץ גיבען זיי באַלד צו וויסען די דייטשען. זונטאָג, בשעת עס זענען אַהער געקומען די לופט-מאַשינען, האָבען די „זשידעס״, דורך אַלערליי סמנים געגעבען צו וויסען, אַז אין קאָשציאָל געפינען זיך די גרעסטע גענעראַלען. האָבען יענע אָנגעהויבען וואַרפען באָמבעס אויפ׳ן קאָשציאָל. צום גליק, האָבען זיי נישט געטראָפען.

די אַלטע דינסט דערצעהלט עס מאָנאָטאָן, ווי אַ לעגענדע, ווי אַן׳אויסגעלערנטען מאמר. עס ווייזט אויס, זי חזר׳ט איבער דעם זעלבען מאמר פאַר אַלע געסט, מיט וועלכע זי טרעפט זיך.

פון די באָמבעס זענען גע׳הרג׳עט און פערוואונדעט געוואָרען איבער צעהן מענשען, דורכאויס פאָליאַקען,—האָט עס די לעגענדע אונטערגעכאַפט און באַלד ערקלערט:

—יודען האָבען אַזאַ זאַלב, מיט וועלכען זיי שמירען זיך אָן און דאַן קאָן זיי קיין שום באָמבע נישט שאָדען.

עטליכע שעה נאָך דעם געשפרעך מיט דער דינסט, בשעת איך האָב זיך געזעהן מיט ווירובאָוו׳ן, האָט ער מיט אַ צאָרן-געפיהל מיר דערצעהלט:

—מען קאָן פון זינען אַראָב פון דעם פערהאַלטען זיך פון די פאָליאַקען צו יודען: קיין טאָג געהט נישט פאַרביי אָהן אַ סקאַנדאַל. מיר האָבען דאָ אַ שפייז-פונקט, וואו עס אַרבייטען פוילישע סטודענטען. היינט זענען אַהין געקומען אַרבייטען זעקס יודישע סטודענטען. ווי נאָר די פאָליאַקען האָבען דערזעהן די יודען, האָבען זיך אַלע אויפגעהויבען און אַוועק פון „פונקט״ געלאָזען איהם אָהן בעדינונג און נישט אומגעקעהרט זיך, ביז די יודען זענען נישט אַוועק פון דאָרט.

אויפ׳ן צווייטען טאָג איז צו מיר געקומען אַ יודישע פריילן מאַרקאָוויטש. זי האָט געאַרבייט אין לאָדז אַלס באַרמהערציגע שוועסטער. אַז די לאַגע אין לאָדז איז געוואָרען קריטיש און מען האָט פון דאָרט עוואַקואירט די פערוואונדעטע,

האָט מען זי אַוועקגעשיקט קיין וואַרשאַ. געקומען איז זי שפּעט בייַנאַכט און איז אַריין אין דעם ערשטען לאַזאַרעט, וואָס זי האָט געטראָפען, בעוויזען די פּאַפּירען און געבעטען מען זאָל איהר ערלויבען איבערנעכטיגען אין לאַזאַרעט. דער לאַזאַרעט איז אָבער געווען אַ פּוילישער און ווי די פערוואַלטערין האָט דערזעהן פון די פּאַפּירען, אַז זי האָט צו טהון מיט אַ יודיש קינד, האָט זי זיך צושריען:

—אייערע זשידקעס זענען פעררעטער! זיי האָבען געהאָלפען קאָרפּ'ן אַנטלויפען צום שונא, זיי שיקען געלד קיין דייטשלאַנד, צושטערען אונזערע פעלד-טעלעפאָנען. ווי שעמט איהר זיך נישט צו בלייבען אַ יודין!

און האָט איהר נישט ערלויבט צו נעכטיגען אין לאַזאַרעט, דאָס הייסט, בייַנאַכט אַרויסגעוואָרפען זי אויפ'ן גאַס.

אין עטליכע טעג אַרום האָב איך זיך בעגעגענט מיט אַ בעפולמעכטיגטען פון אַ סאַניטאַרען-אָבטיילונג פון לאָדז, אַ יוד—שיפסבויער.

—פון אַלע צרות, וואָס מיר האָבען איבערגעלעבט אין לאָדז,—האָט ער מיר דערצעהלט,—איז דאָס ביטערסטע און שרעקליכסטע געווען דאָס פערהאַלטען זיך פון די פּאָליאַקען צו אונז. עס זענען נישט געווען אַזעלכע בלבולים, וואָס זיי האָבען נישט אויסגעטראַכט אויף יודען. בשעת איבער לאָדז זענען געפלויגען אַעראָפּלאַנען, איז אַ יוד געשטאַנען ביי זיך אויפ'ן גאַניק, געקוקט אַרויף און דערביי אַ ניס געטהון. האָבען איהם די פּאָליאַקען באַלד גע'מסר'ט, אַז מיט'ן ניסען האָט ער געגעבען די אַעראָפּלאַנען (וואָס זענען געפלויגען ביי אַ וויאָרסט אין דער הויך) אַ צייכען, וואו צו וואַרפען באָמבעס, און מען האָט דעם יוד אַרעסטירט. דעם צווייטען מאָל האָבען די פּאָליאַקען געבראַכט אין שטאַב אַ יוד און איהם בעשולדיגט, אַז ער האָט ערגעץ-וואו בעהאַלטען אַ דייטשען פליהער. נעבען דעם יוד'ס וואוינונג איז אַראָבגעפאַלען אַ דייטשער אַעראָפּלאַן—אין דער פליהער איז פערשוואונדען, מסתמא האָט איהם דער יוד בעהאַלטען. און כאָטש דער יוד האָט גע'טענה'ט, אַז ער האָט קיין

אַעראָפּלאַן אין די אויגען נישט געזעהן, אַז די גאַנצע מעשה איז אַ ליגען—האָט מען איהם אַרעסטירט. נאָכדעם איז מען געפאָהרען נעהמען דעם אַראָבגעפאַלענעם אַעראָפּלאַן, נאָר מען האָט איהם נישט געפונען. מיינט איהר, האָט מען פון דעם געדרונגען, אַז די מעשה איז אַ בלבול און דעם יוד בעפרייט? ניין! מען האָט נאָך צוויי יודען אַרעסטירט צוליב דעם חשד, אַז זיי האָבען בעהאַלטען דעם אַעראָפּלאַן.

—אָבער מעהר פון אַלעמען האָבען מיר געליטען פון די פוילישע „סאָקאָלען”,—האָט שיפּסבויער ווייטער דערצעהלט.—אַז די דייטשען האָבען צום צווייטען מאָל געגומען לאָדז, זענען מיט זיי צוזאַמען געקומען די עסטרייך-פוילישע „סאָקאָלען” און אָנגעהאָפּען די גרעסטע שרעק אויף יודען. געראַבעוועט יודיש גוטס, געשלאָגען, גע'הרג'עט, פערשאַפט די גרעסטע בעליידיגונגען. נאָכדעם האָבען זיי אָנגעהויבען צווינגען יודישע יונגעלייט אַריינצוטרעטען אין זייער „סאָקאָלען”-אָרגאַניזאַציע. מ'איז אַנטלאָפען, זיך בעהאַלטען פון זיי, אָנגעווענדט אויך דאָס וויכטיגסטע מיטעל—אויסקויפען זיך. אין אָנהויב האָט מען זיי געצאָהלט צו הונדערט, צו פופציג רובל, שפּעטער האָט מען זיך פאַר אַ דרייערל אויסגעקויפט. לסוף, אַז די דייטשען זענען אָבגעטרעטען און די רוסען זענען צוריקגעקומען קיין לאָדז, האָבען די פּאָליאַקען פערשפּרייט אין דער אַרמעע אַ קלאַנג, אַז די „סאָקאָלעס” זענען געווען איבערגעטהוענע יודען. זיי האָבען זיי אפילו אַנדערש נישט אָנגערופען, ווי די „זשידאָווסקע דרוזשינע”.

בשעת איך האָב איינגעאָרדענט דעם שפּייז-סאַניטאַר-פונקט ביי וואַרשא, האָב איך געדאַרפט איינקויפען פאַר איהם נאַהרונגס-מיטלען. אין „זעמסקי” פערבאַנד האָט מען מיר געגעבען אַ רשימה און אָנגעוויזען, אין וועלכע קראָמען אַלץ צו קויפען. איך האָב בעמערקט, אַז דאָס זענען אויסשליסליך פוילישע קראָמען, נישט איין יודישע. נאָר אַזוי ווי מען האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז דער „פערבאַנד” פיהרט שטענדיג געשעפטען מיט די פירמעס און זיי גיבען אַ הנחה—פּראָצענטען, האָב איך אַלץ איינ-

געקויפט אין די אָנגעוויזענע קראָמען. געדאַרפט האָב איך, צווי-שען אַנדערע פּראָדוקטען, עטליכע הונדערט פוד קרויט. נישט געפונענדיג קיין קרויט אין דער אָנגעוויזענער פּוילישער קראָם, בין איך אַוועק אויפ'ן מאַרק און בעשטעלט קרויט ביים יודי-שען קרעמער, ווייספּלייש. אויף מאָרגען פריה בין איך געווען אין סקלאַד פון „פערבאַנד", וואוהין עס האָבען געדאַרפט אָנקו-מען די בעשטעלטע סחורות. מיט איינינע קרעמער, צווישען זיי מיט ווייספּלייש'ן, האָב איך גערעדט דורכ'ן טעלעפאָן. די פער-וואַלטער פון סקלאַד, צווי יונגע פּאָליאַקען, האָבען זיך צוגע-הערט צו מיין טעלעפאָן-געשפּרעך. אַז איך האָב אַרויסגערופען און דורכגעשמועסט זיך מיט ווייספּלייש'ן, האָט זיך איינער פון די פּאָליאַקען געווענדט צו מיר צורודערט:

—הערט! אפנים איהר קענט נאָך דאָ קיינעם נישט און ווייסט נישט, וואו צו קויפען פּראָדוקטען? מיר וועלען אייך גע-בען אַ רשימה פון קראָמען, וואו מען דאַרף קויפען.

—מען האָט מיר שוין אין „פערבאַנד" געגעבען אַזאַ רשימה,—האָב איך געענטפערט.

—ווי הייסט?—האָט זיך פערוואונדערט דער צווייטער פּאָ-ליאַק,—איך האָב געהערט, אַז איהר האָט גערעדט מיט איינעם ווייספּלייש, ביי וועמען איהר האָט געקויפט קרויט. דאָס איז דאָך אַ „זשיד"!

—נו, איז וואָס, אַז אַ „זשיד"? איך האָב ביי איהם געפו-נען גוטע קרויט און ביליג...

—אָבער דאָ איז אפנים אַרויס אַ טעות! מיר וועלען אייך נעבען אַ רשימה פון פּוילישע קראָמען.

—וואָס איז דער הלוק: פוילישע אָדער יודישע?—האָב איך זעפּרובט זיין נאַאיוו.

—וואָס הייסט? בעסער דאָך געבען צו לייזען אַ קריסט, איידער אַ זשיד, זיי זענען דאָך אַלע בעטריגער!

—הערט, איך בין אַליין אַ „זשיד", און איך פערזיכער אייך, אַז בעטריגער זענען יענע פּאָליאַקען, וועלכע מאַכען פון דער מלחמה אַ געשעפט און אַ מיטעל פון ראַסען-קאַמף. איך

וועל איך ווייזען, ווי צו פיהרען אין „פערבאַנד״ אַזעלכע שטיק!

איך האָב דאָס אַלץ דערצעהלט ווירובאָוו׳ן. ער איז געווען פערשעמט, האָט צוגעזאָגט צו דערוויטערן די צוויי פּאָליאַקען פון סקלאַד, נאָר ער האָט עס נישט געטהון. און קיין חדוש נישט. דער „פּערבאַנד״ איז אינגאַנצען געווען פערכאַפּט פון פּאָליאַקען, ווירובאָוו אַליין האָט זיך געפונען אונטער זייער איינפלוס, און אין „פערבאַנד״ האָט זיך אין אַ געוויסער מאָס געפיהרט דער יודישער באָיקאָט.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָב איך געדאַט די מעגליכקייט זיך צו איבערצייגען, אַז די פּאָליאַקען פיהרען די בלבול-אַגיטאַציע נישט בלויז אין דער אַרמעע און צווישען די פּאָלקס-מאַסען, נאָר אויך צווישען די אינטעליגענטע און ליבעראַלע פאָרשטעהער פון רוסלאַנד, וועלכע געפינען זיך אין פּוילען. צווישען די מיטגלידער פון „זעמסקי״ און שטאָדטישען „פּערבאַנד״ און דערהויפּט צווישען די קאָרעספּאָנדענטען פון די ליבעראַלע רוסישע צייטונגען. פאַר מיינע אויגען איז אין דעם משך פון עטליכע וואָכען פּאָרגעקומען אַ שטאַרקע ענדערונג אין דער בעציהונג פון אָט די ליבעראַלע עלעמענטען צו דער יודען-ראַגע אין פּוילען. פריהער אָ׳געהויבען קעלטער זיך צו פערהאַלטען צו יודען און זייערע צרות, אויפמערקזאַמער צוצוהערען זיך צו אַלערליי בלבולים אויף יודען און לסוף אָנגהויבען אין פּריוואַטע געשפּרעכען און אפילו אין צייטונגס-קאָרעספּאָנדענצען איבער׳חזר׳ן די בלבול-לעגענדעס...

## ה

איין טאָג האָב איך מיך געטראָפען מיט מיינעם אַ בעקאַנטען רוסישען שריפטשטעלער, מויזשעל, אַ מיטאַרבייטער פונ׳ם סאָציאַליסטישען זשורנאַל „רוסקאָיע באָגאַטסטוואָ״. ער האָט זיך געהאַלטען פאַר אַ גרויסען ראַדיקאַל און, פערשטעהט זיך, אויך פאַר אַ יודען-פריינד. ער האָט מיר דערצעהלט, אַז ער האָט

בעקומען אַנ׳איינלאַדונג פון דער פוילישער שריפטשטעלער-סע-
קציע ביי דעם „אַביוואַטעלסקי״ קאָמיטעט אויף אַנ׳אינטימער פערזאַמלונג פון פולישע און רוסישע שריפטשטעלער. דער ציל פון דער פערזאַמלונג איז צו שאַפען אַ פעראייניגונג צווישען די ליטעראַטען פוןביידע פעלקער. דערביי וועלען אויך בעהאַנ-
דעלט ווערען איניגע וויכטיגע פראַגען און דערהויפט די שאר-
פע יודען-פראַגע.

—וועמען האָט מען איינגעלאַדען?—האָב איך געפרעגט.

—פּיאָדראָוו׳ן, נעמיראָוויטש-דאַנטשענקאָ, גריגאָרי פעטראָוו׳ן, גראַף א. טאָלסטאָי, וואַלערי בריוסאָוו׳ן, מיך...

—און נישט איין יודישען שריפטשטעלער?

—ניין.

—רעכענט איהר עס פאַר נאָרמאַל, אַז אויף אַ פערזאַמ-
לונג, וואו מען וועט בעטראַכטען די יודישע פראַגע, האָט מען נישט איינגעלאַדען קיין יודישע שריפטשטעלער?

—עס פערשטעהט זיך, אַז עס איז נישט אָרענטליך! איך וועל אויף דער ערשטער פערזאַמלונג אויפהויבען די פראַגע.

אין אַ פּאָר טעג אַרום בעגעגען איך איהם שפּעט ביינאַכט. נאָר-וואָס אַז ער איז געקומען פון דער פויליש-רוסישער פער-
זאַמלונג. ער דערצעהלט מיר, אַז דערווייל איז פאָרגעקומען בלויז אַ פריינדליכע בעגעגעניש. אויף דער קומענדיגער פער-
זאַמלונג וועט מען רעדען וועגען דער יודישער פראַגע.

—האָט איהר מקיים געווען אייער הבטחה? האָט איהר גע-
שטעלט די פראַגע וועגען איינלאַדען יודישע שריפטשטעלער?

—ניין... עס איז נישט אויסגעקומען... נאָר איך האָב עטוואָס בעסערס געטהון. אַז מען האָט צונויפגעשטעלט דעם צעטעל, וועמען איינצולאַדען, האָב איך פאָרגעלעגט אייך, אַלס מיטאַרבייטער פון רוסישע צייטונגען. האָט מען בעשטימט אייך איינצולאַדען. איך האָב געזאָגט, פערשטעהט זיך, אַז איהר זענט אַ יוד...

אַז איך האָב דאָס מיטגעטיילט פּרצ׳ן, נח פּרילוצקי׳ן און איניגע אַנדערע כלל-טהוער, האָט מען בעשטימט, אַז אויף דער

פערזאַמלונג זאָל איך אַרויסשטעלען די פאָדערונג, אַז מען זאָל אויף די קינפטיגע פערזאַמלונגען איינלאַדען פאָרשטעהער פון דער וואַרשאָווער יודישער פרעסע. און אויב מען וועט אויף דעם נישט איינשטימען, זאָל איך פראָטעסטירען און פערלאָזען די פערזאַמלונג.

נאָר פראָטעסטירען איז מיר נישט אויסגעקומען. מען האָט מיך, גאָר פשוט, נישט איינגעלאַדען. וועגען דער פערזאַמלונג האָט מען מיר מיטגעטיילט, אַז אויף איהר איז אַרויסגעטרעטען אַ רוסישער זשורנאַליסט וואָראָנאָוו און האָט זעהר שאַרף גע-רעדט וועגען דער פוילישער פאָליטיק געגען יודען. די איבערי-גע רוסישע זשורנאַליסטען האָבען איהם נישט געשטיצט און דער „הייסער יודען-פריינד" גריגאָרי פעטראָוו, האָט אפילו געפונען פאַר נויטיג צו פראָטעסטירען געגען וואָראָנאָווס ווערטער. די פאָליאַקען האָבען געענטפערט אויף וואָראָנאָווס בעשולדיגונג, אַז זיי האָבען געפרובט צונויפצורעדען זיך מיט די יודען, נאָר עס איז נישט געלונגען. דערצו האָבען זיי צוגעגעבען, אַז ביי זיי געפינט זיך זעהר פיל מאַטעריאַל וועגען דעם יודישען שפּיאָ-נאַזש און פערראַט געגען רוסלאַנד, וועלכען זיי וועלען פער-עפענטליכען ערשט נאָך דער מלחמה. קיין שום פאַקטען האָבען זיי נישט געבראַכט.

די דאָזיגע פערזאַמלונגען פון די פאָרשטעהער פון דער פרעסע, זענען געוועזן אָרגאַניזירט כמעט מיט דעם איינציגען ציל, צו „בעאַרבייטען" די רוסישע זשורנאַליסטען. די פאָליאַקען האָבען פערשטאַנען, אַז פאַר די רוסישע שריפטשטעלער, בעזונ-דערס פאַר די ליבעראַל-געזאָנענע, זענען וועניג די נאַרישע בלבולים וועגען אַנ׳אָרון מיט אָנדערטהאַלבען מיליאָן רובל גאָלד אָנשטאָט אַ מת א. ד. ג., האָט מען זיך גענומען מיט איידעלע-רע מיטלען צו ווירקען אויף זיי. און אין אַ געוויסער מאָס האָט זיך דאָס איינגעגעבען. אין אַ קורצער צייט איז פאָרגעקו-מען אַ שטאַרקע ענדערונג אין דער שטימונג פון די רוסישע זשורנאַליסטען בנוגע צו יודען. אפילו אַזאַ שריפטשטעלער ווי וואַלערי בריוסאָוו, וואָס האָט געשריבען אין די „רוסקיאַ וויע-

דאָמאָסטי״, איז אונטערגעפאַלען אונטער דעם איינפלוס פון די פוילישע נאַציאָנאַל-דעמאָקראַטען און זיי.ע קאָרעספאָנדענצען האָבען אַלץ שטאַרקער געשמעקט מיט אַנטיסעמיטיזם. נאָכמעהר האָט זיך דער אַנטיסעמיטיזם געפיהלט ביי אַנדערע זשורנאַליסטען.

דער געוועזענער גלח גריגאָרי פעטראָוו, וועלכער האָט אַראָבגעוואָרפען פון זיך דעם גלח׳ישען „סאַן" מיט אַזאַ פייער-דיגען ראַדיקאַליזם און איז אייניגע מאָל אַרויסגעטרעטען אין דער פרעסע אַלס אַ פערטיידיגער פון יודען, האָט זיך די ערשטע צייט אַרויסגעזאָגט זעהר שאַרף געגען די פּאָליאַקען. אַז איך האָב זיך מיט איהם דאָס ערשטע מאָל בעגעגענט, האָט ער מיך געבעטען איהם בעקענען מים פרצ׳ן. איך בין מיט איהם געווען ביי פרצ׳ן. ער האָט דאָרט פערבראַכט עטליכע שעה און געשאָטען פעך און שוועבעל אויף די פּאָליאַקען פאַר זייער נידערטרעכטיגער בעציהונג צו יודען.

מיט אַ פאָר וואָכען שפעטער, עטליכע טעג נאָך דער פערזאַמלונג פון די פוילישע און רוסישע זשורנאַליסטען, וועגען וועלכער כ׳האָב פריהער דערצעהלט, איז מיר אויסגעקומען צו ווענדען זיך צו פעטראָוו׳ן מיט אַ בקשה, ער זאָל דורכריידען מיט איינעם פון די הויך-געשטעלטע רוסישע בעאַמטע וועגען אַכט סאָכאָטשאָווער יודען, וועלכע מען האָט צוליב אַ בלבול אַרעסטירט און עס האָט געהאַלטען דערביי, מען זאָל זיי הענגען.

געטראָפען האָב איך פעטראָוו׳ן שוין אין אַ פוילישען נאַציאָנאַלען קאָזאַקין. אויף מיין בקשה האָט ער מיר אויפגערעגט געענטפערט מיט אַ לאַנגער, זעהר כאַראַקטעריסטישער רעדע, וועלכע איך האָב דאַן גלייך וואָרט פאַר וואָרט פערשריבען:

—אָט האָט איהר מיר דערצעהלט אַ שרעקליכע מעשה וועגען די סאָכאָטשאָווער יודען? העלפען קאָן איך זיי נישט, איך קאָן נאָר מיטפיהלען. מיר טהוט וועה דאָס האַרץ. און פריהער האָט מיר שוין דרייסיג מאָל דאָס האַרץ געקלעמט פון אַזעלכע מעשיות. דאָסזעלבע איז מיט נעמיראָוויטש-דאַנטשענקאָ, מיט מויזשעל׳ן און אַנדערע. אָבער וואָס איז די פעולה פון אונזער האַרץ-וועהטאָג?—גאָרנישט! פונדעסטוועגען קומט איהר, און פרי-

לוצקי, און גרינבּוים צו אונז און דערצעהלט די שרעקליכע מעשיות און נערווירט אונז, אין דער צייט, ווען מיר נויטיגען זיך אין אַ רוהיגער שטימונג פאַר אונזער אַרבּייט... איך האָב נאָך מיט צוויי חדשים צוריק געגעבּען אַנ׳עצה פּרילוצקי׳ן, וואָס מען דאַרף טהון. בּיי אייך זענען דאָ רבּנים. מסתּמא איז בּיי אייך, ווי בּיי אַלע, דאָ אַ העכסטער איבּער אַלע רבּנים, זאָל ער אַרויסגעבּען אַנ׳אויפרוף צו אַלע יודען, אויפווייזען זיי ווי צו פיהרען זיך: נישט צוקוקען זיך צו דער אַרבּייט פון דעם מיליטער, נישט אויספרעגען זיי, נישט בּעהאַלטען קיין סחורה. עס זענען געווען פאַלען, אַז מען האָט געהאָנגען יודען בּ׳ויז ד׳ערפאַר, וואָס זיי האָבען אויסגעפרעגט סאָלדאַטען. ווייטער דאַרף מען דאָך פערשטעהן, אַז דאָס מיליטער איז זעהר אויפגערעגט, און זיי האָבען קיין צייט נישט אַלץ צו בּעטראַכטען, אַלץ אויס-צופאָרשען. אָט בּין איך אַ געוועזענער גייסטליכער און האָב אויך נישט געוואוסט, אַז בּיי אייך איז דאָ אַ מנהג אָדער אַ דין ציהען דראָטען פון איין הויף צום אַנדערן. ווייטער. בּשעת מלחמה פערגעסט מען די טעג, און נישט יעדער קריסט ווייסט, אַז יודען איז פערבּאָטען צו האַנדלען שבּת. קומט מען אין אַ שטאָדט, זעהט מען, אַז די יודישע קראָמען זענען געשלאָסען— איז דער ערשטער געדאַנק: מסתּמא איז דאָס אַ פיינדליכע דע-מאָנסטראַציע געגען דער אַרמעע. מוז מען דאָך דאָס אַלץ ער-קלערען, שרייבּען וועגען דעם בּראָשורען, פערשפּרייטען אין דער אַרמעע. נו, ווייטער מוזט איהר דאָך מודה זיין, אַז שפּיאָ-נאַזש איז דאָ. איך קען הונדערטער פאַקטען. אָט איז איינער— בּיי דער ווייכסעל שטעהט אַ סאָלדאַט, אַ וועכטער, בּיי דער בּריק. געהט צו אַנ׳אַלטער יוד, טראָגט אַ שווערען זאַק אויף די פּלייצעס. דער סאָלדאַט האָט איהם דורכגעלאָזען, אפילו רחמנות געהאַט אויף איהם, וואָס ער טראָגט אַזאַ משא, נאָר דער אַנ-דערער וועכטער האָט איהם אָבּגעשטעלט, אַ טאַפּ געטהון דעם זאַק און דערפיהלט, אַז דאָרט ליגט אַ מענש. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז אין זאַק איז געווען אַ דייטש. האָט מען זיי בּיידע פער׳משפּט צום טויט. מיר האָט דאָס דערצעהלט גוטשקאָוו

און האָט געזאָגט, אַז עס איז אַנ׳אונרעכט, וואָס דעם דייטש האָט מען געשאָסען און דעם יוד געהאָנגען, מען האָט געדאַרפט דעם דייטש אויך הענגען...

—און איהר גלויבט, אַז די מעשה איז אַנ׳אמת׳ע?—האָב איך געפרעגט,—אַז אַנ׳אַלטער מאַן האָט כח געהאַט צו שלעפּען אַ דערוואַקסענעם מענשען אויף זיך, אַז ער האָט געהאַט גענוג מוט צו טראָגען אַ דייטש איבער אַ בריק, וואו עס שטעהען וועכטער?...

—ווער ווייסט?...

—איך ווייס,—האָב איך איהם איבערגעשלאָגען.—דיזעלבע מעשה האָט מיר דערצעהלט מויזשעל, נאָר ביי מויזשעל׳ן האָט דאָס פּאַסירט ביי דער דווינאַ. דאָרט האָט מען אין זאַק גע-פונען, חוץ דעם דייטש, נאָך דריטהאַלבען טויזענד דייטשע זיל-בערנע טאָלער. מויזשעל ווייסט אפילו דעם דייטש׳ס נאָמען: אָטאָ באַאוער!... רעכענט איהר נישט, אַז אָט דער בלאָנדזשענ-דער אַלטער יוד מיט׳ן דייטש אויף די פּלייצעס איז לכתחילה בעשאַפען געוואָרען מיט אַ געוויסען ציל?...

—זאָל זיין אַזוי. איז דאָס אַ לעגענדע, דאַרף מען וועגען דעם שרייבען, קלאָר מאַכען, אַז דאָס איז אַ לעגענדע. איהר קאָנט זיך נישט פאָרשטעלען, וואָס פאַר אַנ׳אויפרעגונג עס הערשט געגען יודען אין די מיליטער-קרייזען. אָט איז נאָך אַ פאַקט. אין אַ יודישען שטעדטעל ביי דעם שלאַכטפעלד איז מען געקומען צום קאָמאַנדיר און דערצעהלט, אַז מען האָט געזעהן, ווי אַ געלער יוד מיט אַ פרוי האָבען געטריבען אַ בהמה צו די דייטשע אָקאָפּעס. דער קאָמאַנדיר האָט געהייסען גלייך כאַפּען און ברענגען צו איהם דעם געלען יוד. מען האָט זיך אַ לאָז געטהון אין שטעדטעל, געכאַפּט דעם ערשטען געלען יוד, וועל-כען מען האָט געטראָפען און געבראַכט צום קאָמאַנדיר. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דער יוד האָט קיינמאָל קיין בהמה נישט געהאַט און איז דעם גאַנצען טאָג פון שטוב נישט אַרויס.

„פונדעסטוועגען, אייף יעדען פאַל, הענגט איהם אויף!״— האָט געהייסען דער קאָמאַנדיר.

און מען האָט איהם אויפגעהאַנגען. פערשטעהט איהר, ביי וואָס עס האַלט? און וואָס טהוען אייערע צייטונגען „רעטש״ און „דיען״? זיי פערשטאַרקען נאָך די אויפרעגונג געגען יודען. שטעלט זיך פאָר: די טעג נעהם איך די צייטונג „רעטש״, אַ רוסישע צייטונג. וואָס פאַר אַ לייט-אַרטיקעל געפין איך אין איהר? „דער יום-טוב פון די מכבי׳ער!״ מיך האָט דאָס שרעק-ליך אויפגערעגט און נאָכמעהר דעם אָפּיציר, וואָס איז מיט מיר געפאָהרען. וואָס איז עס? רוסלאַנד איז שוין אויף אַזוי פיל פערריודישט, אַז רוסישע צייטונגען פייערן יודישע יום-טובים, חנוכּה?

—רעכענט איהר נישט, גריגאָרי ספּירידאָנאָוויטש, אַז אַ חוץ די צייטונגען „רעטש״ און „דיען״ העצט נאָך ווער עס איז אויף די אַרמעע געגען יודען? אפשר די פּאָליאַקען?

—אָט איהר טענה׳ט דאָס שטענדיג!—האָט ער אויפגערעגט געענטפערט.—נעכטען בין איך געווען אויף דער פערזאַמלונג פון די רוסישע און פּויִלישע זשורנאַליסטען, האָט מען דאָרט די פּאָליאַקען שרעקליך בעליידיגט! די פּאָליאַקען האָבען איינגעלאַ-דען די פאָרשטעהער פון דער רוסישער פרעסע אויף אַ בעראַ-טונג וועגען דעם עקאָנאָמישען צושטאַנד פון לאַנד, דערביי האָ-בען זיי ערקלערט, אַז זיי אינטערעסירען זיך נישט מיט פּאָלי-טיק. וואָס האָבען די רוסישע זשורנאַליסטען געטהון? ווי זיי זענען נאָר געקומען, האָבען זיי געשטעלט די פראַגע: „און ווי בעציהט איהר זיך צו יודען?״ אויף דעם האָבען די פּאָליאַקען געענטפערט: „איהר ווילט נישט אַנדערש, אַז מיר זאָלען זיך פערנעהמען מיט דער יודען-פראַגע? אדרבא. מיר וועלען איין זיצונג ווידמען דער פראַגע.״ נעכטען, אַז מיר האָבען זיך פער-זאַמעלט, האָבען זיי אונז קודם כּל געזאָגט: „אַ וואונדערבאַרע זאַך. איהר זענט געקומען אין אַ חרוב׳ן געגענד, האָט דאָ גע-פונען אַ רואינירט, הונגעריג פויערטום. פאַרוואָס האָט איהר זיך פריהער פון אַלעמען נישט פעראינטערעסירט מיט זיין לאַגע, מיט די פראַגען, ווי צו שאַפען פאַר די פויערים הילף, געבען זיי פערד א. ד. ג.? שוין-זשע איז אין פּוילען נישטאָ קיין

שום פראַגע, וואָס זאָל זיין אינטערעסאַנטער, ווי די יודישע?" נו, וואָס האָט מען זיי געקאָנט אויף דעם ענטפערן? זיי זענען דאָך גערעכט. „די יודען,—זאָגען זיי,—זענען נישט צופרידען מיט אונז, נאָר מיר זענען אין דעם נישט שולדיג. מיר גרינדען קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפטען, וועלכע רייסען אונטער דעם האַנדעל אי ביי די יודישע, אי ביי די פוילישע קרעמער. וואָסזשע, זאָלען מיר זיך אָבזאָגען פון אונזערע קאָאָפּעראַטיווען צוליב דעם?"—דאָ איז אַרויסגעשפרונגען אַ זשורנאַליסט וואָראָנאָוו, דוכט זיך אַ יוד. ווער איז ער? פון וואַנען האָט ער זיך גענומען? וואָס פאַר אַ שייכות האָט ער צו דער רוסישער פרעסע?... האָט ער אָנגעהויבען: „די פּאָליאַקען רייצען אויף דאָס מיליטער אויף יודען! זייערע בלבולים ברענגען צו יודישע פּאָגראָמען!" בקיצור, ער האָט אָנגערופען די פּאָליאַקען פּאָגראָמשטשיקעס. שטעלט איך פאָר: מיר זענען ביי די פּאָליאַקען צו געסט. דער פאָרזיצענדער איז דער פירשט טשעטווערטינסקי. און מיט אַמאָל שפרינגט אַרויס איינער און שרייט: „פּאָגראָמשטשיקעס!" דער פירשט טשעטווערטינסקי האָט זיך אַזש אַ כאַפּ געטהון מיט דער האַנד פאַר'ן קאָפּ און אָנגעהויבען רייבען דעם שטערן. נו, דאָ האָב איך זיך נישט געקאָנט איינהאַלטען און האָב זיך אָבגערופען:

„—עס פּאַסט אפילו נישט אָבצושטעלען אַ רעדנער, נאָר איך רעכען פאַר נויטיג צו ערקלערען, אַז וואָראָנאָווס ווערטער דאַרפען נישט אָנגענומען ווערען אַלס די מיינונג פון די פאָרשטעהער פון דער רוסישער פרעסע. איך פּראָטעסטיר געגען די אויסדרוקען, וועלכע ער האָט זיך ערלויבט."

איך האָב דאָ געבראַכט די לאַנגע רעדע פון ג. פּעטראָוו, ווייל זי בעווייזט קלאָר, ווי אַזוי די פּאָליאַקען האָבען „בעאַרבייט" די רוסישע ליבעראַלען. די רעדע איז וויכטיג נאָך אין דעם פרט, וואָס ג. פּעטראָוו האָט אינפאָרמירט וועגען פוילען און אויך וועגען די פויליש-יודישע בעציהונגען איינע פון די גרעכטע און פערשפרייטסטע (איבערהויפּט אויף די פראָנטען) איינפלוסרייכסטע רוסישע צייטונג „רוסקאָיע סלאָוואָ".

איך רעכֿען פאַר נישט איבעריג צו ברענגען דאָ אויך אַ גע-שפרעך, וואָס איך האָב כּמעט אין דערזעלבער צייט געהאַט מיט נאָך אַ ליבעראַל, איינעם פון די פאָרשטעהער פון דער קאַדע-טישער פאַרטיי, דעם פערטיידיגער פון ביילים'ן, וואַסילי אַלעק-סייעוויטש מאַקלאַקאָוו.

ער האָט מיר פאָרגעלעגט העלפען בעקומען אַנ'ערלויבע-ניש צו פאָהרען קיין גאַליציע. דערביי האָט ער מיר געזאָגט:

—אייער אויפגאַבע איז נישט קיין גרינגע. די גאַליציאַנער יודען זענען זעהר פיינדליך געשטימט צו די רוסען. זיי אַלע בעשעפטיגען זיך מיט שפּיאָנאַזש. מען זאָגט, אַז די פּוילישע יודען דינען אויך ביי די עסטרייכֿער אַלס שפּיאָנען, נאָר דאָס ווייס איך נישט...

זעהענדיג, אַז איך וויל איהם עפּעס זאָגען, האָט ער מיך אָבגעשטעלט:

—איך זאָג נישט, אַז בלויז יודען זענען פיינדליך גע-שטימט צו די רוסען. די רוטענישע אינטעליגענץ איז אויך געגען אונז—נאָר זי איז זיך צולאָפּען. מיט די פּאָליאַקען שפּילען מיר איצט אַ ראָמאַן. קומט אויס, אַז פיינדליך צו אונז זענען בלויז יודען. און מען דאַרף דעם אמת זאָגען, אַז נישט בלויז אונזער מיליטער נאָר אויך די אָרטיגע בעפעלקערונג איז זעהר אויפ-געטרעגט געגען יודען, פאַר זייער עקספּלואַטאַציע. שטעלט אייך פאָר, אין גאַליציע זענען די גוט-בעזיצער—יודען!

—בלויז יודען? קיין פּוילישע גוט-בעזיצער זענען דאָרט נישטאָ?—האָב איך געפרעגט.

—פערשטעהט זיך, נישט בלויז יודען! נאָר צו די פּאָליאַ-קען איז מען געוועהנט. דערצו נאָך פיהרען זיך אויף די יודען שרעקליך חוצפּה'דיג! שטעלט אייך פאָר, צום גענעראַל-גובערנאַ-טאָר פון גאַליציע, גראַף באָברינסקי, קומט אַ יודישע דעפּוטאַ-ציע פון יודישע גוט-בעזיצער קלאָגען זיך אויף די פּויערים, וואָס זיי זאָגען זיך אָב קושען ביי זיי די הענד! נו, דאָס איז דאָך אַ חוצפּה!

—וואַסילי אַלעקסייעוויטש, דאָס האָט אייך דערצעהלט אַ

נאָרמאַלער מענש, אָדער אַ משוגע׳נער?

—דאָס איז אַ פאַקט, געוויס אַנ׳איינצעלנער, אָבער אַ פאַקט!... עס פערשטעהט זיך, אַז וועגען יודען טראַכט מען פיל אויס, אָבער אַז יודען האָבען אין לעמבערג געשאָסען אין אונזער מיליטער—וועגען דעם איז קיין שום ספק נישטאָ.

אַזוי האָט איינער פון די קלוגסטע רוסישע אינטעליגענטען אויפגענומען די נאַרישסטע לעגענדעס, וואָס געוויסע פוילישע קרייזען האָבען פערשפרייט. וואָס האָט מען שוין געקאָנט מצַה־נען פון אַנדערע?...

ו

די ערשיטערטע יודישע בעפעלקערונג, נישט האָבענדיג די מעגליכקייט צו קעמפען, נישט געגען די אכזריות׳דיגע בערפאָל־גונגען און רציחות, נישט געגען די שענדליכסטע בלבולים, האָט, ווי אין די אַלטע צייטען, פון די אייגענע זיפצען און טרעהרען געוועבט לעגענדעס, אין וועלכע זי האָט געשעפט מוט און טרייסט. אין איין אָרט האָט מען זיך געסוד׳עט, אַז „דער רבי שרייבט וועגען דער מלחמה אַ מגילה, וועלכע וועט איבער־שטייגען אַלץ, וואָס איז ביז איצט געשריבען געוועזען, און אַז ער וועט ענדיגען, וועט קומען די גאולה אויף יודען”. אין אַנדערע ערטער האָט מען פיל גערעדט וועגען „קץ”. געזוכט איהם אין אַלטע ספרים און גערעכענט, אַז דאָס זענען אָנגע־שטאַנען די אמת׳ע משיח׳ס צייטען. נאָר מעהר פון אַלץ זענען געשאַפען געוואָרען לעגענדעס וועגען די שפּיאָנאַזש-בלבולים. דערביי האָט די פאָלקס-פאַנטאַזיע געאַרבייט אין דערזעלבער ריכטונג, ווי ביי עלילת-דם. ביי עלילת-דם האָט דאָס פאָלק גע־זעהן אין יעדען בלבול נישט אַנ׳אויסגעטראַכטע מעשה, נאָר אַ פערברעכען, וואָס אַנדערע זענען בעגאַנגען, כדי אַרויפצוואַרפען עס אויף יודען. דערביי, בערשטעהט זיך, זענען די לעגענדעס, ווי אַלע פאָלקס-לעגענדעס, דורכגעדרונגען מיט אַ טיפען אָפּטי־

מיזם. מיט דעם גלויבען, אַז סוף כל סוף מוז זיך דער אמת אַרויסוויזען.

מעהר פאַר אַלץ איז געווען פערשפרייט דער בלבול וועגען געהיימע טעלעפאָנען, דורך וועלכע יודען האָבען כלומר׳שט מיטגעטיילט דעם שונא אַלע ידיעות. די פאָלקס-שאַפונג האָט זיך אָבגערופען אויף דעם מיט אַ רייה לעגענדעס, וועלכע זענען אײבערהויפט צוזאַמענגעבונדען מיט זאַמאָשטש. אין איין לעגענדע ווערט דערצעהלט פשוט, אַז דאָרט האָט מען איבער אַ בלבול וועגען אַ טעלעפאָן געהאָנגען עטליכע יודען און גרייט געווען נאָך אויפצוהענגען. נאָר צו די ריכטער איז געקומען אַ גלח מיט אַ צלם און האָט געשוואוירען, אַז שולדיג זענען נישט די יודען, נאָר די פאָליאַקען. און באַלד, ווי ער האָט דאָס אויפגעוויזען, האָט מען פריי געלאָזען די יודען און אויפגעהאָנגען די פאָליאַקען,—זעכצעהן מאַן.

די צווייטע לעגענדע איז מעהר פאָעטיש:

אין זאַמאָשטש האָבען פאָליאַקען פער׳מסר׳ט די יודען, אַז זיי העלפען דעם שונא. האָט מען אַרעסטירט עטליכע יודען. אַז די שופטים האָבען זיך געזעצט משפט׳ן און עס האָט געהאַלטען, אַז מען זאָל זיי פער׳משפט׳ן צום טויט, זענען געקומען אַ רוסישע לעהרערין און אַ רוסישער ציווילער ריכטער, געפאַלען אויף די קניה און געבעטען, מען זאָל נישט אַרויסטראָגען קיין אורטייל, ביז מען וועט זיי נישט אויסהערען. האָבען די שופטים אויף דעם איינגעשטימט. האָבען דער ריכטער און די לעהרערין געשוואוירען, אַז די יודען זענען נישט שולדיג. „אויב איהר ווילט וויסען, ווער איז דער אמת׳ער שולדיגער,—האָבען זיי געזאָגט,—טאָ קומט מיט אונז”. איז מען מיט זיי געגאַנגען. האָבען זיי געפיהרט די שופטים צום גראַף אין הויף, אַראָבגעפיהרט זיי אין אַ טיפען קעלער. דאָרט האָט מען געפונען די גרעפין זאַמאָיסקאַ, ווי זי שטעהט און רעדט דורכ׳ן טעלעפאָן מיט די עסטרייכער. האָט מען זי גלייך אויפגעהאָנגען.

די לעגענדע האָב איך געהערט אין מינסק. און נאָך איינע, אַנ׳עהנליכע, האָב איך געהערט אין לובלין, דאָרט האָט די

לעגענדע זיך געענדיגט אַזוי: אַז מען איז אַרצָב צו דער גרע-
פין זאַמאָיסקאַ אין קעלער, האָט מען דאָרט געטראָפען אַ גאַנצע
חברה יודען אין לאַנגע קאַפאָטעס, אין יאַרמולקעס, מיט לאַנגע
פאות, ווי זיי שטעהען און רעדען אין טעלעפאָן מיט די עסט-
רייכער. האָבען זיך די שופטים פערוואונדערט. אדרבה, ווייזט
דאָך אויס, אַז יודען זענען טאַקי שולדיג. האָט דער רוסישער
ריכטער אַ געשריי געטהון: „נעהמט זיי אויפ׳ן דאָפּראָס!״ האָט
מען די יודען גענומען אויפ׳ן דאָפּראָס, האָט זיך אַרויסגעוויזען,
אַז דאָס זענען פּאָליאַקען, וועלכע האָבען זיך לכתחילה איבער-
געטהון אין יודישע קליידער, כדי, אַז מען וועט זיי כאַפּען,
זאָל דער חשד פאַלען אויף יודען.

נאָך אין אַ לעגענדע ווערט דערצעהלט, ווי אַ פּאָליאַק
האָט איבערגעטהון אַ דייטשען שפּיאָן פאַר אַ יוד, אַוועקגעזעצט
איהם אין אַ גרוב ביי די אָקאָפּעס און אַליין איהם גע׳מסר׳ט.
אַז מען האָט אָבער דעם דייטש אַרעסטירט, האָט מען ביי איהם
געפונען אַ דייטשען פּאַס, און ער האָט זיך מודה געווען, אַז ער
איז נישט קיין יוד.

עס זענען אַרומגעגאַנגען נאָך אַנדערע עהנליכע לעגענדעס.

זעקס יודען האָבען צוגעשטעלט אין דער אַרמעע האָבער.
ווי די פערד האָבען פערזוכט דעם האָבער, זענען זיי גלייך גע-
פאַלען. האָט מען די יודען אַרעסטירט און פער׳משפט צום טויט.
פינף האָט מען אויפגעהאָנגען. דעם זעקסטען האָט מען שפּעטער
אַרעסטירט און אויפ׳ן צווייטען טאָג געפיהרט הענגען. האָט ער
זיך אָבגערופען:

—וואָס האָט איהר צו איילען זיך מיך צו הענגען? איך
בעט אייך, איידער איהר וועט מיך הענגען, שיקט צו דעם און
דעם פּוילישען פּריץ און זאָל מען ברענגען האָבער פון זיין
מיטעלן שפּייכלער.

מען האָט אַוועקגעשיקט צום פּריץ עמליכע רייטער סאָל-
דאַטען. דער פּריץ האָט זיי זעהר פיין אויפגענומען און פאַר-
געלעגט האָבער פון אַלערליי שפּייכלערס, נאָר פון מיטעלן
האָט ער זיי נישט געגעבען. פרעגען זיי: „וואָס געפינט זיך

דאָ?״ ענטפערט ער: „דאָ איז זעהר אַ שלעכטער האָבער״. האָ-בען זיי איהם געגעבעט, ער זאָל עפענען דעם שפּייכלער. אַז זיי האָבען גענומען פון דעם האָבער און געפּרובט איהם, האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז ער איז פער׳סמ׳ט. האָט מען דערמאָלט דעם יוד בעפרייט און דעם פריץ געהאָנגען.

עס זענען אַרומגעגאַנגען נאָך לעגענדעס, וועגען אַ קאָ-מאַנדיר, (אין אַנ׳אַנדער וואַריאַנט—אַ גובערנאַטאָר), וועלכער האָט זיך דערוואוסט, אַז אַ פּוילישער סאָלדאַט רעדט אָן די סאָלדאַטען מאַכען אַ יודישען פּאָגראָם, האָט ער דעם סאָלדאַט צוגערופען, אַראָבגעריסען ביי איהם די „פּאַגאָנעס״ און געזאָגט: „איך וואָלט דיך דערשאָסען, נאָר איך וויל נישט בעשמוצען די הענד מיט דיין אומריין בלוט״.

נאָך האָט מען דערצעהלט, אַז אַ פּוילישער אָפיציר האָט אַרויס-געטריבען אַלע יודישע סאָלדאַטען פון די אָקאָפּעס אויפ׳ן פעלד, וואָס מען האָט בעשאָסען. האָט איין יודישער סאָלדאַט אַרויסגעכאַפּט ביי איהם די שווערד און איהם פערוואונדעט. אַז דער קאָמאַנדיר האָט זיך וועגען דעם דערוואוסט, האָט ער געהייסען דעם יודי-שען סאָלדאַט פריי לאָזען און געזאָגט, אַז ער איז גערעכט.

די פערשפרייטסטע לעגענדע צווישען יודען אין דער איצ-טיגער מלחמה, איז די לעגענדע וועגען דער בעגעגעניש פון צוויי יודישע סאָלדאַטען אויפ׳ן שלאַכטפעלד. איינער האָט גע-שטאָכען דעם אַנדערן און דערהערט, ווי יענער שרייט שטאַר-בענדיג „שמע ישראל״.

בעת איך בין פאַר דער מלחמה אַרומגעפאָהרען איבער וואָלין און פּאָדאָליען זאַמלען פאָלקס-שאַפונגען, האָב איך גע-טראָפען אַ זעהר פערשפרייטע לעגענדע וועגען אַ חתן-כלה, וואָס כמעלניצקי האָט גע׳הרג׳עט, בשעת מען האָט זיי געפיהרט צו דער חופה. אין פּופּצעהן-זעכצעהן שטעטלעך האָט מען מיר גע-וויזען ביי דער שוהל אַ קבר׳ל און אומעטום דערצעהלט די-זעלבע לעגענדע וועגען חתן-כלה. דאָס איז כמעט די איינציגע לעגענדע, וואָס איז פערבליבען אַזוי פערשפרייט פון כמעלניצקיס צייטען. ביי גזרת ת״ח איז געווען אין סכנה דער קיום פון יו-

דישען פאָלק, עס האָט געהאַלטען ביי דעם, אַז אַלע יודען זאָלען אויסגעקוילעט ווערען, און דאָס פאָלק האָט די סכנה סימבאָליזירט אין דער לעגענדע וועגען אַ חתן-כלה, וועלכע זענען געהרג׳עט געוואָרען אין דעם מאָמענט פון זייער פעראייניגונג, כּדי פאַרטצוזעצען זייער משפחה, דעם דור. אַ מין סימבאָל פון אַנ׳אונטערגעהאַקטען בוים אין דעם מאָמענט פון זיין בליהען.

אין דער איצטיגער מלחמה איז נישט פאָרגעשטאַנען די סכנה פון פערשוואונדען פאַר׳ן פאָלק, עס איז אָבער בולט געוואָרען איינע פון די שרעקליכסטע טראַגעדיעס, וועלכע קאָנען פאָרקומען אינ׳ם לעבען פון אַ פאָלק: אַ ברודער זאָל געהן געגען אַ ברודער. און דאָס פאָלק האָט זיך פון דעם ערשטען מאָמענט אָן אָבגעשטעלט אויף דער טראַגעדיע און סימבאָליזירט זי אין דער לעגענדע מיט׳ן „שמע ישראל״.

די לעגענדע האָב איך געהערט אין אַלערליי וואַריאַנטען, אָהן אַ גוזמא אין אַכט אָדער צעהן ערטער: אין פעטערבורג, מאָסקווע, מינסק, קיעוו, וואַרשא בקיצור אומעטום, וואו איך האָב זיך בעגעגענט מיט יודישע סאָלדאַטען אָדער היימלאָזע. כאַראַקטעריסטיש איז, אַז כמעט אומעטום האָט מען זי דערצעהלט נישט ווי אַ מעשה, נאָר ווי אַ פאַקט, וואָס האָט געטראָפען מיט דעם און דעם.

אין פעטערבורג האָט מען מיר דערצעהלט, אַז אין איינעם פון די לאַזאַרעטען געפינט זיך אַ י. דישער סאָלדאַט, וועלכער האָט ביי אַנ׳אַטאַקע געשטאָכען אַנ׳עסטרייכישען סאָלדאַט און יענער האָט אויסגעשריען „שמע ישראל״ איז ,דער רוסישער יוד גלייך אַראָב פון זינען.

אין קיעוו האָב איך געהערט דיזעלבע מעשה אויך וועגען אַ סאָלדאַט, וואָס געפינט זיך דאָרט אין שפּיטאָל. אין דער מעשה איז דער סוף געווען אַזאַ: אַז דער רוסיש-יודישער סאָלדאַט האָט דערהערט דעם „שמע ישראל״, איז ער צוגעפאַלען צום דערשטאָכענעם און גענומען איהם בעטען מחילה. יענער האָט אַרויסגענומען אַ בייטעל מיט געלד, אָבגעגעבען דעם סאָלדאַט, וואָס האָט איהם דערשטאָכען און געבעטען אָבשיקען דער פרוי, נאָר

איידער ער האָט צייט געהאַט צו זאָגען איהר אַדרעס, איז ער געשטאָרבען.

דיזעלבע מעשה האָב איך געהערט אין מאָסקווע. אַז איך בין געווען דאָרט אין יודישען לאַזאַרעט, האָב איך דערצעהלט דעם אַרצט,—אַ יוד, וועגען דער לעגענדע, ווי זי איז פער-שפרייט. אַ יודישער סאָלדאַט, קאַץ, וואָס האָט געהערט אונזער געשפרעך, האָט זיך אָבגערופען:

—די מעשה האָט מיט מיר גופא געטראָפען. איינמאָל, אַז מען האָט אונז געשיקט אין אַטאַקע, האָב איך זיך אַ וואָרף גע-טהון צו אַ סאָלדאַט שטעכען איהם. מיט אַמאָל הער איך ווי ער שרייט: „אַ יוד זאָל הרג'ענען אַ יוד!" איך בין געווען אַזוי צוקאָכט, אַז מיין ערשטער געדאַנק איז געווען: „ע! אַ יוד, אַ גוי, אַלץ איינס אַ „ניעפריאַטעל!" נאָר פינדעסטוועגען האָב איך זיך באַלד געכאַפט, אָבגעפיהרט דעם שטיק, אַ כאַפ געטהון דעם יו-דישען סאָלדאַט פאַר דעם „גרוד", אַוועקגעשלעפּט צו אונז און גענומען איהם אין פלען!

אין אַ פּאָר וואָכען אַרום האָב איך דעמזעלבען סאָלדאַט געטראָפען ביי פּ. מאַרעק'ן. ער האָט מיך נישט דערקענט. איך האָב בכיון ווייטער אַרויסגעפיהרט דאָס געשפרעך אויף דער לע-גענדע. איך האָב געוואָלט זעהן, אויב ער וועט זיך אָברופען, און ווי ער וועט דערצעהלען די מעשה. און ער האָט זיך טאַקי אָבגערופען:

—די מעשה האָט מיט מיר פּאַסירט!

—אדרבה, דערצעהלט, ווי איז עס פאָרגעקומען.

—מען האָט אונז געשיקט אין אַנ'אַטאַקע, לויף איך צוזאַ-מען מיט אַנדערע סאָלדאַטען, שריי „הוראַ", הער נישט און זעה נישט, וואָס אַרום טהוט זיך. צוגעלאָפען צו זייערע אָקאָפּעס, זענען זיי אַרויסגעלאָפען און עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ גע-שלעג. אויף מיר איז אָנגעפאַלען איינער אַ סאָלדאַט, איך האָב איהם גלייך דערלאַנגט מיט'ן שטיק אין האַרצען און אַוועקגע-לעגט אויפ'ן אָרט און גלייך געלאָזען זיך לויפען ווייטער. אַז מיר האָבען פערנומען די אָקאָפּעס און בערוהיגט זיך, האָב איך

דערזעהן דעם סאָלדאַט, וועלכען איך האָב געהרג׳עט. איך בין צוגעגאַנגען, זעה איך, ביי איהם שטעקט אַרויס פון קעשענע אַ זעקעלע. איך נעהם און גיב אַ קוק—אַ זעקעלע מיט אַ פּאָר תפילין, האָב איך פערשטאַנען, אַז איך האָב געהרג׳עט אַ יוד.

דאָס איז געווען אַנ׳אויסגעטראַכטע מעשה, נאָר דאָס איז נישט געווען קיין בעוואוסטזיניגער ליגען. ווי ביי יעדער לע-גענדע-שאַפונג, האָט דער ערצעהלער פערלוירען די גרענעץ פון פאַקטישען אמת, ווייל אין זיין אונטערבעוואוסטזיניגען געדאַנק האָט געלעבט אַנ׳אַנדער „אמת״, אַ סימבאָלישער, אַ היסטאָרישער.

## ז

פון אָנפאַנג מלחמה, און נאָך פיל פריהער, האָבען די דייטשע און עסטרייכישע רעגירונגען געלעגט פיל האָפנונג אויף דער ווילדער רעאַקציע, וואָס האָט געהערשט אין רוסלאַנד. אויסנוצענדיג ווי נאָר מעגליך די קרוב׳ישע געפיהלען פון רו-סישען קייזערליכען הויף צו דייטשלאַנד, בענוצענדיג זיך מיט דער אָפענער און געהיימער הילף פון די רוסישע הויכגעשטעל-טע לייט, וועלכע זענען געווען דורכגעדרונגען מיט דער טיפ-סטער איבערגעגעבענקייט צו דייטשלאַנד, האָט די דייטשע רע-גירונג אין דערזעלבער צייט געשאָטען פעך און שוועבעל אויף דעם רוסישען באַרבאַרישען דעספּאָטיזם, האָט געדונערט אַנטקע-גען פראַנקרייך און ענגלאַנד, וואָס זיי האָבען צוזאַמענגעבונדען זיך מיט דער רוסישער רעאַקציע און האָט אַרויסגעשטעלט זיך זעלבסט אַלס אַ מוטיגען קעמפער געגען דער ווילדער רוסישער מאַכט, וועלכע שטעלט פאָר אַ סכנה פאַר דער גאַנצער אייראָ-פעישער ציוויליזאַציע.

די רוסישע רעגירונג האָט נישט בלויז גאָרנישט געטהון, כדי אָבצולייקענען די בעשולדיגונג געגען רוסישען פאָלק, נאָר מיט איהר גאַנצער אויפפיהרונג האָט זי ווי מיט אַ כיון עס פערשטאַרקט און אונטערגעשטראָכען. די שרעקליכסטע טהאַטען,

וועלכע די רוסישע אַרמעע האָט בעגאַנגען, מיט דער ערלויבעניש, און אָפט לויט דעם בעפעהל פון דער רעגירונג, אין מזרח-פּרייסען און גאַליציע, האָבען אַרויסגערופען די העכסטע אויפרעגונג אין דער גאַנצער וועלט, אפילו ביי אונזערע קריגס-פערבינדעטע. נאָך אַ גרעסערע אויפרעגונג געגען רוסלאַנד האָט אַרויסגערופען די אונערהערטע אַנטיסעמיטישע פּאָליטיק פון דער רעגירונג, די שרעקליכסטע בלבולים, וועלכע זי האָט אַרויפגעוואָרפען אויף דעם יודישען פאָלק. דאָס אַרויסטרייבען צעהנדליגער און הונדערטער טויזענדער יודען פון גאַנצע געגענדען, דאָס הענגען און שיסען פון הונדערטער אונשולדיגע יודען אָהן אַ משפט, דאָס ראַבירען און פערניכטען דאָס יודישע האָב און גוטס, אָט די גאַנצע אַנטיסעמיטישע וואַקכאַנאַליע, וואָס האָט געהאַט דעם כאַראַקטער פון אַ ווילדער משוגעת, האָט אַרויסגערופען אין די נייטראַלע לענדער, איבערהויפּט אין אַמעריקאָ, די טיפסטע שנאה צו רוסלאַנד, אפילו אין יענע קרייזען, וועלכע האָבען סימפּאַטיזירט מיט ענגלאַנד און פראַנקרייך. פיל מאָל האָבען די דיפּלאָמאַטען און רעגירונגס-פאָרשטעהער פון פראַנקרייך און ענגלאַנד אויף אַלע אופנים געפּרובט זיך צו ווירקען אויף ניקאָלאַי׳ען, ער זאָל אין די אינטערעסען פון דער מלחמה, לכל הפּחות, ווייכער מאַכען זיין בעציהונג צו יודען, נאָר עס האָט נישט געהאָלפען. מען גיט איבער, אַז בשעת דער לעצטער מיניסטער פּראָטאָפּאָפּאָוו, קומענדיג פון אויסלאַנד, האָט אָבגעגעבען ניקאָלאַיען אַ בעריכט וועגען דער רוסלענדישער פּאַרלאַמענטאַרישער דעלעגאַציע, האָט ער בעריהרט די יודען-פראַגע און אַרויסגעזאָגט אין נאָמען פון פּרעזידענט פון דער פראַנצויזישער רעפּובליק—פּואַנקאַרע, אַז די רוסישע אַנטיסעמיטישע פּאָליטיק ברענגט פיל שאָדען די אינטערעסען פון אַלע קריגס-פערבינדעטע. ווי נאָר פּראָטאָפּאָפּאָוו האָט אָנגעהויבען רעדען וועגען דעם, האָט ניקאָלאַי זיך אָנגעבלאָזען און, לויט זיין געוועהנהייט, גענומען אונגעדולדיג פּויקען מיט די פינגער איבער׳ן טיש. פּראָטאָפּאָפּאָוו האָט גלייך איבערגעריסען די רייד און צנטשוויגען געוואָרען.

ווי נאָר די מלחמה האָט אויסגעבראָכען, האָט זיך אין גאַנץ אייראָפּא פערשפרייט אַ קלאַנג, אַז ניקאָלאַי האָט אַרויסגעגעבען אַ מאַניפעסט וועגען יודישער גלייכבערעכטיגונג. די דאָזיגע ידיעה איז אַרומגעפלויגען אַלע צייטונגען. אין דייטשלאַנד איז אפילו געווען אָבגעדרוקט דער „מאַניפעסט“, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבען מיט די ווערטער: „צו מיינע ליבע יודען!“. אין דייטשלאַנד און עסטרייך, וואו מען האָט געלעגט פיל האָפנונג אויף דעם רוסישען אַנטיסעמיטיזם, האָט דער אַפּאָקריפישער „מאַניפעסט“ אַרויסגערופען אַ נ׳אמת׳ע מהומה. נישט בענוגענדיג זיך מיט צייטונגס-אַרטיקלען, אין וועלכע מען האָט זיך בעמיהט אָבשוואַכען דעם איינדרוק פון דעם ליבעראַלען „מאַניפעסט“, האָט מען זיך בענוצט, ווי מיט אַ פּאָלעמישען מיטעל, מיט אַ פּראָקלאַמאַציע אין יודיש און העברעאיש, וועלכע מען האָט פון אַעראָפּלאַנען פונאַנדערגעוואָרפען אין וואַרשא, לאָדז און אַנדערע יודישע שטעדט. די פּראָקלאַמאַציע איז אין פיל פּרטים כאַראַקטעריסטיש און מיר ברענגען זי דאָ, ווי אַ וויכטיגען היסטאָרישען דאָקומענט. נישט וועניגער כאַראַקטעריסטיש איז אויך די עסטרייכישע פּראָקלאַמאַציע, וועלכע מיר גיבען דאָ איבער.

# צו די אידען אין פוילען.

די העלדישע ארמעען פון די גרויסע מיטעלאייראפעאישע רעגירונגען, דייטשלאנד און עסטרייך־אונגארן זיינען אריין אין פוילען.

דער מכטיגער שטורם פון זיעגרייכע ארמעעס, האט געצוואונגען די דעספאטישע רוסישע רעגירונג צו אנטלויפען.

אונזערע פאהנען ברענגען אייך רעכט און פרייהייט: גלייכע בירגערשאפט, פרייהייט פון גלויבען, פרייהייט צו ארבייטען אומגעשטערט אין אלע צווייגען פון עקאנאמישען און קולטורעלען לעבען אין אייער נייגונג.

צו לאנג האט איהר זיך געבויגען אונטער דעם אייזערנעם מאסקאוויטישען יאך.

ווי פריינד קומען מיר צו אייך. די בארבארישע פרעמדע רעגירונג איז אוועק!

די גלייכע רעכטע פאר אידען זאל ווערען געבויט אויף פעסטע פונדאמענטען.

לאזט אייך ניכט, ווי א כך מאל פריהער, אבנארען דורך חניפה'דיגע פערשפרעכונגען!

צי האט ניכט אייך, אין 1905 דער צאר צוגעזאגט די גלייכע רעכטע פאר אידען, און צו האט ער ניט דאראויף געבראכען דעם הייליגען מאניפעסט?

ווי האט מען אייך אויסגעצאהלט דעם ראזינען חוב. וואס מען האט אייך גענומען פאר אייער גאנצער וועלט?

געדענקט דאס ארויסטרייבען, וואס מען טרייבט פארטריבאליך די אידישע מאסען פון זייערע אהיימישע מקומות!

געדענקט קישינעוו, האמעל, ביאליסטאק, סעדליץ, און פיל הונדערטער אנדערע בלוטיגע פאגראמען!

געדענקט דעם בייליס־פראצעס, און די ארבייט פון די בארבארישע רעגירונג צו פערשפרייטען די שרעקליכע ליגען פון בלוט־בעשולדיגונג ביי די אידען!

אזוי האט דער צאר געהאלטען זיין מאנארכישע ווארט, וואס ער האט געגעבען, ווייטער אין די קלעפ!

ער איז איצט ווייטער אין די קלעפ — אט, דאס איז די שעה און ווייטע פערשפרעכונגען.

אייער הייליגער חוב איז איצט, צוזאמען צו נעמען אלע קרעפטען, מיטצוארבייטען ביי די בעפרייאונג.

אלע פאלקסקרייזען, אייער יוגענד זאל, אייערע קהלות, אייערע חברות, זאלען זיך שטעלען ווי איין מאן, מיטצוהעלפען צו די הייליגע זאך.

מיט פערטרויען, צו איהר האט געווארטען, דורך פאקטען, אייער פערשטאנד און אייער איבערגעגעבענהייט.

ווענדעט זיך, מיט דעם פולסטען בטחון, צו די קאמאנדאנטען פון אונזער מיליטער אין די ערטער, וואס דינען נאהענט צו אייך.

אלע פארשען ליפערונגען וועלען באלד און גוט בעצאהלט.

באהיט דעם רעכט צו בעצאהלונגען און אויפבוי דעם לאנד. און צו ברענגען דעם נצחון פון פרייהייט און גערעכטיגקייט!

**די אבערע לייטונג פון די פערבינדעטע דייטשע און עסטרייך־אונגארישע ארמיעס.**

# עטליכע ווערטער צו די רוסישע אידען!

די עסטערייכישע אונגארישע סאלדאטען האבען איבערטרעטען די רוסישע גרענעץ אויפן בעפעהל פון עסטערייכישען קייזער. זיע קומען צו בעפרייען אללעמן וואס האבען ביז איצטער געליטען פון רוסישען יאך. אויך די רוסישע אידען וואס האבען ביז איצטען געהאט אויסצוטראגען אזוי פיעל צרות אין לייד, אויך זי זאללען בעפרייט ווערן בעזה״י דורך די עסטערייכישע אונגארישע זאלדאטען פון זייער קנעכטשאפט.

אידען פון רוסלאנד! זאל מען אייך דערצעלען וואס עסטערייך איז? איהר אלליין ווייסט עס גאנץ גוט. רדיפות אויף אידן פון דער רוסשע רעגירונג, פאגראמען אוף אידען פון דער רעגירונג אין שווארצע הונדערט זייד איר געלאפען ראטעווען זיך אין עסטערייך. יעדער אידישע אונגליק אין רוסלאנד האט אנגעפילט מיט אידען די עסטערייכישע גרענצשטעדט. צו טויזנד אונד צענטויזענדע זענען רוסישע אידען געקומען אין עסטערייך זוכען שוץ אין הילף. אין זיי האבען אין עסטערייך געפונען דעם שוץ וואס זי האבן געזוכט. דער ערהאבענע עסטערייכישע קייזער, וואס איסט ווי א פאטער פאר אלע זיינע אונטערטאנען, האט מיט זיין הויכען שוץ בעגליקט אין געראטעוועט אלע פערפאלגטע רוסישע אידען.

זאל מען אייך דערצעלען וואס עסטערייך איז? אידען מענשליך און גערעכט צו בעהאנדלען – דאס איז אן אלטע טראדיציע פון דען ערהאבענע האבסבורגישע דינאסטי. מי דארף נור דערמאנען דעם וועלטבערימטען טאלעראנצעדיקט פור די אידען פון קייזער יאזעף דער צווייטער.

די עסטערייכישען אידען האבען פולע גלייכבערעכטיגונג. פון טשערטי אסערלאסטי וויסען ניכט די עסטערייכישע אידען. זי קענען וואנען, לעבען, האנדלען, קויפען און פערקויפען א ווא און ווי פיל זי וועלען. דארף, שטאדט, לאנד און רעזידענץ זענען שטענדיג אפען און פריי פאר אידען. אלע שולען, אוניווערזיטעט גימנאזיע רעאל ביז צו פאלקסשולע זענען אפען און פריי פיר אידישע קינדער. עסטערייכישע אידען זענען אוף דיא גרעסטע רעגירונגשטעלען. אידישע ריכטער פאסקענען רעכט אים נאמען פון זיינער מאיעסטעט.

אידען! האנט זענען ערזין געגאנגען אין רוסלאנד די זאלדאטען פון עסטערייכישען קייזער אין צווישען די אפיצירע וואס פיהרען די ראזיגע גראסע מחנה אין דער מלחמה אוף רוסלאנד, געפינען זיך א סאך אידישע אפיצירען און הויכע שטעלען. אין זיי ווילען אייך ברענגען די בשורה טובה פון אייער בעפרייאונג פון רוסישען יאך.

אידען! אין דעם מאמענט וואס מיר ווילען איינעהמען דאס דאזיגע לאנד, וועט צופאלען און צעריסען ווערן דאס געוועב און נעטץ פון אויסנאמסגעזעצען, וואס האט ארוב גענומען אייער גאנצען לעבען. איר וועט פריי ווערן גלייך מיט די אנדערע פעלקער, איירע אמונה, איירע נאצאנאליטעט וועט רעשפעקטירט זיין גלייך פון אנדערע פעלקער.

אידען! איר קענט ניכט פערגעסען די נגישות וואס איר זייד אויסגעשטאנען אין רוסלאנד, אידען! איר טארט ניכט פערגעסען די מורהאדיגע אכזריות מיט וועלכע מי האט אייך אנגעטאן די גרעסטע צרות. דערמאנט זיך אן די פאגראמען – די פערגאסענע בלוט פון איירע טאטעס און מאמעס, שוועסטער אין ברידער. קינדער אין גרייזע רופען צו אייך: – הערט צו דער בשורה טובה וואס מיר ברינגען אייך פון דעם ערהאבענען עסטערייכישען קייזער. וועלכער רופט צו אייך מיטן פסוק פון ישעיה: „יען משח ד' אתי לבשר ענוים שלחני לחבש לנשברי לב, לקרא לשבוים דרור, ולאסורים פקח קח, לקרא שנת רצון מד' ויום נקם לאלהינו.“

אונזערע פאנען און דגלים ברענגען אייך א גאולה, אן ערלעזונג פון א הונדערטיעריגען פינסטערן געפענגניש. זיי ברייגען אייך ציוויליזאציע און קולטור, בעפריין אייך פון ברוטאליטעט און בארבאריזם, זי ברענגען אייך פרייהייט און גלייכהייט און גערעכטיגקייט. אונזערע פאנען טראגען און פערברייטען אין דער וועלט דען היילינגען רוף פון דער תורה: „וקראתם דרור לכל יושביה.“

האט פערטרויען צו די פאנען פון דען גערעכטען, מענשענפריינדליכען און געליבטען עסטערייכישען קייזער. ציינט אלע וועלט, אז דאס אידישע פאלק קאן דאנקבאר זיין זיינע פריינד.

שפעטער, אין משך פון דער גאַנצער מלחמה, סיי ביי ניקאָלאַיס הערשאַפט, סיי נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע, האָבען די דייטשען און עסטרייכער אויסגענוצט צו זייערע פּאָליטישע צוועקען די יודישע צרות און פּאָגראָמען אין רוסלאַנד. די צייטונגען זענען געווען פול מיט בעשרייבונגען פון די פערפאָלגונגען און אכזריות פון דער רוסישער רעגירונג און אַרמעע אַנטקעגן יודען. פערנעהמענדיג אַ שטאָדט, וואו די רוסישע אַרמעע האָט, אָבטרעטענדיג געמאַכט אַ בלוטיגען פּאָגראָם, האָבען די דייטשען און עסטרייכער קודם כל געלאָזט פאָטאָגראַפירען די הרוגים, די צוקאַלעטשעטע; די צורויבטע געוועלבער און הייזער און פערשפרייט דאָס איבער דער וועלט. די טאַרנאָפּאָלער און קאַלושצער פּאָגראָמען אין 1917 יאָהר האָבען געגעבען שטאָף אויף צו קאָמפּראָמיטירען די רוסישע רעוואָלוציע.

די אַלע געשרייען וועגען רוסישען באַרבאַריזם בנוגע צו יודען זענען געווען דיקטירט, איבערהויפּט ביי די דייטשען, אויסשליסליך פון פּאָליטישע מאָטיווען. אין זיי איז נישט געווען קיין איין פונק מיטגעפיהל און רחמנות צו די געשלאָגענע און פערפאָלגטע. שרייענדיג וועגען די רוסישע אכזריות, האָבען די דייטשען אין די אָקופּירטע ערטער אַליין אַרויסגעוויזען אַ פּערביסענעם אַנטיסעמיטיזם און נישט וועניג אכזריות צו יודען. אמת, זיי האָבען נישט געמאַכט קיין ספּעציעל יודישע שחיטות און פּאָגראָמען, אָבער זייער גראָבקייט, אכזריות׳דיגע שטרענגקייט און פעראַכטונג איז אָפטמאָל געווען שווערער אַריבערצוטראָגען ווי אַ פּאָגראָם. זייער צוואַנגס-אַרבייט איז געווען נישט לייכטער ווי די רוסישע „קאַטאָרגע״, זייערע רעקוויזיציעס האָבען זיך מעהרסטענטייל נישט אונטערשיידט פון געוועהנליכע גזילות.

פיל בעסער האָבען זיך בעצויגען צו יודען אין די אָקופּירטע געגענדען די עסטרייכער (חוץ די מאַדיאַרען), וועלכע האָבען בכלל אין דער מלחמה אויפגעפירט זיך פיל מענשליכער, ווי די דייטשען.

די פּוילישע און וואָלינער יודען האָבען דעריבער שטאַרק

אידעאַליזירט די עסטרייכער, געשאַפען לעגענדעס וועגען דער פריינדליכער בעציהונג פון עסטרייכישען מיליטער צו יודען אין די אָקופּירטע געגענדען, דערצעהלט וועגען אַ גענעראַל, וואָס האָט געמאַכט דעם ערשטען וויזיט דעם רב און פערבראַכט מיט איהם אַ גאַנצען אָוונד, וועגען שטרענגע שטראָפען וואָס זענען געוועזען אַרויפגעלעגט אויף די קריסטען, וועלכע האָבען פריהער גענומען אָנטייל אין די יודישע פּאָגראָמען א. ד. ג. באמת אָבער איז דאָס אַלץ געוועזען שטאַרק איבערגעטריבען און אויך פון די עסטרייכער זענען יודען אויסגעשטאַנען פיל צרות. אָבער עס קומט נישט צו דעם, וואָס מען איז אויסגעשטאַנען פון „אייגענעם" מיליטער.

איך רעכען פאַר אינטערעסאַנט צו ברענגען אַנ׳ערצעהלונג, וועלכע כאַראַקטעריזירט גאַנץ בולט דעם אונטערשיד אין בעציהונג צו יודען פון עסטרייכישען מיליטער און פון רוסישען.

## ח

פאַר מיר ליגט אַ בעשרייבונג אונטער׳ן נאָמען „חורבן יוזעפּאָוו", לוב. גוב). געשריבען האָט דאָס אַנ׳איינוואוינער פון שטעדטעל, יצחק ראָזענבערג, וועלכער האָט אַליין איבערגעלעבט אַלע צרות און שרעקען פון דעם חורבן. איך ברענג דאָ נאָר די וויכטיגסטע פּרטים פון דער עפּישער „מגילה".

„אַרום צעהן אַ זייגער אינדערפריה האָט מען פלוצלונג דערהערט אַ שטאַרקע שיסעריי פון האַרמאַטען אויף דער צווייטער זייט וייכסעל,—און אין אַ שעה אַרום האָבען מיר דערזעהן, ווי עס פליהען שטיקער פייער פון די גראַנאַטען און פאַלען אין דעם אַנטקעגענאיבערדיגען דאָרף „טשישיצע", וואָס האָט באַלד אָנגעהויבען ברענען.

שפּעטער אַ ביסעל האָבען זיך בעוויזען ביים ברעג פון וויכסעל עטליכע קאָזאַקען, וואָס האָבען אַריבערגעשריען אין שטאָדט אַריין, אַז מען זאָל וואָס גיכער אָבלאָזען אַלע „קריפּעס"

אויף דער ווייכסעל, ווען נישט, וועלען זיי באָמבאַרדירען די שטאָדט.

צום אומגליק, זענען אַלע קריפּעס געווען געלאָדען מיט ברעטער. די קריפּעס זענען געווען טיף אַראָבגעזעצט אין וואַסער און אַזוי ווי דאָס וואַסער איז געווען דעמאָלט קליין, איז אונמעגליך געווען אַראָבצושטופּען זיי אויגענבליקליך, ווי מען האָט דאָס געפאָדערט. דערצו נאָך האָבען די בעלי-בתים פון די ברעטער אָנגעהויבען בעטען, מען זאָל זייער פערמעגען נישט לאָזען געהן צו גרונד, און דאָ ווערט וואָס אַמאָל שפּעטער.

ענדליך האָט די גאַנצע שטאָדט זיך אַ ריהר געגעבען און גענומען זיך צו דער אַרבייט. אין דערזעלבער צייט האָט מען צונויפגענומען ברויט ביי אַלע איינוואוינער און עס איבערגעפיהרט אויף אַ שיפעל צו אונזערע רוסישע סאָלדאַטען אויף דער אַנדערער זייט ווייכסעל.

פּלוצלינג, אין מיטען דער אַרבייט,—ווערט אַ שרעקליכע פּאַניק, מען האָט אָנגעהויבען לויפען מיט אַ שרעקליכען אימפּעט אין שטאָדט אַריין, נישט וויסענדיג, וואָס איז אַזעלכעס געשעהן.

ערשט קומענדיג אין שטאָדט, האָבען מיר דערזעהן, אַז אַ מחנה עסטרייכישע קאַוואַלעריע רייט אויפ'ן אַנאָפּאָלער וועג דורך דער שטאָדט מיט אַנ'אונגעהויערער שנעלקייט אין דער ריכטונג צו אַנאָפּאָל.

די קאָזאַקען פון יענער זייט ווייכסעל, דערזעהענדיג די עסטרייכישע קאַוואַלעריע, האָבען געענטפערט מיט אַ שרעקליכער ביקסען-שיסעריי אין דער שטאָדט אַריין, צום גליק, האָט עס קיינעם נישט געשאַדט, ווייל מען האָט בעוויזען צו אַנטלויפען בעצייטענס אין די געמויערטע הייזער.

די שיסעריי האָט געדויערט אַנ'ערך ביי צוואַנציג מינוט, ביז די עסטרייכער זענען דורכגעריטען די שטאָדט.

עס איז שוין געווען אָוונד, און יעדערער האָט גענומען זיינע קינדער אַהיימצוגעהן, ווי עס האָט ווידער אָנגעהויבען איבער דער שטאָדט צו קנאַלען אַ שרעקליכע אַרטילעריע-שיסעריי פון די דערפער „ריביט" און „נעטשעבאַ". דאָס פייפען און דאָס

בליצען פון די קוילען, וואָס פלעגען זיך אויפרייסען איבער אונזערע קעפּ, האָבען אונז פערטויבט און מיר זענען מיט ווילדע געשרייען, געלאָפען ווי משוגעים, נישט וויסענדיג וואוהין.

פינף מאָל האָבען מיר געהערט דאָס אָבענטפערן פון דער רוסישער אַרטילעריע, וועלכע האָט אונטער דעם פייער פון צוויי זייטען, וואַהרשיינליך, אָבגעטראָטען אין דער ריכטונג קיין סאַליף.

מען קאָן זיך פאָרשטעלען, אין וואָס פאַר אַ לאַגע מיר האָבען זיך געפונען די נאַכט. עס זענען געזעסען צו צוואַנציג–דרייסיג מענשען אין אַ פינסטערער שטוב, מורא האָבענדיג אָנצוצינדען אַ לאָמפּ. קיינער האָט נישט געוואַגט דעם קאָפּ אַרויסצושטעקען אין דרויסען.

זיצענדיג אין שטוב, ציטערענדיג פאַר יעדען שאָרך פון דער גאַס, דערהערען מיר אַרום עלף ביינאַכט אַ געפּאָרעריי און אַ רייטעריי פון מחנות סאָלדאַטען. קיינער האָט נישט געוואוסט, צי דאָס איז רוסיש אָדער עסטרייכיש מיליטער. באַלד דערהערען מיר, ווי ביי יעדער טהיר קלאַפּט מען. געעפענט די טהיר, דערזעהען מיר פאַר זיך עסטרייכישע סאָלדאַטען. זיי שרייען, מען זאָל תיכף אָנצינדען פייער. מיט די לאָמפּען זענען זיי געקראָכען אויף די בוידעמער און אין די קעלערס, געזוכט, צי זענען וואו נישט בעהאַלטען רוסישע סאָלדאַטען.

איין הויז אין שטאָדט האָבען זיי נישט פערפעהלט. אַרויסגעהענדיג פון שטוב האָבען זיי געוואונשען „אַ גוטע נאַכט" און געהייסען געהן רוהיג שלאָפען.

צומאָרגענס, מיטוואָך דעם 13-טען אויגוסט, האָבען פון אינדערפריה אָן אָנגעהויבען געהן פון אַנאָפּאָל דורך דער שטאָדט קיין אָפּאָליע מחנות עסטרייכיש מיליטער. דאָס האָט געדויערט אַ גאַנצען טאָג אָהן אויפהער. די סאָלדאַטען האָבען קיינעם פון די דורכגעהענדע יודען און קריסטען נישט אָנגעריהרט.

דעם 14-טען אינדערפריה איז צום „קאַזיאָנעם" ראַבינער ה' יחיאל ליטמאַן געקומען אַן עסטרייכישער אָפיציר און בעפוילען, מען זאָל שיקען נאָכ'ן גמינע-שרייבער און נאָך דעם וואָיט. ער האָט אויך געהייסען צו צוועלף אַ זייגער אַרויסשטעלען ביי דער

ווייכסעל דרייהונדערט יודען און הונדערט קריסטען מיט העק, רידלעס, זעגען א. אַ. וו. העלפען אויפשטעלען די בריק איבער דער ווייכסעל. דערביי האָט ער געדראָהט, אַז דער, וואָס וועט זיך אָבזאָגען געהן אַרביטען, וועט אין משך פון פיראונצוואַנציג שעה געהאָנגען אָדער דערשאָסען ווערען...

זעלבסטפערשטענדליך, האָט זיך די שטאָדט זעהר דערשראָקען, און ווער עס האָט נאָר געקאָנט ריהרען מיט אַ האַנד, האָט געכאַפּט, וואָס ער האָט נאָר געהאַט, אַ זעג, אַ רידעל, אַ האַק, און געלאָפען גיך צו דער ווייכסעל.

הונדערטער סאָלדאַטען פון די סאַפּיאָרען זענען געשטאַנען ביי דעם עולם און געיאָגט צו אַרבייטען וואָס גיכער. פאַרנאַכט האָט מען דעם עולם בעפרייט און געהייסען קומען צו דער אַרבייט מאָרגען צעהן אינדערפריה.

אָבער שוין זיבען אינדערפריה, האָבען די זעלנער אָנגעהויבען אַרויסיאָגען דעם עולם צו דער אַרבייט. די אַרבייט איז געוועזען אַ ביטערע, און אַ שווערע. אַ רגע אָבעטעמען האָט מען נישט געלאָזט, צעהן מאַן האָבען געמוזט טראָגען אויף די אַקסלען קלעצער צו דרייסיג-פערציג איילען די לענג. די זון האָט געברענט, דער שוויס האָט זיך געגאָסען פון יעדען פנים, און דאָ האָט מען געהאַלטען אין איין שרייען: „פאָרווערטס!" „פאָרווערטס!"

מיר האָבען זיך פאָרגעשטעלט אונזערע אורעלטערנס שווערע אַרבייט אין מצרים און געטרייסט זיך: „מיט וואָס זענען מיר בעסער פון זיי?" מיר, גלות-יודען, זענען פון אייביג אָן געוועהנט צו בויען פיראַמידען פאַר פרעמדע פעלקער.

שבת האָט מען אונז געגעבען רוה. אַ גאַנצען טאָג זענען איבער דער בריק אָהן אויפהער געגאַנגען מחנות סאָלדאַטען פון פערשידענע שטעדט פון ראַדאָמער גובערניע, און אַזוי זונטאָג, מאָנטאָג און דינסטאָג ביינאַכט.

זעלבסטפערשטענדליך, נאָך דעם דורכגעהן פון אַזוי פיל חיל, האָט זיך געשפירט אין שטאָדט אַ גרויסער הונגער. עס האָבען אויסגעפעהלט אַלע וויכטיגע לעבענס-פּראָדוקטען, ברויט

איז שוין אינגאַנצען אונמעגליך געווען צו בעקומען, ווייל אין יעדער בעקערייִ איז געשטאַנען אַ זעלנער און האָט נישט גע-לאָזט פערקויפען פאַר פריוואַטע מענשען קיין איין פונט ברויט. צוקער אַ פונט האָט געקאָסט זעכציג קאָפּ. די אָרימע בעפעלקע-רונג האָט שרעקליך געליטען. פון פערדינען אַ רובל איז געווען אָבגערעדט. בעלי-מלאכות, סוחרים, מלמדים זענען אַרומגעגאַנגען אָהן אַ שטאָך אַרבייט. אויסער וואָס די ווייבער זענען געשטאַ-נען מיט טישלעך און פערקויפט גלעזער קאַווע, טיי, פון וואָס די האָבען פערדינט עטליכע קראָנען אַ טאָג, איז קיין שום פער-דינסטען נישט געווען. ברענגען פון דער פרעמד פראָדוקטען, איז נישט מעגליך געווען,—מען האָט נישט אַרויסגעלאָזט קיינעם פון שטאָדט. עס איז געווען—אין יוצא ואין בא.

דערווייל האָבען די סאָלדאַטען, נישט בעקומענדיג אין די געוועלבער צו קויפען פאַר געלד, אָנגעהויבען רעקוויזירען דעם לעצטען ביסען, וואָס עס האָט זיך געפונען אין אַ פריוואַטען הויז. דער הונגער און די נויט איז געוואָרען אונערטרעגליך. מען האָט אפילו געהאַט געבראַכט אַ ביסעל פראָדוקטען פון די שטעדט, וואוהין מען האָט געגעבען די ערלויבעניש צו פאָהרען, נאָר דאָס האָט וועניג וואָס געקלעקט.

דאָס לעבען איז געוואָרען מיט יעדען טאָג אַלץ ערגער. אַנ׳עפּידעמיע פון שרפות האָט אויסגעבראָכען אין אַלע אַרומיגע דערפער. מען האָט בעשיינפערליך געזעהן, ווי עס גרייטען זיך צו פאַר אונז נאָך פינסטערערע טעג.

דעם 21-טען אויגוסט האָבען מיר בעמערקט, אַז עס ציהען זיך צוריק קיין אַנאָפּאָל אויף אַלע וועגען מחנות זעלנער מיט אַ גרויסער צאָהל אַרטילעריע. ס׳האָט זיך פלוצלונג דערהערט אַ האַרמאַטען-שיסערייִ פון אַלע זייטען. דער צוריקצוג פון חיל האָט געדויערט צוויי טעג. דעם 22-טען האָט מען שוין ווידער גע-זעהן דאָס פליהען פון גראַנאַטען אויף „טשישיצע" „פּאַוולאָווי-צער" בערג. פאַרנאַכט-צו האָט שוין אָנגעהויבען געהן אַ שיסערייִ פון ביקסען ביי די ברעגען פון דער ווייכסעל. דעם 23-טען אויגוסט אינדערפריה, זעהען מיר, ווי די עסטרייכער רייסען אויף

די בריק און נעהמען אראב די טעלעפאָן-דראָטען פון דער שטאָדט.

אז עס רוקען זיך אָן אויף אונז פינסטערע טעג, איז שוין פאר קיינעם קיין ספק נישט געווען. דערזעהן, אז מען שיסט אויף דער שטאָדט, האָבען אָנגעהויבען ווייבער און קינדער זיך צוזאמענגעהן אין די געמויערטע הייזער, צו הונדערט-צווייהונ-דערט מענשען אין א שטוב.

נאָך האלבער נאכט האָבען די רוסען אָנגעהויבען שיסען עטליכע מאָל אין שטאָדט אריין. עס האָבען אָנגעהויבען ארויס-צופאלען די שויבען פון די פענסטער. עס האָט אויסגעבראָכען א שרעקליך געוויין פון פרויען און קינדער, מאנכלייט האָבען גענומען זאָגען תהילים און שרייען „שמע ישראל". דאָס שיסען האָט זיך איבערגע׳חזר׳ט פינף מאָל.

ווי נאָר עס האָט אָנגעהויבען טאָגען, האָבען פיל מענשען געכאפט ווייב און קינדער און צולאָפען זיך אין די דערפער, וואו עס געפינען זיך יודען, ווייל צו א קריסט אריינגעהן איז געווען „מאן דכר שמיה"; זיי האָבען אפילו צו די יודען אויף די דערפער אויך נישט געלאָזט אריינגעהן, געסטראשעט צו פערברענען יעדעס הויז, וואוהין יודען האָבען זיך פערקליבען. פון אלע זייטען האָט מען געהערט נאָר: „זשיד" און „ביילים". פיל פון די אוועקגעגאנגענע האָבען זיך דערום אומגעקעהרט אין שטאָדט.

מיר זענען אָבגעזעסען א גאנצען טאָג אין די פינסטערע קעלערס, נישט געגעסען און נישט געטרונקען. פארנאכט, ווען די שיסעריי האָט אויפגעהערט, האָט נאָך אלץ קיינער נישט געוואגט ארויסצוגעהן. מען איז אזוי געזעסען די גאנצע נאכט, שלאָגענדיג די קינדער, וועלכע האָבען געבעטען עסען: עס איז נישט געווען זיי וואָס צו געבען.

נאָר אָט די אלע צרות זענען געווען גאָרנישט געגען דעם, וואָס מיר האָבען אריבערגעטראָגען אויף צומאָרגענס. מאָנטאָג, דעם 25-טען אויגוסט אינדערפריה, האָבען די רוסען אָנגעהויבען א שרעקליכע ארטילעריע-שיסעריי. די גראנאטען און שראפנע-

לען האָבען זיך געשאָטען אויף דער שטאָדט ווי אַ געדיכטער רעגען. די הייזער האָבען אָנגעהויבען ברענען. מיר האָבען געזעהן, אַז מעהר זיצען אין די הייזער איז אונמעגליך. אפילו די שטאַרקע הייזער האָבען נישט געקאָנט ביישטעהן אַנטקעגען די גרויסע האַרמאַטען-קוילען און אָנגעהויבען זיך צושיטען; מיר האָבען בעשלאָסען, וואָס גיכער פערלאָזען די הייזער, אין וועלכע מיר אַלע האָבען געקאָנט דער׳הרג׳עט ווערען.

הונדערטער מענשען האָבען זיך אַ לאָז געטהון לויפען, וואוהין די אויגען האָבען געטראָגען, אונטער אַ רעגען פון פולעמיאָטען-קוילען, וואָס די רוסען האָבען אויף אונז געשאָטען. וואו עס איז געווען אַ גרעסערער עולם מענשען, דאָרט האָבען זיך מעהר קוילען געשאָטען. דערזעהענדיג דאָס, זענען פיל מענשען צוריק אַריין אין די הייזער און אין די קעלערס, וואו זיי האָבען שוין דעם טויט געפונען. דאָס רוב זענען אָבער געלאָפען איבער די גע׳הרג׳עטע און פערוואונדעטע, וואָס האָבען בעדעקט דעם גאַנצען וועג. פון רעכטס און פון לינקס זענען געפאַלען מענשען, ווי פליגען. איינער, יצחק האַלבערשטאַט, האָט געטראָגען אַ יונגעל אויף די הענד און אַ צווייט יונגעל געפיהרט ביי דער האַנד. דאָס יונגעל אויף דער האַנד האָט בעקומען אַ קויל אין מיילעכל אַריין און דאָס בלוט האָט בעגאָסען דעם פאָטער. אויף יעדען טריט און שריט האָט מען געהערט דאָס קרעכצען פון פערוואונדעטע, וועלכע האָבען געבעטען, מען זאָל זיי מיטנעהמען. פאַרנאַכט, ווען דאָס שיסען האָט אויפגעהערט, האָט מען אָנגעהויבען געהן אויפזוכען יעדער זיין פאַמיליע. אויסער אַלע הרוגים און פערוואונדעטע, וואָס זענען געלעגען אויף יעדען טריט, האָט מען אויך פון די קעלערס אין שטאָדט געהערט געשרייען פון אומגליקליכע, וואָס האָבען זיך געראַנגעלט מיט׳ן טויט, און קיינער האָט נישט געקאָנט צוגעהן אַרויסנעהמען זיי פון דאָרט, איבער דעם שרעקליכען פייער, וואָס האָט געברענט. אַ גאַנצע נאַכט האָבען מיר זיך אַרומגעדרעהט פאַר די פערשאָטענע קעלערס און גאָרנישט געקאָנט אויפטהון, אום מציל צו זיין די עטליכע נפשות.

צומאָרגענס, דעם 26-טען, וואָלט שוין יאָ מעגליך געווען עפּעס צו טהון, איז אָבער שוין אָנגעקומען דאָס רוסישע מיליטער און געשלאָגען, גע׳הרג׳עט יעדען יוד. מיט גרויסער סכּנה און מסירת-נפש האָט זיך איינגעגעבען אַרויסצונעהמען פון די קע-לערס די מענשען, פון וועלכע מען האָט נאָך עטליכע געקאָנט אָבראַטעווען. די איבעריגע זענען שוין געווען טויט. דעם גאַנ-צען טאָג האָבען מיר זיך געסטאַרעט צו געבען הילף די פער-וואונדעטע, וועלכע מיר האָבען צוזאַמענגענומען פון די פעלדער און געלעגט אין דער איינציגער שוהל, וואָס איז געבליבען גאַנץ. שפּעט ביינאַכט איז צוגעקומען אַ פרישער קרבן, איינער יוסף הארינפעלד. ער איז געגאַנגען מיט נאָך איינעם צו דער ווייכסעל נאָך אַ ביסעל וואַסער פאַר די פערוואונדעטע, זענען זיי אַנטקעגענגעקומען צוויי זעלנער, איינעם פון די יודען איז געלונגען צו אַנטלויפען צוריק אין שוהל אַריין. דערנאָך האָבען מיר געפונען הארינפעלדן ליגענדיג טויט אין אַ קאַלוזשע בלוט מיט אַ צוהאַקטען קאָפּ, אַרויסגעלאָזט די געהירען. פון קעשענע האָט איהם געפעהלט זעכציג רובל. ביז פרייטאָג האָבען מיר צו קבורה געבראַכט איינאונפערציג הרוגים.

אָט אַזוי האָבען מיר געהאַט אַ וואָך פון דער „תוכחה", וועלכע מיר האָבען צומאָרגענס, שבת, געלייענט און פאַר זיך געזעהען בשעת מעשה די פּנים׳ער פון די פערוואונדעטע, וואָס זענען געלעגען אין שוהל און אויף די וויסטע חורבות פון דער פערברענטער שטאָדט.

עס איז אָנגעקומען דער זונטאָג, וואָס מען מעג איהם אָנרופען דער „בלוטיגער זונטאָג". פון אינדערפריה אָן האָבען זיך אָנגעהויבען פערזאַמלען אין שטאָדט באַנדעס פויערים, פויער-טעס, יונגע און אַלטע, מיט קוישען אין די הענד, אויסגע-שטעלט זיך אין שורות און אָנגעהויבען אויסלאַכען און אָבשפּע-טען פון די פער׳חושכ׳טע, פערשוואַרצטע, האַלב-נאַקעטע יודען, וועלכע האָבען זיך אַרומגעש׳עפּט איבער די פּוסטקעס, אויסזו-כענדיג פון ערגעץ אַ פערברענטען טאָפּ, אַ שיסעל א. ד. ג. מען האָט מעהר נישט געהערט ווי „ביילים", „זשיד". עס איז קענ-

טיג געווען, אַז די פּויערים האָבען געזוכט אַ געלעגענהייט צו ראַבירען פון די קעלערס דאָס ביסעל פערמעגען, וואָס יודען האָבען געהאַט בעהאַלטען נאָך מיט אַ צייט פריהער. די יודען האָבען דאָס גוט פערשטאַנען און גאָרנישט געענטפערט. אין דערזעלבער צייט האָבען אָנגעהויבען אָנקומען פון די אַרומיגע געגענדען די יודען, וואָס זענען אַנטלאָפען בעת דער שרפה. די זעלנער האָבען נישט געטשעפּעט קיינעם. מיט אַמאָל דער-זעהען מיר, ווי עטליכע פּויערים רעדען עפּעס מיט צוויי אָפּי-צירן און עטליכע סאָלדאַטען, וואָס האָבען געהאַט אויף די פּאַ-גאָנעס דעם ציפער זיבען. פּלוצלונג צושיידט זיך דאָס רעדעל און עס דערהערט זיך אַ געשריי פון די זעלנער „דערזשי!״ די פּויערים מיט בייטשען און שטעקענס אין די הענד און די סאָלדאַטען מיט די ביקסען און נאַגייקעס יאָגען שוין נאָך די יודען מיט אַ שרעקליכען אימפּעט, און וועמען זיי האָבען גע-כאַפּט, דער איז שוין אַ גאַנצער נישט אַרויס פון זייערע הענד. דעם זיבעציג-יעהריגען איטשע פוקס האָט אַ באַנדע פּויערים שרעקליך צושלאָגען דעם קאָפּ פערגענדיג זיך דערביי, וואָס ער האָט געטראַכט צו ווערען ביי די עסטרייכער, אַנ׳אָפיציר אָדער אַ פּאָלקאָווניק. די צוויילדעוועטע אָפיצירן זענען אַרומגע-לאָפען מיט נאַגייקעס, געשלאָגען יעדען מיט דעם אויסרייד, מען זאָל זיי אָבגעבען די עסטרייכישע ביקסען, וואָס מיר האָ-בען כלומר׳שט בעהאַלטען.

עס האָבען זיך פערזאַמעלט הונדערטער מענשען, ווייבער און קינדער אין אַנ׳אַלט פּוסט הויז, וואו עס איז געזעסען דער רב עפּשטיין מיט זיינע צוויי קליינע יונגלעך, יתומים. דאָרט, האָט מען גערעכענט, וועט געלונגען זיך צו ראַטעווען, אָבער אויך דאָרט האָט דער שווערד פון די מלאכי-חבלה די יודען דערגרייכט. די אָפיצירן האָבען בעפוילען די סאָלדאַטען, מען זאָל איינציגווייז אַרויספיהרען יעדען און שלאָגען, „נאָר נישט צום טויט!״, ביז מיר וועלען אַרויסגעבען די בעהאַלטענע עסט-רייכישע ביקסען. אָהן רחמנות האָט מען געשלאָגען, געטראָטען מיט די פיס די, וואָס זענען אומגעפאַלען פון ערשטען קלאַפּ.

אויך דעם רב מיט די צווייִ קינדער אויף די הענד האָט מען נישט געשווינט. מען האָט איהם פאַר די לאַנגע פּאות אַרויס-געשלעפּט און שרעקליך געשלאָגען. איינער אַ זאַפּאַסנער סאָל-דאַט, אליעזר יחיאל ענגלענדער, האָט אַרויסגענומען דאָס זאַ-פּאַסנע בּיכעל און געוויזען דעם אָפיציר, אַז ער איז נישט לאַנג בּעפרייט געוואָרען אויף דריי מאָנאַטען, מיינענדיג, אַז דאָס וועט איהם עפּעס העלפען. ער האָט אָבער בּעקומען טויט-שלעק פון די אָפיצירן. זיי דאַרפען נישט קיין בּיכלעך—האָבען זיי געענטפערט—נאָר בּיקסען. הימעל און ערד און בּיקסען!

דערנאָך האָט מען גענומען עטליכע מענשען מיט דעם רב און אַראָבּגעפיהרט זיי צו דער ווייכסעל. וואָס מיט זיי איז פאָרגעקומען בּיי דער ווייכסעל, ווייס איך נישט, ווייל מיר איז געלונגען צו אַנטלויפען אין שוהל אַריין, וועלכע איז געווען פול געפּאַקט מיט פערוואונדעטע. די פּויערים האָבען, בּענוצענ-דיג זיך מיט דער מהומה, געטהון אין שטאָדט וואָס זיי האָבען נאָר געוואָלט. זיי האָבען אָנגעוויזען די סאָלדאַטען אַ קעלער, וואו עס איז געווען בּעהאַלטען סחורה און אַנדערע זאַכען. די סאָלדאַטען האָבּען דאָס אַרויסגענומען און אַוועקגעגעבען די פּויערים פאַר אַ שפּאָט-בּיליגען פּרייז. פאַר אַ שטיקעל „פּאָלסקע פּאַלאָטנע" פון העכער פערציג אַרשין האָט דער סאָלדאַט בּעקו-מען פופצעהן קאָפּ. פון אַ קעלער האָט מען אַרויסגענומען פיר-הונדערט פאָר שטיוועל און אַוועקגעגעבען די פּויערים פאַר דריי רובּל. גאַנצע מחנות פּויערים האָבען זיך אַהיימגעלאָזט מיט פולע קוישען און עס האָט קיינער נישט געטאָרט אַ וואָרט ריידען. ווען די גאנצע שטאָדט קעלערס זענען שוין אויסגעלעדיגט גע-וואָרען, האָט מען גענומען זוכען כלומר׳שט רעוואָלווערען אין יעדענס קעשענע, אפילו בּיי פרויען אין די בּוזעמס. דערווייל האָט מען צוגענומען די לעצטע פאַר רובּל, וואָס איינער האָט פערמאָגט, צוגענומען אויך דאָס בּיסעל צירונג, וואָס די ווייבּער האָבען געהאַט בּיי זיך בּעהאַלטען. די יודען האָבען זיך נאָר געבּעטען, מען זאָל בּיי זיי די נשמות נישט נעהמען און נישט אַזוי שטאַרק שלאָגען. נאָהנט צו דער נאַכט האָט אַנגעהויבען

אַרומרייטען אַ „ווזוואָדנער”, צעיאָגט די סאָלדאַטען און די פויערים פון די שוין לאַנג אויסגע׳עדיגטע קעלערס און שוין נישט גע-לאָזט שלאָגען.

ביינאַכט זענען מיר געלעגען צושלאָגענע און הונגעריגע אין שוהל. עס זענען אַריינגעקומען צוויי סאָלדאַטען. שוין נישט געשלאָגען. זיי האָבּען דערצעהלט, אַז מען האָט געהאָנגען דריי יודען—ליפּא שענקער, לייבּוש כהן מיט זיין זוהן מאיר. דעם ערשטען—דערפאַר, וואָס ער האָט געהאַט בּיי זיך אַ פּאפּיר פון די עסטרייכער, אַז עס איז איהם ערלויבּט צו פּאָהרען אין שטאָדט אַריין נאָך סחורה; די לעצטע צוויי, דערפאַר, וואָס מען האָט זיי געטראָפען ליגען בּשעת׳ן שיסען, אין אַנ׳אָקאָפּע.

עס האָבּען זיך אָנגעהויבּען צוזאַמענצוקומען אין שוהל אַריין די אַנטלאָפענע, ווער אָהן שטיוועל, ווער אָהן אַ פּאַלטאָ. אַזוי האָבּען מיר פערבּראַכט אַ גאַנצע נאַכט אין קעלט און אין הונגער, בּיז עס איז טאָג געוואָרען. אינדערפריה, מאָנטאָג, דעם 1-טען סעפּטעמבּער, האָבּ איך מיט דעם רב און כמעט די גאַנ-צע שטאָדט מענשען מיט טרעהרען אין די אויגען פערלאָזט די וויסטע, אומגליקליכע פערבּרענטע שטאָדט.”

אָט וואָס פאַר אַ צרות יודען האָבּען איבּערגעטראָגען סיי פון אייגענע, סיי פון פרעמדע; סיי פון מיליטער, סיי פון ציווילע שכנים. שטענדיג האָבּען זיי זיך געפונען צווישען צוויי העלישע פייערן, צווישען צוויי אכזריות׳דיגע מחנות. פון בּיידע זייטען האָט מען קיין אַנדער זאַך נישט געקאָנט ערוואַרטען, ווי בּלויז רויבּערייען, דראָהונגען, בּלבּולים און טויט-שרעק.

## ט

ווי איך האָבּ שוין דערמאָהנט אין איינעם פון די פרי-הערדיגע קאַפּיטלען, האָט וו. ווירובּאָוו מיר פאָרגעלעגט צו אָר-גאַניזירען אויף דער זעקסטער וויאָרסט בּיי וואַרשא אַ סאַניטאַר-שפּייז-פּונקט.

בעת עס זענען פאָרגעקומען די פערביטערטע שלאַכֿטען ביי לאָדז, ווען יעדען טאָג פלעגען אָנקומען פופציג–זעכֿציג צוגען מיט פערוואונדעטע, וועלכֿע עס איז געוועזן אונמעגליך גלייך צו שיקען ווייטער, איז פאָרגעקומען אַ פערשטאָפּונג אויפ׳ן אייזענבאַהן-וועג, אויף אַ שטח פון זיבען-אַכֿט וויאָרסט.

טויזענדער וואַגאָנעס זענען צו פיר-פינף טעג געשטאַנען אויף איין אָרט אין פעלד און די צעהנדליגער טויזענדער פערוואונדעטע זענען פערבליבען צו עטליכֿע טעג אָהן שפייז און מעדיצינישער הילף. צום גליק האָט זיך אויף דער זעקסטער וויאָרסט געפונען אַ מעדיצינישע אָבטיילונג פון „זעמסקי פערבאַנד", וועלכֿער איז דאָרט צונויפגעשטעלט געוואָרען, כדי צו געהן אין די קאַרפּאַטען. די אָבטיילונג האָט צייטווייליג גענומען אויף זיך צו פערזאָרגען די פערוואונדעטע מיט שפייז און מעדיצינישע הילף. אַזוי ווי ער האָט אָבער געדאַרפט באַלד אַוועקגעהן, האָט דער „זעמסקי פערבאַנד" בעשטימט איינצואָרדנען אויף דעם אָרט אַ שטענדיגען סאַניטאַר-שפייז-פונקט. אויף דעם פונקט זענען בעשטימט געוואָרען: איין אַרצט, פינף באַרמהערציגע שוועסטער, צעהן סאַניטאַרען, בעאַמטע, סך-הכל איבער פינפאונצוואַנציג מאַן. קיין געלד האָט מען נישט געשפּאָרט. ווי אַלץ, וואָס דער „פערבאַנד" האָט פאָרגענומען, האָט דאָ יעדע זאַך געקאָסט דריי-פיר מאָל טייערער, ווי געוועהנליך. אין פערבאַנד האָבען זיך אַרומגעדרעהט עטליכֿע פּאָליאַקלעך, וועלכֿע האָבען געהאַט צו שאַפען איבער אַלע פּאָדריאַדען און געצאָהלט משונה-הויכֿע מקחים. נעהמט, דהיינו, אַזאַ פאַקט: צוטרעטענדיג צו דער אַרבייט, האָב איך פאַר דעם נייע געגרינדעטען סאַניטאַר-פונקט בעשטעלט ביי אַ יודישען שילדען-מאָלער צוויי שילדען צו עלף רובל אַ שטיק. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָב איך צופעליג געטראָפען אין „פערבאַנד" איינעם פון די היימישע פּאָליאַקלעך צוזאַמען מיט אַנ׳אונטערנעהמער, אויך אַ פּאָליאַק, ביי וועלכֿען דער ערשטער האָט בעשטעלט איבער הונדערט שילדען פאַר אַנדערע פונקטען. איך האָב געפרעגט דעם היימישען פּאָליאַק, ווי טייער ער צאָהלט. ער האָט מיך אָבגערופען אין אַ

זייט און מיט אַ חניפה-שמייכעלע איינגערוימט אַ סוד, אַז ער צאָהלט זעהר ביליג, בחצי חנם, צו פינפאונצוואַנציג רובל אַ שטיק. איך האָב איהם אויפגעוויזען, אַז איך האָב פונקט דיזעלבע שילדען בעשטעלט צו עלף רובל. ער האָט זיך נישט פערלוירען און גלייך געפרעגט:

—ביי וועמען האָט איהר בעשטעלט: ביי אַ פּאָליאַק אָדער ביי אַ יוד?

—איז דען נישט אַלץ איינס?

—געוויס נישט! אַ יוד נעהמט ביליגער, אָבער די אַרבייט סויג צו גאָרנישט.

אַרויסגעוויזען האָט זיך, אַז די שילדען, וואָס איך האָב בעשטעלט זענען געווען אויסגעפירט בעסער ווי די פּוילישע, נאָר דאָס האָט, פערשטעהט זיך, קיינעם נישט איבערצייגט.

דאָסזעלבע איז פאָרגעקומען אויך ביי אַנדערע זאַכען. מען האָט געשאָטען געלד אָהן אַ שיעור, אָהן אַ רעכענונג, געמאַכט אין איילעניש בעשטעלונגען אויף צעהנדליגער טויזענדער רובל, און נאָכדעם האָבען זיך די בעשטעלונגען אַרויסגעוויזען אַלס אוננוצ-ליכע און דאָס געלד איז געגאַנגען לאבוד. פונקט די אייגענע מעשה האָט פּאַסירט מיט דעם סאַניטאַר-שפּייז-פונקט. די איינ-אָרדנונג, דער אינווענטאַר, די אויוועגס, די קעסלען, דאָס גע-שיר, די פּראָדוקטען, וואָס זענען צוגעגרייט געווען, האָט אָב-געקאָסט ביי צעהנטויזענד רובל. עס פערשטעהט זיך, אַז אַהער איז נישט אַריינגערעכענט דער געהאַלט פון פּערסאָנאַל, פון די אָנגעשטעלטע, וואָס האָט אויך בעטראָפען איבער צוויטויזענד רובל אַ חודש. ווען אַלץ איז געווען איינגעאָרדענט, האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דער פונקט איז אינגאַנצען איבעריג. מיר זענען אָבגעשטאַנען אַ גאַנצע וואָך און קיין איין פּערוואונדעטען אין די אויגען נישט געזעהן. עס איז שוין געווען אָנהויב ווינ-טער, די שלאַכטען האָבען זיך איינגעשטילט און די צוגען מיט די פּערוואונדעטע, וועלכע זענען פון צייט צו צייט געגאַנגען פון פראָנט, פלעגען זיך ביי אונז נישט אָבשטעלען. דערצו נאָך איז די אָבטיילונג, וואָס האָט געדאַרפט אָבפאָהרען אין די קאַר-פּאַטען, אויך פערבליבען דאָ אויף אַ צייט. אַזוי, אַז מיר האָבען

געהאַט צוויי אָבטיילונגען מיט אַ פערסאָנאַל פון איבער הונדערט מאַן, און קיין שום אַרבייט. די איינציגע נוצען, וואָס מיר האָבען געבראַכט, איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס פון די קעסלען האָבען זיך געשפייזט אַחוץ דעם פערסאָנאַל, ביי פופציג־זעכציג פויערים און קינדער פון די נאָהנטע דערפער און איינינע אייזענבאַהן־אַרבייטער.

אַז איך האָב אויף דאָס אַלץ אָנגעוויזען ווירובאָוו׳ן, האָט ער זיך אפילו אויף איין מאָמענט נישט פערטראַכט און גלייך בעשטימט:

—וויבאַלד אַזוי, וועלען מיר דעם „פונקט" פונאַנדערלאָזען!... אָדער ווייסט איהר וואָס? מיר וועלען איהם אַריבערטראָגען קיין בלאָניע (אַ שטעדטעל אַכטאונצוואַנציג וויאָרסט פון וואַרשא). דאָרט איז איצט אַנ׳עפידעמיע פון כאָלערע, טיפוס, שוואַרצע פאָקען און סקאַרלאַטינע. פאָהרט גלייך אַריבער אַהין, געפינט אַ פרייע וואוינונג און טראָגט אַהין אַריבער דעם סאַניטאַר־שפייז־פונקט, וועלכער וועט בעדינען די בעפעלקערונג.

אין אַ ווייל אַרום האָט ער ווידער איבערגעטראַכט:

—ניין! דאָס טויג נישט! איהר זענט אַ יוד, די אַרצטין אין אייער פונקט איז אַ יודישע. ביי די איצטיגע שטימונגען, ביי דער אויפרעגונג און ביי דעם חשד, וועלכע הערשען געגען יודען, טויג אייך נישט צו פאָהרען אין אַנ׳אָרט, וואו עס איז דאָ כאָלערע. גאָט ווייסט וואָס עס קאָן דערפון אַרויסקומען. עס קאָן ווידער אויפקומען די אַלטע לעגענדע וועגען פער׳סמ׳ונג פון קראַנקע, וועגען פערגיפטעטע ברונעמס...

—מיט אַזעלכע מאָטיוען וועל איך נישט און קאָן זיך נישט רעכענען,—האָב איך איהם געענטפערט.

-נו, קומט־זשע מאָרגען אין פערבאַנד, וועלען מיר עס בעטראַכטען.

דעמזעלבען טאָג האָב איך בעגעגענט דעם זשורנאַליסט פיאָדאָראָוו, דעם קאָרעספאָנדענט פון „רעטש",—איינעם פון די אָרענטליכסטע מלחמה־קאָרעספאָנדענטען. אַז איך האָב איהם דער-

צעהלט וועגען מיין געשפּרעך מיט ווירובאָוו׳ן, האָט ער כּמעט ווי אויסגעשריען:

—מיין עצה איז—און איך זאָג עס זעהר ערנסט—איהר זאָלט נישט פאָהרען אין אַנ׳אָרט, וואו עס קאָן אַרויסקומען אַ וועלכע נישט איז אויפרעגונג. איהר קאָנט זיך נישט פאָרשטע־לען, וואָס פאַר אַ פייערדיגער האַס צו יודען עס איז פונאַנ־דערגעגאָסען אין דער אַרמעע. גענוג איין פונק, עס זאָלען גע־שאַפען ווערען די פינסטערסטע לעגענדעס, עס זאָלען אויסברע־כען די ווילדסטע פאָגראָמען.

אויף מאָרגען בין איך געווען אין „פערבאַנד״ אויף אַ בעראַטונג. אָהן דעבאַטען האָבען אַלע איינגעשטימט, אַז דער שפּייז-פּונקט דאַרף אַריבערגעטראָגען ווערען אין בלאָניע.

—וואָס איז שייך צו אייער פאָהרען אַהין,—האָט זיך אָב־געדופען ווירובאָוו,—איז מיין מורא געווען אַנ׳אומזיסטע. איהר קאָנט אַהין רוהיג פאָהרען. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז די גאַנצע דאָרטיגע בעפעלקערונג איז אַ יודישע.

—נו, נישט די גאַנצע,—האָט איהם פעררירכט אַ בעפול־מעכטיגטער, דער שריפטשטעלער לאדיזשענסקי,—אָבער אַ פופ־ציג פראָצענט יודען, וועט דאָרט זיין.

—אויב אַזוי,—האָב איך זיך אָבגערופען,—וועט אויסקומען אויף אַ ביסעל אַנ׳אַנדער אופן צו אָרגאַניזירען דעם שפּייז-פּונקט. איהר ווייסט געוויס, אַז יודען האָבען זייערע דינים וועגען שפּייז, און פאַר זיי דאַרף איינגעאָרדענט ווערען אַ בעזונדער קעסעל אונטער דער השגחה פון אַ יוד.

ווירובאָוו האָט זיך אונצופרידען אַ קרים געטהון.

—ניין, דאָס קאָנען מיר נישט!—האָט ער זיך קאַטעגאָריש אָבגערופען,—מיר קאָנען נישט נאָכגעבען אַלערליי אַבערגלוי־בונגען!

—אויף יעדען געשמאַק האָבען מיר נישט קיין מעגליכקייט צוצוטרעפען,—האָט איהם אונטערגעהאַלטען דער פּאָליאַק אָליוו.

—דאָ האַנדעלט זיך נישט וועגען אַ געשמאַק-זאַך, נאָר וועגען רעליגיעזע איבערצייגונגען—האָב איך געענטפערט.—און

ווען דאָס זאָלען אפילו זיין אַבערגלויבונגען, איז נישט דעם „פערבאַנד׳ס״ אויפגאַבע זיי צו בעקעמפען. אויף דעם זענען דאָ אַנדערע אַנשטאַלטען. דער „פערבאַנד״ האָט די אויפגאַבע בנוגע דער אָרטיגער בעפעלקערונג צו דערנעהרען הונגעריגע און מיט דעם דאַרף ער זיך בעשעפטיגען. די ב׳אָניער יודען זענען דאָך נישט געקומען צו אייך בעטען הילף. איהר געהט צו זיי, דאַרפט איהר זעהן, אַז זיי זאָלען קאָנען עסען די שפייז, וואָס איהר וועט זיי פאָרלעגען.

—אַז מענשען זענען באמת הונגעריג, קלויבען זיי נישט פונאַנדער, ווי די שפייז איז צוגעגרייט און עסען, וואָס מען גיט זיי,—האָט געענטפערט ווירובאָוו.

—אונזער זאַך איז פאָרלעגען—האָט איהם ווידער אונטער-געהאַלטען לאדיזשינסקי—און טאָמער וועלען זיי נישט עסען—איז ווי זיי ווילען זיך!

—דאָס איז אַנ׳עכט ביוראָקראַטישער ענטפער—האָב איך זיך אָבגערופען,—אַנ׳אמת געזעלשאַפטליכע אַנשטאַלט וועט זיך קיינ-מאָל נישט שטעלען אויף אַזאַ שטאַנדפונקט. אָט, דהיינו, די פריי-עקאָנאָמישע געזעלשאַפט, ווען זי אָרגאַניזירט שפייז-פונק-טען דאָרט, וואו עס איז דאָ אַ יודישע בעפעלקערונג, שטעלט זי שטענדיג צוויי קיכען: אַ יודישע און אַ קריסטליכע.

דער ביישפיל פון דער פרייער עקאָנאָמישער געזעלשאַפט האָט געמאַכט אַנ׳איינדרוק אויף ווירובאָוו׳ן און זיינע חברים.

—ווייסט איהר וואָס?—האָט זיך אָבגערופען ווירובאָוו,—מיר וועלען איינאָרדנען נאָר אַ טיי-פונקט, וואו עס וועט דערצו נאָך געטיילט ווערען ברויט. אין דעם, ווייס איך, איז נישטאָ קיין אונטערשיד ביי יודען. מען קאָן נאָך קאָכען קאַשע. יודען, ווייס איך, עסען קריסטליכע קאַשע, אויב זי איז אָהן פלייש... בכן, פאָהרט מאָרגען מיט אייער אַרצטין קיין בלאָניע, דערגעהט דאָרט אויפ׳ן אָרט אַלע פרטים, דערנאָך וועט איהר עס אונז פאָרלעגען און מיר וועלען בעשטימען, ווי אין וואָס מען דאַרף איינאָרדנען.

בלייבענדיג שפעטער אַ ווילע אַליין מיט ווירובאָוו׳ן, האָב

איך פערפיהרט אַ געשפרעך וועגען מיין פאָהרען אין גאַליציע און ווידער געבעטען, ער זאָל מיר געבען די מעגליכקייט פאָה-רען אַהין. איך האָב איהם אויפגעוויזען, אַז די יודישע בעפעל-קערונג ליידט דאָרט הונגער און שרעקליכע נויט.

—וואָס פאַר אַ נויט!- האָט ער מיר איבערגעשלאָגען די רייד,—איך בין געווען אין גאַליציע און האָב געזעהן. גאַליציאַ-נער יודען לעבען זעהר גוט, זיי זענען אַ האָר נישט רואינירט.

און האָט צוגעגעבען:

—איך האָב זיך שוין איינמאָל אָבגעבריהט. געגעבען פראָ-קאָפּאָוויטש׳ן די מעגליכקייט צו פאָהרען קיין גאַליציע, האָט ער דאָרט אָרגאַניזירט אַרבייטער, אַרויסגערופען אַ שטרייק און פער-קאָכט אַ גאַנצע קאַשע. איצט וועל איך בשום אופן קיינעם נישט געבען קיין קאָמאַנדיראָווקע אַהין.

אַז איך האָב זיך אומגעקעהרט אויפן פונקט, האָב איך געפונען אַ צעטעל פון פרץ׳ן, איך זאָל גלייך קומען צו איהם וועגען אַ וויכטיגען ענין.

איך בין צוריקגעפאָהרען קיין וואַרשא און אַוועק צו פרצ׳ן. ער האָט מיר מיטגעטיילט, אַז עס איז געקומען זיינער אַ בע-קאַנטער, פייגענבוים, וועלכער האָט גרויסע פאָדריאַדען אין גאַ-ליציע. פרץ האָט מיט איהם גערעדט וועגען מיר און ער האָט איינגעשטימט מיך מיטצונעהמען אין גאַליציע אַלס זיינעם אַנ׳אָנ-געשטעלטען.

איך בין אַוועק צו פייגענבוים׳ען. ער האָט מיר פאָרגע-לעגט, איך זאָל גלייך, אין אַ פּאָר שעה אַרום, פאָהרען מיט איהם קיין בראָד. אַזוי ווי איך האָב נישט געקאָנט אָבפאָהרען, נישט איבערגעבענדיג דעם פונקט, האָבען מיר בעשטימט, אַז איך וועל אין אַ וואָך אַרום פאָהרען קיין ראָווגע, וואוהין ער וועט קומען און מיך מיטנעהמען קיין בראָד.

ט

בלאָניע איז, פאַר דער מלחמה, ווייזט אויס, געווען אַ פיין און רייך יודיש שטעדטעל. ברייטע גאַסען, אַ גרויסער שטאָדט-גאָרטען, עטליכע דענקמעלער, פיל היבשע מויערן, גרויסע קראָמען. נאָר נאָכדעם, ווי דאָ האָט זיך דורכגעטראָגען דער מלחמה-שטראָם און דאָס שטעדטעל איז אַריבער פון האַנד צו האַנד, פערנומען געווען דורך די דייטשען און צוריק אַריבער צו די רוסען, איז עס חרוב ומוחרב געוואָרען. די „ראַטושע" אין מיטען שטאָדט מיט אַנ'אַראָבגעריסענעם דאַך און איינגעבראָכענע צולעכערטע ווענט, זעהט אויס ווי אַנ'אַלטע „רואינע" און סימבאָליזירט דעם חורבן פון שטאָדט. דער גרעסטער טייל הייזער און מויערן פערברענט, אַנדערע שטעהען פוסטע און וויסטע, מיט אויסגעריסענע טהירען און פענסטער. בלויז אין די זייטיגע געסלעך זענען פערבליבען גאַנצע הייזלעך, דערהויפּט קריסטליכע, פון די גרויסע קראָמען איז אפילו איינע נישט פערבליבען: אַלע—פוסט און לער, מיט אָבגעריסענע טהירען, נאָר אין אייניגע האָבען זיך בעזעצט נייע קרעמער, וואָס פערקויפען ברויט, חזיר, פאַפּיראָסען, פאַפּיר, טיי און צוקער. קיין אַנדערע סחורות איז אין שטאָדט נישטאָ.

די גרויסע שוהל איז גאַנץ געבליבען. אַלץ וואָס אין איהר האָט זיך געפונען, האָט מען צורויבט און פערניכטעט, די ספרי-תורות צוריסען און געלעסטערט. איצט איז זי פערנומען אויף אַ לאַזאַרעט פאַר כאָלערע-קראַנקע. דאָס האָט דער אָרטיגער „אָביוואַטעלסקי קאָמיטעט" אָנגעוויזען דער מיליטער-מאַכט אויף דער שוהל, ווי אויף דער פאַסיגסטער געביידע פאַר אַ כאָלערע-לאַזאַרעט.

אויף וויפיל די שטאָדט איז פערוויסט, אויף אַזויפיל זענען בעלעבט די גאַסען. עס הערשט אַ נערוועזע מיליטער-בעוועגונג, עס ציהען זיך אָהן אַנ'אויפהער אָבאָזען פון שווער אָנגעלאָדענע פוהרען, מיט אַנ'אייזערנער קלאַפּעריי טראַגט זיך

אַרטילעריע, עס געהען איינע נאָך איינע מחנות מיליטער, פוס־געהער און רייטער. דאָס אַלץ פליסט אין דער ריכטונג צו סאָ־כּאַטשאָוו. די זעלטענע ציווילע, וועלכע געהען דורך געאיילט און דערשראָקען, טיילען זיך אויס פון דער גרויער מיליטער־מאַסע, ווייזען אויס ווי פרעמדע אוננוצליכע בעשעפענישען, וואָס פלאָנטערן זיך אונטער די פיס.

געפּאָהרען בין איך קיין בלאָניע צוזאַמען מיט דער אַרצ־טין פון אונזער סאַניטאַר־שפּייז־פּונקט, פרוי בערלין. קומענדיג אין שטאָדט, זענען מיר אַוועק אין „אָביוואַטעלסקי קאָמיטעט". דאָרט האָבען מיר געטראָפען איינעם פון די מיטגלידער פון קאָ־מיטעט, אַנ׳אַרצט, אַ פּאָליאַק. ער האָט אונז מיטגעטיילט, אַז אין שטאָדט איז פערבליבען נישט מעהר ווי אַ צעהנטעל איינ־וואוינער, פיר־פינפהונדערט נפשות, פון וועלכע אַ גרויסע טייל בעשטעהט פון ניי אָנגעקומענע מענשען פון די אַרומיגע דער־פער. יודען זענען פערבליבען נישט מעהר ווי צעהן־פופצעהן געזינדען. די איבעריגע זענען צולאָפען, וואוהין נאָר געקאָנט, דערהויפּט קיין וואַרשא. ווייטער האָט ער דערצעהלט, אַז דער „אָביוואַטעלסקי קאָמיטעט" האָט דאָ איינגעאָרדענט אַנ׳אומזיסטע קיך, פון וועלכער עס ווערט טעגליך אַרויסגעגעבען פון הונ־דערטפופציג ביז צוויי הונדערט מיטאָגען. דער „זעמסקי פערבאַנד" האָט דאָ אַנ׳אומזיסטע טיי־הויז, וועלכע האָט קיין הענד נישט אַלעמען צו בעפרידיגען. עס איז נויטיג איינצואָרדנען נאָך אַ טיי־הויז. דורך דער שטאָדט געהען דורך צעהנדליגער טויזענ־דער סאָלדאַטען, מידע, דורשטיגע, נישט בעקומענדיג קיין טיי, טרינקען זיי רויע וואַסער, אַנדערע טרינקען אפילו פון די בלאָ־טיגע גאַס־קאַלוזשעס, דערפון נעהמען זיך עפּידעמישע קראַנק־הייטען.

—אייער אומזיסטע קיך איז איינגעאָרדענט בלויז פאַר קריסטען, אָדער אויך פאַר יודען?—האָב איך געפרעגט דעם אַרצט.

—מיר מאַכען נישט קיין אונטערשיד,—האָט ער געענט־פערט,—ווער עס קומט יענעם גיט מען עסען.

—איהר פערשטעהט געוויס, וועגען וואָס איך פרעג. איהר מוזט דאָך וויסען, אַז יודען עסען נישט קיין קריסטליכע שפייז.

—יאָ... דאָס וויים איך.

—און קיין יודישע קיך האָט איהר נישט איינגעאָרדענט?

—ניין... נישטאָ כמעט פאַר וועמען. די עטליכע יודען, וואָס זענען דאָ געבליבען, נויטיגען זיך נישט אין אומזיסטע שפייז. זיי האַנדלען און פערדינען גאַנץ גוט.

—אפשר קאָנט איהר מיר ערקלערען, ווי אַזוי האָט מען דאָס דעם יודישען טעמפעל געמאַכט פאַר אַ כאָלערע-לאַזאַרעט? האָט מען דען קיין אַנדער געביידע נישט געקאָנט געפינען?

—דאָס איז נישט אונזער זאַך. דאָס קעהר זיך אָן צו דער מיליטער-מאַכט.—האָט ער טרוקען געענטפערט, דערפיהלענדיג אַפנים, אין מיינע ווערטער אַ טאָן פון חשד.

—ווי האָבען זיך בעצויגען צו דער בעפעלקערונג די דייטשען, בשעת זיי זענען דאָ געווען?—האָט געפרעגט די אַרצטין.

—איינינע טיילען האָבען זיך בעצויגען זעהר גוט, אידעל, קיינעם נישט אָנגעריהרט, פאַר אַ/ך געצאָהלט. אַנדערע אָבער האָבען ראַבירט, אונטערגעצונדען הייזער, בעגאַנגען די גרעסטע אכזריות׳ן, צוויי וויאָרסט פון דאַנען אין אַ פאָלווארק, זענען אין אַ שפייכלער געלעגען הונדערט צוויי אונניינציג עפידעמישע קראַנקע און פערוואונדעטע. די דייטשען האָבען פערשלאָסען דעם שפייכלער, אַרומגעלעגט איהם מיט שטרוי און אונטערגעצונדען. אַלע הונדערט צוויי אונניינציג מאַן זענען פערברענט געוואָרען! געטהון האָבען זיי דאָס, כדי די עפידעמיע זאָל זיך נישט פערשפרייטען אין דער דייטשער אַרמעע...

---

די אַרצטין איז אַוועק אין טיי-הויז פון „זעמסקי פערבאַנד״, און איך בין געגאַנגען אין שטאָדט, צו דערגעהן, וואָס עס טהוט זיך מיט דער יודישער בעפעלקערונג. איך בין אַריין אין אַנ׳אָרים קרעמעל, וואו אַנ׳עלטערע יודענע האָ׳ז פערקויפט בולקעס, הערינג און אַנדערע ביליגע שפייז-פראָדוקטען. פונאַנ-

דערגערעדט זיך, האָט זי מיר אויך דערצעהלט, אַז כמעט אַלע יודען זענען זיך צולאָפען פון דאַנען.

—וויפיל יודישע איינוואוינער זענען דאָ געווען פריהער?— האָב איך געפרעגט.

—ווער האָט זיי געצעהלט? ווי אומעטום, געווען אַ האַלבע שטאָדט יודען.

—איבער וואָס איז מען זיך צולאָפען?

—מסתמא נישט פון וואוילטאָג!... געווען פון וואָס צו אַנטלויפען, אָך־אָך־אָך!...

אין קראָם איז אַריין דער קרעמערינס זוהן, אַ יונגערמאַן מיט אַ פערבאַנדאַזשירטען קאָפּ. צוהערענדיג זיך צו אונזער גע־שפּרעך, האָט ער אָנגעהויבען דערצעהלען:

—איידער די דייטשען זענען אַריין, האָבען זיי בעשאָסען די שטאָדט. עס איז געהרג׳עט געוואָרען אַ מיידעל. צו דער לויה זענען געגאַנגען אַנ׳ערך צעהן מענשען. אומקעהרענדיג זיך פון בית־עולם, האָבען זיי זיך בעגעגענט מיט אַ פּאַטרול רוסישע סאָלדאַטען. יענע האָבען גלייך אָנגעהויבען שיסען און געהרג׳עט צוויי יודען... נאָר נישט דאָס איז דער עיקר. אַנטלאָפען איז מען פון רויבערייען, פון געשלעגעריי, פון די בלבולים... ווי נאָר עפּעס—גלייך חושד געווען, אַז מען איז אַ שפּיאָן און אַרע־סטירט.

—נישט ווייט פון דאַנען, אין אַ פאָלוואַרק,—האָט ווייטער דערצעהלט די קרעמערין,—האָט געדינט אין דער פּאַכט אַ יוד, געוואַשען דאָס געפעס. געווען איז ער אַ נאַרכעלע, האָט גאָר־נישט פערשטאַנען, קיין צוויי נישט געקאָנט צעהלען. האָט מען איהם חושד געווען אַז ער איז אַ שפּיאָן. נו, ווי פערשטעהט מען דאָס נישט, אַז אַזאַ מענש קאָן קיין שפּיאָן נישט זיין! אַ שפּיאָן דאַרף דאָך האָבען כאָטש אַ טראָפּען שכל. נאָר געה רייד מיט זיי!

—ווי בעציהט זיך איצט דאָס מיליטער צו יודען?

—איצט, אַז עס איז נישטאָ וועמען צו שלאָגען און וואָס

צו רויבען, איז, דאַנקען גאָט, שטיל,—האָט געענטפערט מיט אַ ביטערער איראָניע די קרעמערין.

—ניין, מען דאַרף דעם אמת זאָגען,—האָט זיך אָבגערופען דער יונגערמאַן,—אַז געוועהנליכע סאָלדאַטען טהוען נישט קיין בייז. זעלטען ווען אַ סאָלדאַט זאָל אָנריהרען אַ יוד. די גאַנצע צרה איז פון די קאָזאַקען, ווי נאָר זיי קומען, הויבען זיי אָן ראַבירען און שלאָגען.

—איז דאָ נויטיג אַ יודישע אומזיסטע קיך?—האָב איך געפרעגט.

—ניין,—האָט קאַטעגאָריש געענטפערט דער יונגערמאַן.—די עטליכע יודען, וואָס געפינען זיך דאָ, זענען פערבליבען, ווייל זיי פערדינען זייער חיונה. די אָרימעלייט זענען אַלע אַוועק קיין וואַרשא.

אַרומוואַנדערנדיג איבער'ן שטאָדט, בין איך אַריין אין אַ גרויסער קראָם—געווען איז עס פריהער אַ מאַנופאַקטור־מאַגאַזין—איצט זענען דאָ געזעסען ביי בעזונדערע טישלעך דריי קרעמער, איינער פערקויפט ברויט, דער צווייטער—חזיר, דער דריטער, אַ יודישער בחור, האָט געהאַנדעלט מיט פאַפּיראָסען. בעקענט זיך מיט איהם.

—איך בין פון סאָכאַטשאָוו,—האָט ער מיר גענומען דער־צעהלען,—געהאַט דאָרט אַנ'אייגענע קראָם און גוט פערדינט. אַז דער דייטש איז געקומען נעהנטער, האָט זיך אין שטאָדט אָנגע־הויבען אַ מהומה. צו אונז איז געקומען רענענקאַמף און גענו־מען זיך נוקם זיין אָן יודען. געשלאָגען, געשמיסען, אַרעסטירט, געצוואונגען די שענסטע בעלי-בתים רייניגען די בית־הכסא'ס. היינט ווער רעדט שוין וועגען ראַבירען יודיש גוטס! נאָכדעם האָט מען גענומען אַרויסשיקען יודען. פיל זענען זיך פריהער צו־לאָפען. איך בין אַוועק קיין וואַרשא, נאָר שפּעטער מישב געווען זיך: ווי אַזוי לאָזט מען דאָס דעם גאַנצען פערמעגען! האָב איך געדונגען אַ פוהר פאַר זעכציג רובל און געפאָהרען צוריק קיין סאָכאַטשאָוו. געקומען: וואו קראָם? ווען קראָם? צוראַבירט! געווען אויף אָנדערטהאַלבען טויזענד רובל סחורה, איז געבליבען אפשר אויף הונדערט רובל, וואָס די שכנים האבען אַרויסגעראַטעוועט

געבראַכט אַהער די איבערגעבליבענע סחורה און גענומען האַנ־דלען...

ווי איז איצט די לאַגע אין סאָכאַטשאָוו?

—פרעגט בעסער נישט! נעכטען ביינאַכט זענען אַהער אָנ־געקומען די לעצטע דרייסיג יודען, וועלכע מען האָט פון דאָרט אַרויסגעטריבען. געקומען הונגעריגע, טויט-מידע, צושלאָגענע, בערויבטע. פיל זענען געקומען באָרוועס: אין וועג האָט מען ביי זיי אַראָבגענומען די שיך. צווישען די געקומענע איז דאָ אַ ווייבעל, וואָס האָט געבוירען ווי נאָר זי איז געקומען אין שטאָדט. מיר האָבען זי אַוועקגעלעגט אין אַ פוסטע קראָם, און ווייסען נישט וואו אַהינצוטהון זי...

איך האָב אויפגעזוכט די אַרצטין און אַוועק מיט איהר צו דער קינפעטאָרין. אין אַ פוסטען קרעמל, אויף אַ בלאָטיגער פאָדלאָגע איז געלעגען אויף אַ הייפעל שטרוי, צוגעדעקט מיט עטליכע צוריסענע בגדים, אַ יונג ווייבעל מיט אַ פיבערהאַפטער רויטקייט אין פנים, און שווער געאָטעמט. נעבען איהר איז גע־לעגען, איינגעוויקעלט אין שמוציגע שמאַטעס, דאָס נייגעבוירענע קינד. איבער׳ן חדר׳ל האָבען זיך אומגעבלאָנקעט אָהן אַ ציל צוויי יונגעלעך פון פיר און צוויי יאָהר,ביידע אין פרעמדע פאַלטענדלעך, וועלכע האָבען זיך געשלעפט איבער דער פאָדלאָגע און געווען ביז די קאָלנערס פערדעקט מיט נישט פערטריקנע־טער בלאָטע. די קינדער זענען געווען אויפגערעגט, דערשראָקען, האָבען זיך קיין אָרט נישט געפונען און געקוקט אויף אונז מיט פיבערהאַפטע בליקען פון זייערע רויטע אויגעלעך. אַז איך אָדער די אַרצטין האָבען געפרובט צוגעהן צו דער מוטער, האָבען זיי אויפגעהויבען אַ שרעקליכען יאָמער.

אָן אַ זייט איז געשטאַנען דער קינפעטאָרינס מוטער, אַנ׳־עלטערע יודענע, אַ פערביטערטע, אַ פער׳דאגה׳טע. אַז איך האָב זיך צו איהר געווענדט, האָט זי געענטפערט שטיל, מיט אַ טוי־טער גלייכגילטיגקייט פון העכסטער פערצווייפלונג:

—מיר האָבען שוין פריהער איבערגעלעבט גענוג צרות און שרעקען. אַז דער דייטש איז ווידער צוגעקומען צום שטאַדט

און גענומען די בעשיסען מיט האַרמאַטען, האָבען מיר זיך בעהאַלטען אין די קעלערס און פינף טעג אָבגעלעגען דאָרט, נישט געגעסען און נישט געטרונקען. דער הונגער איז נאָך ווי-נישט-איז געווען איבערצוטראָגען, אָבער דעם דורשט האָט מען נישט געקאָנט אויסהאַלטען. זענען אַ פּאָטער מיט אַ מוטער אַוועק צום טייך נאָך וואַסער, האָבען זיי זיך שוין נישט אומגעקעהרט. מען האָט זיי ביידען געפונען דער׳הרג׳עטע. אייערנעכטען, אַז די שיסעריי האָט אַ ביסעל אויפגעהערט און מען איז אַרויס פון די קעלערס, האָט דער גענעראַל געהייסען צוזאַמענטרייבען אַלע יודען מיט די קינדער אין מאַרק. עס איז זיך צונויפגעקומען אַכטאונזעכציג פּאַרשוין. האָט מען פון זיי אָבגעטיילט דרייסיג מאַן, אַרעסטירט זיי און אַוועקגעזעצט אין די אָקאָפּעס. וואָס מיט זיי וועט זיין, ווייסען מיר נישט. די איבעריגע אַכטאונדרייסיג מאַן האָט מען אַרויסגעטריבען פון שטאָדט. מיר זענען אַוועק צופוס. שווער ווי דער טויט איז געווען צו געהן. עס האָט געגאָסען אַ רעגען, דער וועג—אַ געדיכטע בלאָטע, און דאָ נאָך די מעוברת׳ע טאָכטער,—וואָס אָט-אָט הויבט זי אָן געהן צו קינד,—און די צוויי עופ׳עלעך. געשלעפּט זיך אַזוי אַ גאַנצען מעת-לעת. אין מיטען וועג זאָגט צו מיר די טאָ-טער: „מאַמע, זעה, וואָס העננגט עס דאָרט אויף די בוימער?״ איך גיב אַ קוק: עס הענגען דריי יודען. מורא געהאַט צו צוקוקען זיך, איך זאָל נישט דערקענען בעקאַנטע שטאָדט-לייט. נישט דערגעהענדיג עטליכע וויאָרסט, איז די טאָכטער געפאַלען אָהן כחות, די קינדער האָבען אויך נישט געקאָנט מעהר ריהרען זיך פון אָרט. האָבען מיר זיך אַוועקגעזעצט ביים וועג אין בלאָטע. האָט אַ פאַרבייפאָהרענדיגער סאָלדאַט, דוקא אַ גוי, רחמנות געהאַט און גענומען אונז אונטערפיהרען. ווי נאָר די טאָכטער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן וואָגען, האָט זי אָנגעהויבען געהן צו קינד און דעם גאַנצען וועג געשריען פון געבורטס-וועהען. אַז מען איז נעקומען אין שטאָדט, האָט זי גלייך מוליד געווען. קיין צייט נישט געהאַט אפילו אַריינצופיהרען זי אין אַ יודיש הויז.

פרוי בערלין האָט גענומען די קינפּעטאָרין און דאָס גאַנ-

צע געזינד אונטער איהר שוץ, אריבערגעפיהרט זיי צו א יוד אין הויז, געקריגען מילך, אייער, גרויפען, ווייך, טיי און צו-קער. דאס אלץ האבען מיר בעקומען פון דעם איינציגען שפייז-פונקט, וואס איז געווען אין בלאניע. ווי אויף צו להכעיס איז דאס געווען פורישקעוויטשעס שפייז-פונקט!

---

בעשטימענדיג צו עפענען דא נאך א טיי-אנשטאלט, זענען מיר אוועק זוכען א פאסיגע דירה. מיר האבען בעקוקט איבער צוואנציג פוסטע הייזער. דערביי האב איך בעמערקט, אז אין אלע פערברענטע הייזער און פערוויסטע דירות איז אויף די „פרימשקעס" געווען דער סימן פון מזוזות. אפשר האבען די רויבער און אונטערצינדער טאקע נאך די מזוזות דערקענט יודי-שע הייזער. נאר די מזוזות גופא זענען אומעטום געווען אָב-געריסען. עטליכע האב איך געפונען אין בלאטע.

עס איז דא עפעס מיסטיש-שרעקענדיגעס אין פוסטע, פערוויסטע, טויב-שטומע דירות, אין וועלכע עס פיהלט זיך נאך די אימה׳דיגע טראגעדיע, וואס האט זיך אבגעשפילט אין שטעדטעל... דער בליק זוכט ליידענשאפטליך א וועלכען ס׳איז שפור פון די פערשוואונדענע בעלי-בתים, עס ווילט זיך טרע-פען, ווער זיי זענען געווען, ווי זיי האבען געלעבט און וואס זיי האבען איבערגעלעבט, בעת זיי האבען פערלאזען זייער וואוינונג.

דאס הויז, וועלכעס מיר האבען פערנומען, איז געווען פוסט. ביז אונז זענען דא פיל מאל געשטאנען סאלדאטען, וואס האבען איבערגעלאזט שטרוי, שמוץ און לערע שאכטען פון קאנסערוועז. אז איך האב זיך גוט צוגעקוקט, האב איך פארט געפונען א שפור פון די פריהערדיגע בע״י-בתים. אין איין צימער זענען אויפ׳ן וואנט פערבליבען צוויי קליינע, קיי-לעכדיגע, גיפסענע בילדלעך. אויף איינעם פון זיי איז גע-ווען געמאלט די מוטער-רחל׳ס קבר, אויף דעם צווייטען — מאקס נארדוי.

וואו זענט איהר איצט, מיינע ברידער, וואָס, אַוועקגעהענדיג אין צווייטען, פינסטערן גלות, האָט איהר איבערגעלאָזט אין פערוויסטען הויז אַ פונק פון אייער בענקעניש נאָך דער אַלטער אייביגער היים.

## יז

אומקעהרענדיג זיך צוריק קיין וואַרשא, האָב איך אָבגעגעבען אין קאָמיטעט פון „פערבאַנד״ אַ בעריכט פון בלאָניע און אַרויסגעזאָגט מיין מיינונג און די מיינונג פון דער אַרצטין, אַז דאָרט איז נויטיג צו עפענען נאָר אַ צווייט טיי-הויז. פאַר דער קריסטליכער בעפעלקערונג האָט דער „אָביוואַטעלסקי קאָמיטעט״ איינגעאָרדענט אַ קיך און קיין יודישע קיך איז נישט נויטיג, ווייל דאָרט זענען כמעט נישט געבליבען קיין יודען. דערביי האָב איך זיך נישט איינגעהאַלטען צו בעמערקען ווירובאָוו׳ן:

—ווי איהר זעהט, האָט איהר זיך מיט מיר אומזיסט געדונגען וועגען אַ יודישער קיך. די מיליטער-מאַכט האָט אויף איהר אופן פיל פראָסטער אָבגעפּטר׳ט די פראַגע...

ווירובאָוו איז געוועזען אַ ביסעל פערשעמט, נאָר באַלד האָט ער זיך אָבגערופען:

—די פראַגע איז אָבער נישט קיין צופעליגע, זי עקזיסטירט אויך אין אַנדערע ערטער. אָט דהיינו אין גורא-קאַלוואַריאַ האָט דער „אָביוואַטעלסקי קאָמיטעט״ געהאַט געעפענט אַ קיך, וואו יודען האָבען געקאָנט עסען גלייך מיט קריסטען. איז אָבער דאָרט דאָ אַ צדיק, וועלכען די יודען פערגעטערן, האָט ער גוזר געווען, אַז יודען זאָלען בעסער שטאַרבען פון הונגער, איידער עסען צוזאַמען מיט קריסטען.

—איהר ווייסט, דוכט זיך, גאַנץ גוט, ווי די פוילישע „אָביוואַטעלסקע קאָמיטעטען״ בעציהען זיך צו די יודען און אויך וויפיל זיי זענען בעגלויבט אין זייערע מעשיות וועגען יודען,–

האָב איך געענטפערט.—מסתּמא האָט דאָרט דער „אָביוואַטעלסקי קאָמיטעט״ אויך געוואָלט דורכ׳ן הונגער קעמפֿען געגען די אַזוי גערופֿענע „יודישע אַבערגלויבונגען״.

—ניין, אויף וויפיל איך האָב פערשטאַנען, וואָלט דער קאָמיטעט געוועז איינגעאָרדענט אַ יודישע קיך... אָבער ווי די מעשה איז, אַ יודישע נישט אַ יודישע קיך, איך ווייס נאָר איין זאַך, אין שטאָדט איז כאָלערע, די יודישע בעפעלקערונג הונ-גערט, אַ שפייז-פונקט איז נויטיג און איבער דעם צדיק קאָן ער נישט געעפֿענט ווערען.

און מיט זיין געוועהנליכען אימפעט האָט ער צוגעגעבען:

—פֿאָהרט גלייך אַריבער אין גורא-קאַלוואַריאַ, דערגעהט אויפֿן אָרט, וואָס דאָרט טהוט זיך, זעהט זיך מיט׳ן צדיק און גיט איהם צו פערשטעהן, אַז אין אַזאַ צייט דאַרף מען זיך אַנ-דערש אויפֿפֿיהרען.

פון „פערבאַנד״ בין איך אַוועק צו פּרץ׳ן. ער האָט מיר קודם כּל, ערקלערט, אַז דער „צדיק פון גורא קאַלוואַריאַ״ איז דאָס דער „גער׳ער רבי״, דער גרעסטער פון די פּוילישע גוטע יודען, וועלכער האָט אַנ׳אונגעהויער גרויסען איינפלוס כמעט אויף דער גאַנצער יודישער אָרטאָדאָקסיע פון פּוילען. פּרץ׳ן איז אויסגעקומען אַ פּאָר מאָל צו טרעפען זיך מיט איהם און ער האָט אַרויסגעטראָגען דעם איינדרוק, אַז דאָס איז אַנ׳אייגענאַרטיגע פּערזענליכקייט.

פּרץ האָט מיר אַנ׳עצה געגעבען, איך זאָל פֿאָהרען קיין גער און זיך זעהען מיט וועמען עס איז פון דעם רבינ׳ס מקורבים, וועלכע וועלען מיך בעקענען מיט דער לאַגע אין שטעדטעל, אָנווייזען צו וועמען זיך צו ווענדען דאָרט, און ווי צוטרעטען צום רבי׳ן. ער האָט גלייך טעלעפאָנירט צו איי-נעם פון די איבערגעגעבענסטע „גער׳ער״ חסידים, אַ בעוואוסטער וואַרשאָווער גביר, וועגמייסטער, און דערצעהלט איהם וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך.

וועגמייסטער׳ן האָט די מעשה שטאַרק דערשראָקען. ער האָט אין דעם דערפֿיהלט אַ בלבול אויפ׳ן רבי׳ן. ביי איצטיגער

צייט קאָן זיך דער נאַרישסטער בלבול ענדיגען זעהר ביטער. ער האָט געענטפערט, אַז ער וויל זיך תּיכף זעהן מיט מיר, נאָר אַזוי ווי ער איז קראַנק און געהט נישט אַרויס פון שטוב, בעט ער מיך קומען צו איהם.

וועגמייסטער, אַ זקן פון פינפאונזיבעציג יאָהר, נאָך אַ שטאַרקער און לעבהאַפטער מענש, האָט מיך פֿערשאָטען מיט רייד: דערצעהלט מיר, וויפיל ער טהוט לטובת הכּלל; עס איז נישטאָ קיין איין יודישע אַנשטאַ״ט, אין וועלכער ער זאָל נישט זיין פאָרזיצער, נישטאָ קיין איין בעוואוסטע פערזענליכקייט, מיט וועלכער ער זאָל נישט זיין בעקאַנט און בעפריינדעט. דערהויפּט אָבער איז ער נאָהנט צום רבי׳ן, דער נעהנטסטער מענש!. דער-ביי איז געזעסען זיין זוהן, אַ יוד קרוב לששים, און שווייגענ-דיג צוגעהערט זיך צום פאָטערס רייד מיט אַ גרויסען אָבשיי.

דער אַלטער וועגמייסטער האָט מיר איבערגעגעבען, אַז דער רבי איז שוין מיט דריי חדשים צוריק אָבגעפּאָהרען פון „גער״ און געפינט זיך אין וואַרשא, אַז ווען ער וואָלט אפילו זיין אין „גער״, וואָלט ער זיך אויך נישט געמישט אין אַזוינע וועלטליכע ענינים, ווי אַ קין. ער איז זעהר ווייט פון דער וועלט...

עס ווייזט אויס, אַז איידער איך בין געקומען צו וועג-מייסטער׳ן, האָט ער שוין פריהער מודיע געווען דעם רבי׳ן די מעשׂה וועגען „בלבול״ און שטאַרק אָנגעשראָקען איהם. בשעת מיר האָבען גערעדט, האָט מען עטליכע מאָל געקלונגען פון רבי׳ן, און וועגמייסטער האָט איבערגעגעבען יעדעס וואָרט, וואָס איך האָב געזאָגט. נישט בענוגענדיג זיך מיט דעם, האָט נאָך אָנגעקלונגען דעם רבי׳נס שוועסטער און שטאַרק פערענטפערענ-דיג זיך, געבעטען, אַז איך זאָל כאָטש אויף עטליכע מינוט אַריינגעהן צו איהר. איך האָב נישט געקאָנט אָבזאָגען און אַוועק צו איהר מיט וועגמייסטערס זוהן. דעם רבי׳נס שוועסטער, אַנ׳-עלטערע יודענע, אַ קלוגע און אַ געלאַסענע, מיט אַריסטאָקראַ-טישע מאַניערען, האָט מיט שטאַרקער אונגעדולד געוואַרט אויף מיר. ווי איך בין אַריין אין הויז, האָט זי גלייך אָנגעהויבען:

מיר דערוויייזען, אַז איהר ברודער איז ריין פון וועלכער עס איז „זינד" בנוגע צו דעם „אָביוואַטעלסקי קאָמיטעט" און דעם „פּער-באַנד", אַז ער וואָלט זיך קיינמאָל נישט ערלויבט אַרויסצוטרע-טען מיט אַ וועלכען עס איז בעפעהל אַנטקעגען זיי א. אַ. וו. אויף מיר האָט איהר פערטיידיגונגס-רעדע געמאַכט דעם שווער-סטען איינדרוק. פיל צייט איז אַוועק, ביז עס איז מיר געלונגען איהר געבען צו פערשטעהן, אַז מיך איבערצייגען אין'ם רבי'נס אונשולדיגקייט איז גאַנץ איבעריג. דערביי האָב איך זיך בעמיהט צו בערוהיגען זי, דערוויייזען איהר, אַז דערפון קאָן קיין שום בלבול נישט אַרויס.

האָט זי זיך אַ ביסעל בערוהיגט און מיר אָנגעהויבען דער-צעהלען וועגען „גער".

—אויף אונזער שטאָדט האָט זיך אויסגעגאָסען די גאַנצע תוכחה. ערשטענס האָט מען זי צושאָסען. גאַנצענע טעג האָט דער דייטש זי פערשאָטען מיט קוילען און שראַפּנעלען. ווער ווייסט, וויפיל יודען זענען גע'הרג'עט געוואָרען—אָהן אַ צאָהל! אַז עס האָט זיך אָנגעהויבן די שיסעריי, האָט מען גענומען לויפען אין שוהל—האָבען זיך דאָרט צונויפגעקליבען ביי צוויי-טויזענד נפשות. פליהט אַריין אַ האַרמאַטען-קויל גלייך אין שוהל, בויערט דורך דעם דאַך, צוהאַקט דעם טיש און ווערט איינגע-זונקען אין דער ערד. אפילו נישט אָנגעריהרט קיינעם! אַ נס מן השמים. האָט מען דאָך געדאַרפט בלייבען זיצען אין שוהל. האָט זיך אָבער דער עולם דערשראָקען און איז אַרויסגעלאָפען אויפ'ן גאַס און דאָ איז געפאַלען נאָך אַ באָמבע פון אַ האַרמאַט און דער'הרג'עט אויפ'ן אָרט דרייאונצוואַנציג יודען. אין דער גאַנ-צער שטאָדט זענען אפשר עטליכע הונדערט אומגעקומען, ווער ווייסט. נו, און דאָ האָבען זיך אָנגעהויבען די רציחות, די רוי-בערייען, די פּאָגראָמען פון סאָלדאַטען, פריהער פון רוסישע, נאָכדעם פון די דייטשע, און שפּעטער ווידער פון די רוסישע. בקיצור, עס איז געווען נישט אויסצוהאַלטען. נאָר ערגער פון אַלץ זענען פערשטעהט זיך געווען די בלבולים. דאָס האָט מען

גאָר נישט געקאָנט אַריבערטראָגען. ווי נאָר עפּעס אַ האָהר—איז די גאַנצע שטאָדט געווען אין סכּנה.

—בעת די רוסען האָבען אָנגעהויבען אָבטרעטען,—האָט זי ווייטער דערצעהלט—האָט אַ פּאָלק געדאַרפט אַריבערגעהן איבער'ן ווייכסעל. כּדי עס זאָל זיין ליכטיג צו געהן, האָבען די סאָל-דאַטען אָנגעצינדען ביים ברעג טייך אַ הויז, וואָס האָט געהערט דעם דאָזאָר יונה ראַקאָווסקי. שפּעטער, אַז דער פּאָלק איז אַרי-בער, זענען אָנגעקומען נייע סאָלדאַטען. ווי זיי האָבען דערזע-הען, אַז עס ברענט אַ הויז און זיך דערוואוסט, אַז עס איז אַ יודיש הויז, האָבען זיי גלייך בעשלאָסען, אַז דאָס האָבען יודען אונטערגעצינדען בכּיון כּדי צו געבען אַ צייכען דעם דייטש. מען האָט געגומען זוכען דעם בעל-הבית פון הויז, נאָר מען האָט איהם נישט געפונען, האָט מען אַרעסטירט אַ שכן און עס האָט שוין געהאַלטען דערביי, מען זאָל איהם הענגען. צום גליק איז גראָד אונטערגעקומען אַ סאָלדאַט פון די, וואָס האָבען אונ-טערגעצינדען דאָס הויז, און מען האָט דעם יוד פריי געלאָזט. נישט יעדערן, פערשטעהט זיך, האָט אַזוי אָבגעגליקט. וויפיל אומשולדיגע זענען אומגעקומען איבער בלבולים... בקיצור, אי-בער די אַלע צרות און פּלאָגען איז זיך דריי פירטעל שטאָדט צולאָפען. נאָר אַצינד, אַז דאָרט איז שוין שטיל, און אפי׳ו קיין מיליטער איז נישטאָ, קומט מען זיך ביסלעכווייז צוריק...

—ווי איז די מעשה מיט אַנ'אומזיסטער קיך?—האָב איך געפרעגט,—דאַרף די יודישע בעפעלקערונג אַזאַ קיך?

—שווער צו זאָגען,—האָט זי געענטפערט אונבעשטימט,— עס ווענדט זיך דאָך וואָס פאַר אַ קיך, פאַר וועמען?

—עס פערשטעהט זיך, איך מיין, אַ שטרענג כּשר'ע קיך אונטער דער השגחה פונ'ם רב אָדער אַזוי אַ פרומען יוד.

—דער „אָביוואַטעלסקי קאָמיטעט" האָט געהאַט איינגעאָר-דענט אַ יודישע קיך, זענען אָבער יודען נישט געגאַנגען אַהין עסען.

—פאַרוואָס?

—דאָס איז שווער צו ערקלערען. מען דאַרף קענען אונ-

זער שטאָדס. אָרימעלייט זענען דאָ גענוג, אָבער דאָס זענען נישט פשוט׳ע אָרימעלייט, דאָס זענען די פיינסטע יודען, זיי זענען געזעסען פריהער אין „הויף״ און געלערנט. אַזאַ יוד וועט נישט געהן אין אַנ׳אומזיסטער קיך פון „אָביוואַטעלסקי קאָמיטעט״, ווי כשר זי זאָל נישט זיין. עס זענען נאָך דאָ אַ היבש ביסעל געפאַלענע בעלי-בתּים. נאָר איהר דאַרפט וויסען, אַז אַ געפאַלענער בעל-הבית וועט גיכער שטאַרבען פון הונגער, איידער געהן עסען אין אַנ׳אומזיסטער קיך, צוזאַמען מיט בעטלער און אויסוואורפען. יעדער געפאַלענער בעל-הבית האָפט, אַז איהם וועט זיך איינגעבען כאַפּען אַ הלואה, פערהעלפען זיך ביי אַ קרוב און ווייטער שטעלען זיך אויף די פיס. אָבער קוים וועט ער זיך אַראָבלאָזען און געהן אין אַנ׳אומזיסטער קיך—איז אויס, איז ער שוין פערשריבען פאַר אַ בעטלער.

—אָבער חוץ געפאַלענע בעלי-בתּים און כלי-קודש, זענען פאַרהאַן פראָסטע אָרימעלייט, וואָס הונגערן?—האָב איך זיך אָבגערופען.

—עס פערשטעהט זיך, נאָר אַזעלכער וועט עסען, וואו איהר ווילט און וואָס איהר ווילט. ביי אונז זענען דאָ אַזעלכע יודליקעס, וואָס האָבען אַליין גענומען אַנ׳אָנטייל אין די פּאָגראָמען, גערויבט יודיש גוטס.

אין דער רבי׳צינס ווערטער האָב איך דערפיהלט די גאַנצע אכזריות׳דיגע גלייכגי׳טיגקייט צום פשוט׳ען אָרימאַן, מיט וועלכער עס איז דורכגעדרונגען אונזער רבי׳שע אַריסטאָקראַטיע.

וועגמייסטערס זוהן האָט די גאַנצע צייט געשוויגען. אַז מיר זענען אַרויס פון שטוב און איך האָב זיך גענומען מיט איהם געזעגענען, האָט ער מיך מיט אַמאָל האַסטיג אָבגעשטעלט:

—אַז איהר וועט זיך אומקעהרען פון „גער״, מוזט איהר אַריינגעהן צום רבי׳ן. איהר מוזט איהם זעהען! איך זאָג אייך, איהר וועט זעהען אַ וואונדער, אַ מענש, וואָס איז העכער מדרך הטבע!—און שטיל, מיט אַ פינקלענדיגען בליק אין די אויגען, האָט ער ווייטער געזאָגט:

—איהר ווייסט וואָס ער איז? ער איז דער שכל פון

דער וועלט... געגוג אייך צו זאָגען, אַז דעם גאַנצען לעבען זיינעם, נישט אויפ׳ן וואַך, נישט אין שלאָף האָט ער אויף איין רגע נישט אַרויסגעלאָזען פון זינען, ווער ער איז!... ער רעדט ווייניג, כמעט גאָרנישט, שווייגט. נאָר דערהויפּט איז ביי איהם נישט די רייד, נאָר די תּנועות. יעדע רגע אַן׳אַנדער תּנועה אויפ׳ן פּנים, און אין יעדער תּנועה ליגען גאַנצע וועלטען פון חכמה...

## יב

קיין גורא-קאַלוואַריאַ (גער) פיהרט אַ שמאָל-וועגיג אייזענבאַהן-צווייגעל, וואָס איז געבויט כמעט אויסשליסליך צוליב די צעהנדליגער טויזענדער פּאַסאַזשירען, וועלכע פאָהרען צום רבי׳ן. אָהן דעם וואָלט דאָס אייזענבאַהן-צווייגעל נישט געהאַט פון וואָס צו עקזיסטירען.

פון דעם שטעדטעל פּיאַסעטשנע, וואָס איז האַלב חרוב, און פון וואַנען די יודען זענען, ביי דער דערנעהנטערונג פון די דייטשען אַרויסגעטריבען געוואָרען, הויבען זיך אָן די שפּורען פון די שלאַכטען, וואָס זענען נישט לאַנג פאָרגעקומען: גראָבענס, דראָט-פערצוימונגען, גריבער פון גרויס-קאַליבערנע באָמבעס, הייזער פערברענטע אָדער אַראָבגעטראָגענע ביז׳ן פונדאַמענט א. אַ. וו.

גורא-קאַלוואַריאַ, אַ היבש שטעדטעל, האָט שטאַרק געליטען פון די שלאַכטען, און נאָך מעהר פון דער ווילדקייט און פּאָגראָמען פון מיליטער. פיל הייזער מיט דורכגעבראָכענע ווענט, אַראָבגעריסענע דעכער, חרוב׳ע, פערוויסטע, מיט פרישע שפּורען פון פּאָגראָמען. אָבער דאָך איז די שטאָדט נישט אַזוי רואינירט ווי בלאָניע. דער מאַרק איז גאַנץ, פיל קראָמען זענען אָפען, אין זיי זיצען יודישע קרעמער. אויסערליך—כמעט אַ געוועהנליך בילד פון אַ יודישען קליינשטעדטעלשען לעבען. קיין מיליטער איז אין שטאָדט נישטאָ. אַפּנים, די מלחמה האָט זיך

אויף אַ צייט אָבגערוקט אָן אַ זייט, ווי פערגעסען אָן דעם שטעדטעל.

אַנ׳אַלטער יוד, אַנ׳אָרימאַן, וועלכען איך האָב געטראָפען אין גאַס, האָט מיך אָבגעפיהרט צום רבי׳נס הויף. אַנ׳אַמת׳ער פּאַלאַץ מיט צעהנדליגער וואוינונגען. איצט איז דאָרט אַלץ גע-שלאָסען, די לאָדען צוגעמאַכט. איין איינציגער פונק פון לעבען איז פערבליבען בלויז אין דער ישיבה, וועלכע איז אָפען. אי-בער׳ן הויף זענען אַרומגעגאַנגען עטליכע דאַרע, פער׳חושכ׳טע ישיבה-בחורים, אין לאַנגע קאַפּאָטעס, מיט לאַנגע פּאות.

דער אַלטער האָט מיך אַריינגעפיהרט אין שוהל, אַ גרוי-סע, אַ ליכטיגע, אָבער אַ פערלאָזענע, לאַנג נישט אויפגערוימטע. אַהער אין שוהל איז דאָס אַריינגעפלויגען דער שראַפּנעל, בשעת דאָ האָבען זיך בעהאַלטען עטליכע טויזענד יודען. דער שראַפּ-נעל האָט דורכגעבראָכען אין באַלקען אַ גרויס לאָך, וועלכעס מען האָט איצט פערמויערט. אָבער חוץ דעם זענען נישטאָ אין וואַנט, נישט אין דער פּאָדלאָגע קיין שום שפּורען, וואו דער שראַפּנעל איז אַרויס אָדער פערבליבען. דער שמש האָט מיר אויך דערצעהלט די מעשה, ווי אין שוהל האָט דער שראַפּנעל קיינעם נישט געשעדיגט, נאָר, אַז מען איז אַרויסגעלאָפען אויף דער גאַס, זענען דרייאונצוואַנציג מענשען גע׳הרג׳עט געוואָרען. אַז איך האָב איהם געפרעגט, וואו איז אַהינגעקומען דער שראַפּ-נעל, וואָס איז אַריינגעפלויגען אין שוהל, האָט ער געענטפערט מיט אַ געהיימען, רעטזעלהאַפטען טאָן:

—אַ-אַ! אָט דאָס איז דאָך די מעשה... קיינער ווייסט נישט, וואו ער איז אַהינגעקומען!

אַ מלחמה-מופת. ווער ווייסט, מיט וועלכע לעגענדעס דער שראַפּנעל איז שוין אַרומגעוואַקסען!

וועגמייסטער האָט מיר אָנגעוויזען, איך זאָל זיך ווענדען צו צוויי גער׳ער איינוואוינער, דעם רבי׳נס מקורבים, האָכבערג און ווארם.

האָכבערג׳ן האָב איך געטראָפען ביי זיך אין לעדער-קראָם. אַנ׳עלטערער יוד, אין אַ חסיד׳ישער קאַפּאָטע מיט אַ גאַר-

טעל, לאַנגע פאות, כמעט ביז די פּלייצעס, אַ געקנייטשטער שטערן און קלוגע פּערטרויערטע אויגען. אַז איך האָב איהם דערצעהלט, וועגען וואָס איך בין געקומען, האָט ער גלייך גע-שיקט נאָך ווארמ׳ען.

ווארם, אַ מעהר וועלטליכער יוד, האָט קודם כל דער-צעהלט, וואָס עס האָט אינ׳ם משך פון דער מלחמה פּאַסירט אין שטאָדט.

—אַרום „גער״ געפינען זיך צעהן ציגעל-זאַוואָדען, וועל-כע, חוץ איינעם, געהערען יודען. אויף די זאַוואָדען אַרבייטען ביי אַ צעהנטויזענד אַרבייטער. ווי נאָר די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבען, האָט זיך פערשפּרייט אַ ק׳אַנג, אַז די אַרבייטער קלייבען זיך ראַבירען יודען אין שטעדטעל. וואָס ווייטער, זענען די קלאַנגען געוואָרען אַלץ שטאַרקער. איינמאָל קומט צו מיר אַנ׳אַרבייטער, אַ פּאָליאַק, רופט מיך אָב אָן אַ זייט און רוימט מיר איין אַ סוד:

—אַזוי ווי איך האָב פיל יאָהרען געגעסען ברויט ביי יו-דען, וויל איך זיי אָבהיטען פון אַ גרויסען אומגליק. זייט ווי-סען, אַז אויף אַלע זאַוואָדען האָט זיך געגרינדעט אַנ׳אָרגאַניזאַ-ציע צו שלאָגען יודען.

—„פון וואַנען ווייסטו דאָס?—פרעג איך איהם.

—„גאָר פשוט,-ענטפערט ער—איך אַליין געהער אויך צו דער אָרגאַניזאַציע, איך בין אפילו אַ דעלעגאַט פון אונזער זאַ-וואָד. אויב דו ווילסט, וועל איך דיר ברענגען אַ שריפטליכע צייגעניש וועגען דעם.

אין דערזעלבער צייט האָט מען שוין אין מאַרק אָנגע-הויבען גאַנץ אָפען צו ריידען, אַז עס גרייט זיך אַ פּאָגראָם.

איך בין אַוועק צום רבי׳ן, ער האָט געהייסען, איך זאָל זיך זעהן מיט צוויי ווירטען פון ציגעל-זאַוואָדען, לוקרעץ און וויטליצקי, און פרעגען זיי, וואָס צו טהון. איך בין אַוועק צו זיי. זיי האָבען קודם כל אַנ׳עצה געגעבען, איך זאָל זיך זעהן מיט׳ן „אויעזדנעם״ נאַטשאַלניק. אין אַ פּאָר טעג אַרום, אַז דער נאַטשאַלניק איז צו אונז געקומען, בין איך אַוועק צו איהם אין

קאַנצעלאַריע. ער האָט אַרויסגעשיקט דעם וואָיט און די סטראַזש-נ׳קעס און פרעגט מיך:

„—דערצעהל אָפען, וואָס הערט זיך ביי אייך, ווי לעבט איהר מיט די פּאָליאַקען?

„—זעהר גוט...—ענטפער איך איהם.

„—צו מיר זענען דערגאַנגען קלאַנגען, אַז די פּאָליאַקען קלייבען זיך צו ראַבּירען יודען.

„—יאָ,—זאָג איך—דאָס ווייסען מיר, וועגען דעם ריידען שוין אפילו קינדער אין די גאַסען.

„—וואָס-זשע זאָגסטו, אַז איהר לעבט גוט מיט די פּאָ־ליאַקען?

„—וואָס־זשע פרעגסטו, אויב דו ווייסט, וואָס זיי קלייבען זיך צו טהון?

„—נו,—זאָגט ער—זייט רוהיג. צו זייער יום־טוב וועל איך קומען אַהער און וועל בשום אופן נישט דערלאָזען צו אַ פּאָגראָם.

דערווייל איז צו אונז אָנגעקומען מיליטער און תיכף ומיד האָבען די פּאָליאַקען אָנגעהויבען פיהרען צווישען זיי אַנ׳אַגיטאַ־ציע געגען יודען: זיי האָבען פער׳מסר׳ט, אַז יודען זענען שפּיאָ־נען, אַז זיי גיבען מיט טיכלעך צייכענס די דייטשען, און נאָך עהנ-ליכע מעשיות דערצעהלט. צוויי אינזשעניערען, פּאָליאַקען, וועלכע האָבען אָנגעפיהרט די אַרבּייט ביים גראָבען די אָקאָפּעס אַרום שטאָדט, האָבען זיך אַרויסגעוויזען פאַר פייערדיגע שונאי ישראל; זיי האָבען אויסגעקלערט געגען יודען אַלערליי בלבולים, האָבען געהייסען שלעפּען יודען שבת צו דער אַרבּייט, שלאָגען זיי. אַז איך בין געווען אין מיליציע, האָט איינער פון זיי מיך בע־געגענט ביינאַכט און געוואָלט דערשיסען... בקיצור, דאָס אומ-גליק האָט זיך אָנגערוקט אויף אונז פון אַלע זייטען.

איך בין ווידער אַוועק צום רבי׳ן, דערצעהלט איהם וועגען אַלץ. דערביי דערצעהלט, אַז דער קאָמענדאַנט פון שטאָדט, פּאָלקאָווניק יעפרעמאָוו, איז מיינער אַ גוטער בעקאַנטער פון אַמאָליגע צייטען.

דער רבי האָט מיך אויסגעהערט און געזאָגט:

„—מאַך אַ גרויסען מאָלצייט, כּיד המלך, פּעררוף אויף איהם דעם קאָמענדאַנט מיט אַלע זיינע אָפיצירן, פּעררוף אויך די צוויי אינזשעניערען, די פּאָליאַקען. און אין מיטען מאָלצייט, כּטוב לב המלךביין, פּאַל דעם קאָמענדאַנט צו די פיס, דער־צעהל איהם וועגען אַלע עולות און רדיפות און ווייז אָן אויף די אינזשעניערען, אַז זיי זענען רודף יודען עד חרמה. וועט אם ירצה השם, דער אויבערשטער העלפען.

ווי דער רבי האָט געהייסען, אַזוי האָב איך געטהון. צו־געגרייט אַ מאָלצייט, וואָס בעסער קאָן מען זיך נישט מאָלען. מיט די בעסטע מאכלים, טייערע ווינען, מיט אַלע זיבען זאַכען, האָב פערבעטען דעם קאָמענדאַנט מיט זיין גאַנצען שטאַב מיט אַלע זיינע אָפיצירן, פערבעטען אויך די אינזשעניערען, נאָר זיי האָבען זיך אָבגעזאָגט, נישט געוואָלט קומען. דער קאָמענדאַנט מיט די אָפיצירן זענען געקומען, געגעסען, געטרונקען, און גע־האַלטען אין איין לויבען די מאכלים, דערהויפּט די משקאות. אַז זיי זענען אַלע געוועזען אין דער „מדרגה", האָב איך גענומען דערצעהלען, ווי די פּאָליאַקען זענען אויפגעשטאַנען געגען אונז, כּדי אונז אומצובריינגען, ווי זיי פיהרען אַנ'אַגיטאַציע צווישען דעם מיליטער, ווי זיי גרייטען צו אַ פּאָגראָם, ווי די אינזשע־ניערען זענען זיך נוקם אָן יודען, בקיצור, איך האָב אויסגעזאָגט פאַר זיי מיין האַרץ.

אַלע האָבען מיך שטאַרק צוגעהערט. ביי יעפרעמאָוו'ן זע־נען געשטאַנען טרעהרען אין די אויגען, די איבעריגע זענען אויך געווען גערירט. נאָר קיינער האָט נישט געוואוסט, ווי מיר צו העלפען. האָט זיך אַרויסגערופען דעם קאָמענדאַנטס אַדיוטאַנט, אַז ער וועט אַלץ איינאָרדנען.

„—מיר וועלען פערבאָטען די סאָלדאַטען אין די טעג פון אייער יום־טוב אַריינצוטרעטען אין שטאָדט. און מיר וועלען אַרויסגעבען אַ שטרענגסטען בעפעהל, אַז קיינער זאָל נישט וואַ-גען אָנריהרען אַ יוד.

דער קאָמענדאַנט האָט אויף דעם איינגעשטימט. ער האָט מקים געווען זיין הבטחה און די יום־טובים זענען אַריבער, גאָט

צו דאַנקען, אַריבער רוהיג, ווי בעסער קאָן נישט זיין.

„באַלד נאָך ימים-נוראים איז יעפּרעמאָוו אַוועק פון אונז. עס איז אָנגעקומען אַ נייער קאָמענדאַנט און תיכף האָבען זיך אָנגעהויבען די מסירות, די בלבולים, די רדיפות און די גאַנצע פינסטערע אַרבייט פון די פּאָליאַקען. עס האָבען זיך אָנגעהויבען רויבערייען. אין אָנפאַנג איינצעלנע, נאָכדעם אַלגעמיינע. פּאָליאַקען האָבען אָנגעוויזען און סאָלדאַטען האָבען גערויבט. אָנגעהויבען מיט גרויסע קראָמען און גערענדיגט מיט קליינע. כמעט איינע נישט איבערגעלאָזט. די התחלה האָט מען געמאַכט פון האָכבערגס לעדער-געשעפט. גערויבט אַ גאַנצע נאַכט, צוגענומען סחורה אויף פיל צעהנדליגער טויזענדער רובל. דאָס, וואָס איהר זעהט דאָ, איז דאָס ביסעל שריים... נאָך די קראָמען האָט מען זיך גענומען פאַר די הייזער. די פּאָליאַקען האָבען אָנגעוויזען אויף די קעלערס, וואו די יודען האָבען בעגראָבען זייער ביסעל גוטס. בשעת דער רויבעריי איז פאַרבייגעגאַנגען אַ גענעראַל, האָט ער מיט דער נאַגייקע גענומען צעטרייבען די סאָלדאַטען, האָט איהם איין סאָלדאַט אָנגעכאַפּט פאַרן „גרוד" און אַראָבגעשמיסען אין רינוו. מען זאָגט, אַז דעם סאָלדאַט האָט מען דערנאָך געמשפט און געשאָסען.

„אין אַ פּאָר טעג אַרום זענען צו אונז געקומען די „גערמאַנטשיקעס". זיי האָבען זיך אויך גוט בעוויזען. פריהער האָבען זיי גענומען נאָר עסענוואַרג, נאָכדעם אַלץ, וואָס זיי האָט זיך געמאַכט אונטער'ן האַנד. ביי מיר האָבען זיי צוגענומען אַ וועליסאָפּעד און צוויי פּאַלטאָ'ס—וועגען בעצאָהלען איז קיין רייד נישט געווען.

„אַז די דייטשען זענען אַריין, איז ביי אונז פערבליבען אַ רוסישער פּאָלקאָווניק (דוכט זיך קאָמאַרניקאָוו), וועלכער האָט נישט בעוויזען אָבצוטרעטען מיט'ן חיל. מיר האָבען איהם בעהאַלטען. אָנגעטהון איהם אין יודישען שלאָפראָק, אויפ'ן קאָפּ אַ יאַרמולקע, געהאַלטען פערשפאַרט און געשפייזט. נאָר פיר מענשען האָבען געוואוסט פון איהם. אַז די דייטשען זענען אַוועק, איז ער אַרויס אַנטקעגען דעם רוסישען מיליטער, וואָס

איז אָנגעקומען. האָט דערצעהלט, ווי מען האָט זיך מיט איהם בעגאַנגען און פאַר אַלעמען געהאַלוט און געקושט זיך מיט די יודען, וואָס האָבען איהם בעהאַלטען. דער יוד, ביי וועמען ער איז די צייט געזעסען אין הויז, האָט איהם הויך געפרעגט:

„—רעכענסטו איצט, אַז יודען האַלטען דעם דייטשענס צד?

„—ניין! איך שווער אויף דעם!—האָט ער געענטפערט.

איהם האָבען אַרומגערינגעלט אָפיצירען, גענומען פרעגען, וויפיל ער האָט בעצאָהלט דערפאַר, וואָס מען האָט איהם בעהאַלטען.

„—קיין איין גראָשען נישט!—האָט ער געענטפערט.

„זיי האָבען זיך געוואונדערט און געלויבט די יודען. עס איז געווען אַ שמחה און אַ גוטמוטיגקייט, אַזוי אַז מען האָט אויף אַ ווײַלע פערגעסען די פריהערדיגע צרות.

„אין אַ פּאָר טעג אַרום איז אָבער דער חיל אַוועק און מיט איהם—דער פּאָלקאָווניק, וועלכען מיר האָבען בעהאַלטען. עס איז אָנגעקומען ניי מיליטער און עס האָט זיך אָנגעהויבען דאָס אַלטע רויבעריי. דאָס מאָל האָט מען אונז בערויבט ביז'ן העמד, גאָרנישט איבערגעלאָזט.

אין קראָם איז געווען האָכבערגס פרוי, אַנ'עלטערע יודע-נע. בשעת ווארם האָט דערצעהלט וועגען די רויבערייען, האָט זי זיך אויפגערעגט און אָנגעהויבען היסטעריש צו דערצעהלען, ווייזענדיג מיט תּנועות, ווי אַלץ איז פּאָרגעקומען:

„—אַריינגעפאַלען: „דאַוואַי דענגי!" זאָג איך: „נימאַ!" האָ-בען זיי ווי ווילדע חיות גענומען אומוואַרפען זיך איבער'ן קראָם און זוכען, צוגעלאָפען צום טיש, ביי וועלכען איהר זיצט, גע-נומען ציהען דאָס טישקעסטעל. עס איז געווען פערשלאָסען. האָבען זיי, ווי איהר זעהט, אָבגעבראָכען דעם ברעג טיש. אין קעסטעל זענען געלעגען משכנות, זילבערנע און גאָלדענע חפצים, האָבען זיי גענומען כאַפּען. איין סאָלדאַט האָט מיר אָבגעגעבען אַ גאָלדען קייטעל, איז נאָך איינער צוגעלאָפען: „דאַוואַי!" און געוואָלט מיך שטעכען!...

און מיט דערזעלבער אויפרעגונג האָט זי מיט אַ קינדישער נאַאיוויטעט אויסגעשריען:

—נו, זאָגט, אדרבא! דאָס איז דאָך הוילע רציחה!

מיר זענען אַריבער צו דער פראַגע, צוליב וועלכער איך בין געקומען אין „גער״—וועגען דער יודישער קיך.

ווארם האָט מיר דערצעהלט:

—ווי נאָר די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבען, האָט זיך ביי אונז געגרינדעט „אַנ׳אָביוואַטעלסקי קאָמיטעט״ פון „גער״ מיט נאָך פינף נאָהנטסטע גמינעס. אין „קאָמיטעט״ זענען אַריין זעקס-אונדרייסיג מאַן, צווישען זיי צוויי יודען, לוקרעץ און איך. פון די זעקסאונדרייסיג האָט מען אויסגעוועהלט אַ קאָמיסיע, אין וועלכער ס׳זענען אַריין צעהן מאַן. אויף דער פערזאַמלונג וואו מען האָט זיי אויסגעוועהלט, איז געווען אַ פאָרשטעהער פון וואַרשאָווער „אָביוואַטעלסקי קאָמיטעט״—מאַרטינאָווסקי. איהם איז אפנים געפעלען געווען, וואָס איך האָב די גאַנצע צייט געשוויגען און ער האָט פאָרגעלעגט:

„—אַ טשיקאַווע זאַך, ווארם שווייגט די גאַנצע צייט. איך לעג פאָר אויסצוקלויבען איהם אין דער קאָמיסיע.

„און מען האָט מיך אויסגעקליבען.

„געווען ביי אונז אַ ביליגע קראָם. נאָר בעת די פּאָגראָ-מען האָט מען זי צורויבט. אַז די דייטשען זענען אַוועק און אין שטאָדט זענען געבליבען צורויבטע הייזער און קראָמען און פון דער יודישער בעפעלקערונג זענען מעהר ווי צוויי דריטעל צולאָפען (פון טויזענד געזינדען זענען געבליבען קוים דרייהונ-דערט) האָט דער פאָרזיצענדער פון „אָביוואַטעלסקי קאָמיטעט״, אינזשעניער בילטשינסקי, אַ פּאָליאַק, אָבער אַנ׳אָרענטליכער מאַן און אַנ׳אוהב ישראל, פאָרגעלעגט צו גרינדען צוגלייך מיט אַ קריסטליכער קיך, אויך אַ כשר׳ע יודישע קיך. ער האָט געבעע-טען, אַז די יודישע קהלה זאָל געבען אויף דעם שטיצע. נאָר מיר האָבען זיך אָבגעזאָגט.

—פאַרוואָס?

ווארם האָט איבערגעזאָגט דיזעלבע מאָטיווען, וואָס דעם

רבי׳נס שוועסטער האָט אַרויסגעזאָגט, און דערנאָך צוגעגעבען:

„—פּראָסטע לייט נויטיגען זיך נישט אין אַזאַ קיך. זיי האָבען אַרבייט אין שטאָדט. חוץ דעם אַרבייטען פופציג יודען אין די אָקאָפּעס און בעקומען צו איין רובל פופציג קאָפּ אַ טאָג אַ מאַנספּאַרשוין און צו איין רובל אַ פּרויענצימער. אמת, דער-פון קומט אויס צו צאָהלען דעם „קאָנאָוואָינעם" פינפאונצוואַנציג-דרייסיג קאָפּ. טעגליך, ער זאָל אָבהיטען, די פּאָליאַקען זאָלען נישט שלאָגען, אָבער עס בלייבט אויף עסען.

„אַז די קאָמיסיע האָט אונז פּאָרגעלעגט איינצואָרדנען אַ יודישע קיך, האָב איך אָנגעוויזען, אַז אָנשטאָט אַנ׳אומזיסטער קיך, בעגעהרען מיר, מען זאָל עפּענען אַ ביליגע קראָם און פון איהר אַרויסגעבען פאַר אָרימעלייט אומזיסט, דיזעלבע פּראָדוקטען, וואָס זיי וואָלטען בעקומען אין קיך געקאָכטערהייד. דריי מיט-גלידער פון דער קאָמיסיע האָבען איינגעשטימט דערויף; נאָר בילטשינסקי און נאָך איהם די איבעריגע פינף האָבען זיך איינ-געשפּאַרט: נישט אַנדערש—אַ קיך! אַז איך האָב אַרויסגעזאָגט מיין מיינונג, האָבען זיי מיך געפרעגט, צי איך רייד אין מיין אייגענעם נאָמען אָדער אינ׳ם נאָמען פון דער קהלה. האָב איך געענטפערט:

„—איך רייד אינ׳ם נאָמען פון אַלע גער׳ער יודען און אויך אינ׳ם נאָמען פון אונזער הייליגען רבי׳ן.

„מיט׳ן רבי׳ן האָב איך אפילו נישט גערעדט וועגען דעם, נאָר איך האָב דאָך גוט געוואוסט, אַז ער דאַרף זיין געגען אַ קיך, דערום האָב איך אַזוי געזאָגט. און דערפון איז אפנים אַרויס דער בלבול, אַז דער רבי האָט גוזר געווען, מען זאָל בעסער שטאַרבען פון הונגער, איידער בענוצען זיך מיט דער קיך.

בשעת אונזער געשפּרעך איז מען געקומען אָנזאָגען, אַז מען האָט פערבאָטען אויפנעהמען יודען צו דער אַרבייט אין די אָקאָפּעס. דערביי האָט מען אונז מיטגעטיילט, אַז דעם טאָג שיקט מען אַרויס ניינציג דייטשען, צווישען זיי דריי ברויט-בעקער, דערום האָט מען גענומען ביי יודישע בעקער אַנ׳אונטערשריפט, זיי זאָלען באַקען ברויט די גאַנצע וואָך, נישט אויסנעהמענדיג שבת.

## יג

נאָך דעם געשפּרעך מיט וואַרמ׳ען בין איך אַוועק צום פּאָרזיצענדען פון „אָביוואַטעלסקי קאָמיטעט״—בילטשינסקי, וועל־כען וואַרם האָט כאַראַקטעריזירט ווי אַנ׳אוהב ישראל. פאָרגע־שטעלט האָב איך זיך איהם, אַלס אַ פאָרשטעהער פון „זעמסקי פערבאַנד״. ער האָט מיך אויפגענומען זעהר ליבליך, נאָר פון ויינע ערשטע ווערטער האָב איך פערשטאַנען, אַז ער האָט נישט דערקענט, דאָס איך בין אַ יוד. מיר איז פאָרגעשטאַנען אָדער גלייך עס ערקלערען און דערמיט בעוואָרענען איהם, ער זאָל זיין פאָרזיכטיג אין די רייד וועגען יודען; אָדער שווייגען און האָבען די מעגליכקייט קלאָר צו מאַכען זיך, ווי עס פערהאַלט זיך צו יודען אַנ׳אָרענטליכער פּאָליאַק, וועלכען די אָרטיגע יו־דען האַלטען פאַר אַנ׳אוהב ישראל. איך מוז זיך מודה זיין, איך בין נישט איינגעשטאַנען ביים נסיון און פערשוויגען וועגען מיין יודישקייט. און כמעט איך האָב אויסגעהערט פונ׳ם אוהב ישראל אַזעלכע רייד, וועלכע איך וואָלט אַלס יוד, פון איהם נישט גע־הערט, האָב איך זיך נאָך דעם וויזיט געפיהלט אַזוי געדריקט און בעליידיגט, ווי איך וואָלט בעגאַנגען אַ גנבה. דאָס צווייטע מאָל וועל איך זיך היטען פון אַזעלכע נסיונות.

בילטשינסקי, אַנ׳אינטעליגענטער און קלוגער מאַן פון אַ יאָהר כע־ציג. האָט מיך בעקאַנט געמאַכט מיט דער טעטיגקייט פון „אָביוואַטעלסקי קאָמיטעט״. ביז איצט, האָבען זיי בעקומען פון וואַרשאָווער „אָביוואַטעלסקי קאָמיטעט״ דרייטויזענד זעקס־הונדערט רובל און פאַר דעם געלד, אָרדנען זיי איין אַ היים פאַר זעכציג—אַכציג אָרימע קינדער און עפענען אַ ביליגע קראָם. אין דערזעלבער צייט האָבען די אָרטיגע מאָנאַשקעס, „שאַריטקעס״ איינגעאָרדענט אַנ׳אומזיסטע קיך פאַר הונדערטפופ־ציג מאַן.

—די קיך איז נאָר פאַר קריסטען—יודען טאָרען זיך, לויט

זייער דין, מיט איהר נישט בענוצען,—האָט ער צוגעגעבען,— דער „אָביוואַטעלסקי קאָמיטעט״ האָט געוואָלט איינאָרדנען אַ ספּעציעלע קיך פאַר יודען, האָבען זיי זיך אָבגעזאָגט.

—פאַרוואָס?

בילטשינסקי האָט אַ שמייכעל געטהון און מיט אַ גיפטיגער איראָניע אַרויסגעזאָגט:

—פערשטעהט איהר מיך: יודען זענען צו־איידעל און צו־גרויסע מיוחסים כּדי צו געהן עסען אין אַנ׳אומזיסטער קיך. וואָס וועט איהר דאָ מאַכען? שוין אַזאַ איידעלע „פּאָראָדע״! דערצו נאָך, זאָגען זיי, קאָן דאָס זיי שאָדען צום קרעדיט.

ער האָט אַ ווײַלע געשוויגען.

—איך מוז אייך זאָגען,—האָט ער ווייטער געזאָגט,—אַז איך בין אַנ׳איבערצייגטער אַנטיסעמיט. נאָר פריהער אַלס אַנטי־סעמיט בין איך אַ מענש. דהיינו, איך וועל זיך קיינמאָל נישט ערלויבען צו קויפען עטוואָס ביי אַ יוד. אָבער אַז איך זעה אַ יוד אַנ׳אָרימאַן אין אַ נויט, וועל איך זיך בעמיהען איהם צו העלפען. דערצו רעכען איך, אַז דער איצטיגער מאָמענט איז נישט קיין פּאַסיגער פאַר אַ נאַציאָנאַלען קאַמף געגען יודען. פאַר אַזאַ אויפפיהרונג פון מיין צד, האַלטען מיך די היגע יודען פאַר זייער „באַטקאַ״ און ווי נאָר ביי זיי טרעפט זיך עטוואָס, לויפען זיי צו מיר. געוועהנליך פאָלגען זיי מיך, וואָס איך זאָג זיי. נאָר אין דער קיך-פראַגע האָבען זיי מיך נישט געפאָלגט, איך ערקלער דאָס דערמיט, וואָס דאָ האָט זיך אַריינגעמישט זייער צדיק...

—איהר ווייסט, וואָס דאָס איז אַ צדיק?—האָט ער פּלוצלונג געפרעגט.

—איך ווייס...

—דער היגער צדיק איז דער העכסטער איבער אַלע פּוילישע צדיקים. יודען פערגעטערען איהם.

—אויף וויפיל איך ווייס, מישט ער זיך נישט אין וועלטליכע ענינים,—האָב איך זיך אָבגערופען.—דערצו, איז ער שוין עטליכע חדשים אין וואַרשא. ווי־זשע האָט ער זיך געקאָנט

אַריינמישען אין דער פראַגע וועגען דער קיך?

—עס קאָן זיין, אַז נישט,—האָט ער מסכים געווען און צו-געגעבען:

—מיר איז אויסגעקומען עטליכע מאָל צו טרעפען זיך מיט דעם צדיק. ער פערשטעהט נישט—נישט פויליש, נישט רוסיש. מיר האָבען גערעדט דורך אַ דאָלמאַטש.

—וואָס פאַר אַן׳איינדרוק האָט ער אויף אייך געמאַכט?

—אַן׳איינדרוק פון אַ פערשלאָסענעם אין זיך, טיפען און ערנסטען מענשען, אויף זייער שטייגער, איז ער אפילו אַ הויך מאָראַלישער. נאָר זיי האָבען דאָך זייער בעזונדער עטיק, וועל-כע איז פאַר אונז, קריסטען, לחלוטין נישט פערשטענדליך...

—ווי־זשע איז געבליבען בנוגע דער הילף דורך שפייז פאַר יודישע אָרימעלייט?—האָב איך איהם אומגעקעהרט צו דער פראַגע.

—אַזוי איז געבליבען: יודען האָבען זיך אָבגעזאָגט פון אַ קיך און געבעטען מען זאָל יודישע אָרימעלייט אַרויסגעבען זייער טייל מיט פראָדוקטען. אויף דעם האָבען מיר נישט איינגעשטימט.

—איז דען נישט אַלץ איינס: געבען דעם הונגערענדען געקאָכט שפייז אָדער פראָדוקטען? דאָס לעצטע איז נאָך בעקוועמער. עס ווערען פערשפאָרט הוצאות אויף דער קיך, עס פער-שפאָרט דעם אָרימאַן צייט, כּדי צו געהן יעדען טאָג אין קיך, ווייל פראָדוקטען קאָן מען אַרויסגעבען אויף אַ גאַנצע וואָך אָדער צוויי מאָל אין וואָך. יעדערער קאָן אויסנוצען די פראָדוקטען ווי איהם געפעלט. חוץ דעם קאָנען זיך ביי אַזאַ סיסטעם נוצען מיט הילף אויך די פויערים און אַנדערע, וואָס וואוינען ווייט פון שטאָדט און קאָנען נישט געהן עסען אין קיך.

—וואָס איז שייך פויערים,—האָט בילטשינסקי געענטפערט,—נויטיגען זיי זיך נישט אין אונזער הילף. זיי האָבען ווייניג גע-ליטען און איצט פערדינען זיי גאַנץ גוט, ביי דרייטויזענד מאַן אַרבייטען אין די אָקאָפּעס און בעקומען אַ הויכען לוין. אַן׳אַנ־דער פויער מיט זיין געזינד פערדינט ביז דרייסיג רובל אַ וואָך.

וואָס אָנבעלאַנגט יודען, בין איך געגען אַרויסגעבען זיי הילף מיט פּראָדוקטען איבער אַנ׳אַנדער טעם: איהר ווייסט נישט, וואָס פאַר אַ פּאָלק דאָס איז! אַ יוד בענוגענט זיך אין עסען מיט זעהר ווייניג. וועט איהר איהם אַרויסגעבען אַ פונט גרויפּען, וועט ער דערפון דריי פערטעל פונט פערקויפען, כּדי אַריינלע-גען אין טאַש אַ פינפער...

—איך רעכען, אַז איהר האָט אין דעם אַ טעות. נאָר ווען עס וואָלט אפילו זיין אַזוי, וואָס אַרט דאָס וועמען?—האָב איך געפרעגט.

—יאָ... אָבער מיר ווילען נישט, אַז אונזער הילף זאָל אומגעוואַנדעלט ווערען אין אַ געשעפט-מאַכעריי.

און וויפיל איך האָב מיט איהם נישט גע׳טענה׳ט, איז דער „אוהב ישראל" געבליבען ביי זיינס: נישט אַרויסצוגעבען קיין הילף מיט פּראָדוקטען.

אַז איך האָב זיך אומגעקעהרט צוריק קיין וואַרשא און אַוועק אין „פערבאַנד", האָט מיך דער סעקרעטאַר, קזשעוויצקי, אַ פּאָליאַק, בעגעגענט מיט אַ פרעהליכען פּנים.

—נו, מיר ווייסען שוין, אַז אויף דעם צדיק פון גוראַ קאַלוואַריאַ האָט מען אומזיסט אָנגע׳מסר׳ט: שוין דריי חדשים, אַז ער איז אָבגעפאָהרען פון גוראַ קאַלוואַריאַ און וואוינט דאָ אין וואַרשא.

איך האָב אָבגעגעבען אין קאָמיטעט פון „פערבאַנד" אַ בעריכט איבער „גער", קלאָר געמאַכט, אַז דאָרט איז נויטיג הילף און אַז זי דאַרף פאַר יודען, אַרויסגעגעבען ווערען מיט פּראָדוקטען, נאָר דער קאָמיטעט האָט זיך גלייכגילטיג פערהאַל-טען דערצו. אַז דער „אָביוואַטעלסקי קאָמיטעט" שטימט נישט איין אויף אַרויסגעבען פּראָדוקטען—מסתמא טויג עס נישט. אַז יודען זאָגען זיך אָב פון אַ קיך, מסתמא הונגערען זיי נישט, און מען האָט בעשטימט איינאָרדנען דאָרט נאָר אַ טיי-הויז.

אַז איך האָב זיך אַרום צעהן אַ זייגער ביינאַכט אומגע-קעהרט פון „פערבאַנד", האָב איך ביי זיך אין האָטעל געטראָ-פען וואַרמ׳ען, וועלכער איז מיט אַ צוג פריהער געקומען מיטצו-

טיילען דעם רבי׳ן וועגען מיין נסיעה אין גער. איצט איז ער געקומען מיט אַ שליחות פון רבי׳ן בעטען, איך זאָל זיך מטריח זיין, קומען צו איהם. וואַרום איז געוועזן צורודערט. ער האָט מורא געהאַט, איך זאָל זיך נישט אָבזאָגען געהן צום רבי׳ן און האָט מיט אַ רחמנות-קול מיך געבעטען, פערענטפערט זיך און דערוויזען, אַז דער רבי געהט ערגעץ נישט אַרויס און קאָן אַליין צו מיר נישט קומען.

איך בין אַוועק מיט איהם צום רבי׳ן.

## יד

מיר זענען אַריין אין אַ גרויסען הילצערנעם הויז. וואַרום האָט מיך דורכגעפיהרט עטליכע גרויסע חדרים, אין וועלכע עס זענען געשטאַנען בעטען מיט אָנגעוואָרפענע פערענעס און קי-שענס אָהן ציכלעך. איבער די חדרים האָבען זיך אומגעטראָגען הין און צוריק יונגלעך און בחורים׳לעך אין לאַנגע קאַפּאָטעס מיט געקרייזעלטע פאות, מען איז געלאָפען אָנזאָגען וועגען אונ-זער קומען.

אין חדר, וואוהין וואַרום האָט מיך אַריינגעפיהרט, איז אויך געשטאַנען אַ נישט-פערבעט בעט מיט אַ גאַנצער סימפּאָניע קישענס און פערענעס. אין מיטען חדר—אַ קיילעכדיגער טיש מיט אַ פּאָר שטוהלען.

אין עטליכע מינוט אַרום איז אַריין דער רבי. ער איז פון מיטעלען עלטער, מיטעלען וואוקס, אַ ברייט-ביינעגער מיט אַ קיילעכדיגען געזיכט, בעוואַקסען מיט אַ שוואַרצער רונדער באָרד. די אויגען קלאָר-בלויליכע, פערטראַכטע אָדער מידע, מיט אַ קינדיש-נאַאיווען אויסדרוק, אַ ביסעל אַ רחמנות׳דיגען: אויף זיך אָדער אויף אַנדערע האָט ער רחמנות?

אינגאַנצען איז ער עפּעס געוועזן ווי אַ קיילעכדיגער, אַ ווייכער, אַ רחמנות׳דיגער. געגאַנגען מיט שטילע, נישט זיכערע טריט, ווי אַ מענטש, וואָס איז נישט געוועהנט אומצוגעהן. ער

האָט געטראָגען אַנ׳אַלטען, אויסגעריבענעם, העלען שלאָפראָק. צו-געגאַנגען צום טיש און בעשיידען דערלאַנגט מיר די האַנד, אַ ווייכע, מיט קורצע דיקע פינגער, געגעבען שלום. געזעצט זיך צום טיש, געשוויגען, ווי נישט וויסענדיג וועגען וואָס אָנהויבען צו ריידען, און הילפלאָז רחמנות׳דיג געקוקט אויף מיר, ווי אין מיין האַנד וואָלט געווען זיין לעבען און טויט. ענדליך נישט זיכער און שטיל אַרויסגערעדט:

—איהר זענט געווען אין גער? דאָרט האָט מען אויף מיר אָנגע׳מסר׳ט?...

איך האָב איהם דערצעהלט וועגען מיין נסיעה אין גער און בערוהיגט איהם, אַז מען האָט זיך שוין איבערצייגט, אַז ער איז נישט שולדיג.

ער האָט מיך צוגעהערט, קוקענדיג אויף מיר מיט קינדערש-רחמנות׳דיג פערטראַכטע אויגען, צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, נאָר געשוויגען. איך האָב געזוכט אין זיין פנים די „בייטונג פון תנועות״, וועגען וועלכער עס האָט מיט אַזאַ התלהבות דערצעהלט וועגמייסטער, נאָר איך האָב גאָרנישט בעמערקט.

אַז איך האָב געענדיגט וועגען גער, האָב איך גענומען דערצעהלען וועגען אַנדערע יודישע צרות. איך האָב געוואָלט זעהן, וואָס פאַר אַנ׳איינדרוק דאָס וועט מאַכען אויפ׳ן רבי׳ן. ער האָט מיך עטליכע מינוט געהערט, נאָכדעם מיך אָבגעשטעלט:

—דאָ ביי מיר זיצט דער רב פון נאָוואָמיאַסטאָ. אפשר אַריינרופען איהם? זאָל ער אויך הערען וואָס איהר דערצעהלט. ער וועט אייך דערצעהלען וואָס ביי זיי האָט פּאַסירט.

באַלד איז אַריין דער נאָוואָמיאַסטער רב. אַ הויכער, ביי-נערדיגער, מיט שלענגעלדיג געקרייזעלטע פאות ביז די פּלייצעס, מיט גרויסע, אַ ביסעל אויסגעקויקעלטע אויגען. אַריין מיט גי-כע שטאַרקע טריט, ווי ער וואָלט זיך צו עפּעס גרייטען. גע-רעדט האָט ער הויך, גיך, מיט היץ. און אויך די בעוועגונגען זענען ביי איהם געווען ענערגישע, היציגע. אַ קאָנטראַסט מיט דעם מיסטיש-אומבעוועגטען צדיק.

דער רב האָט מיט אומגעדולד געהערט מיין ערצעהלונג

וועגען סאָכאַטשאָוו, און איידער איך האָב געענדיגט, גענומען דערצעהלען וועגען נאָוואָמיאַסטאָ. גערעדט האָט ער גלאַט, כמעט ליטעראַריש, אַריינמישענדיג רוסישע ווערטער, עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז ער פערנעהמט אויך די שטעל פון אַ „קאַזיאָ-נעם רב“, נישט געקוקט אויף דעם, איז ער אַ פייערדיגער קנאי.

—די פוילישע אַגיטאַציע האָט זיך ביי אונז אָנגעהויבען פון ערשטען טאָג אָן פון מלחמה. מען האָט געמאַכט בלבולים, אָנגערייצט דאָס מיליטער, נישט צוגעלאָזען די יודען אין מי-ליציע. דאָס רוסישע מיליטער איז צום ערשטען אַריין אין שטאָדט שבת, באַלד קומט צו מיר דער נאַטשאַלניק פון דער מיליציע מיט אַן׳אימפעט:

—„עס איז אָנגעקומען מיליטער,—זאָגט ער—מען מוז עפע-נען די קראָמען.

ענטפער איך איהם, אַז איך וועל נישט ערלויבען עפע-נען די קראָמען אום שבת. אין אַ פּאָר שעה אַרום קומט ער ווידער און זאָגט שוין שטרענג.

—„דער קאָמענדאַנט פון שטאָדט האָט בעפוילען, דו זאָלסט תיכף-ומיד הייסען די יודען עפענען די קראָמען!

ענטפער איך איהם ווידער:

—„געה, זאָג דעם קאָמענדאַנט, אַז איך בין נישט זיינער אַ פּאַראָבעק, ער זאָל מיר בעפעהלען, און די קראָמען וועל איך בשום אופן נישט ערלויבען עפענען אום שבת.

געהט דורך נאָך אַ שעה און עס קומען שוין צוויי סאָל-דאַטען מיט ביקסען און רופען מיך צום קאָמענדאַנט. געה איך!

דער קאָמענדאַנט איז געווען גענעראַל מאַראָזאָוו. ער האָט מיך בעגעגענט אַ צאָרענדיגער און מיט כעס אויסגעשריען:

—„דאָס ביזט דו דער רבי?

—„איך.

—„דאָס האָסט דו געזאָגט, אַז דו ביזט נישט מיינער אַ פּאַראָבעק?

„—איך האָב געזאָגט, אַז איך בין גאָטס אַ פּאַראָבעק און מעהר קיינעמס נישט.

—„ווי ערלויבסט דו זיך נישט צו ערפילען מיין בעפעהל, הייסען עפענען די קראָמען?

—„גנעדיגער גענעראַל!—ענטפער איך איהם.—איך רעכען, אַז אין דער צייט פון מלחמה, בלייבט אויפ׳ן הימעל דערזעלבער גאָט, וואָס בשעת פרידען, און אויב בשעת פרידען ערלויבט אונז נישט אונזער דין, צו האַנדלען אום שבת, איז עס אויך פערבאָטען אין מלחמה-צייט. דערצו רעכען איך, אַז איצט מוזען מיר זיין נאָך פרומער, כדי גאָט זאָל אונז צושיקען אַ נצחון.

—„וואָס-זשע ווילסטו, אַז איבער אייער פרומקייט זאָלען מיינע סאָלדאַטען הונגערען?

—„חס ושלום,—ענטפער איך,—הונגערען דאַרפען זיי נישט. איך האָב בעפוילען די קרעמער, אַז עס וועט קומען אַ סאָלדאַט און בעטען עסענוואַרג, זאָל מען איהם געבען, נאָר קיין געלד זאָל מען נישט נעהמען, ווייל דאָס איז פערבאָטען.

מיין ענטפער איז, אַפּנים, געפעלען געוואָרען דעם גענע-ראַל. ער האָט אויף מיר פערוואונדערט אַ קוק געטהון און גע-זאָגט:

—„דו געפעלסט מיר. געה און היט אָב דיין רעליגיע.

עס געהט דורך אַ וואָך, בעפעהלט ווידער דער קאָמענ-דאַנט רייניגען די גאַסען אום שבת. הייס איך נישט, שיקט ער ווייטער נאָך מיר.

—„דו האָסט נישט ערלויבט די יודען רייניגען די גאַסען אום שבת?

—נישט איך האָב נישט ערלויבט, נאָר אונזער רעליגיע ערלויבט עס נישט.

—„אין מלחמה-צייט מוז מען פערגעסען וועגען רעליגיע-זע דינים.

—„אויב אַזוי,—זאָג איך,—וואָס-זשע האָסטו גערופען מיך און נישט דעם קסיאָנדז, ער זאָל בעפעהלען יודען אַרבייטען; אויב דער יודישער רעליגיעזער דין איז אָבגעשאַפט, איז שוין, ממילא, אָבגעשאַפט דער רב. וואָס ווילסטו: יודען זאָלען דעם

דין נישט פאָלגען און פאָלגען דעם רבּ? אַז נישטאָ קיין דין, איז נישטאָ קיין רב.

ער זעהט, אַז איך בּין גערעכט, גיט ער אַ מאַך מיט דער האַנד און זאָגט:

—„ראַווין פראַוו!"

אין אַ פּאָר וואָכען אַרום זענען געקומען די דייטשען. מיר האָבּען פון זיי זיך אָנגעליטען די בּיטערסטע צרות. נאָר וואָס עפּעס נישט אַזוי, האָט מען געדראָהט מיט שיסען, געטויט יודען רייניגען די בלאָטעס און די וועגען, אפילו אום שבת. מיין געבּעט האָט נישט געהאָלפען, קוים גע'פּועל'ט, זיי זאָלען צונעהמען די סאָלדאַטען פון שוהל. זיי האָבּען געשטעלט אין די הייזער אויף פּאָסטאָי סאָלדאַטען. איך האָבּ נישט צוגענומען דעם פּאָסטאָי, האָבּ אויפגעוויזען, אַז, ווי אַ רב, בּין איך אַ בּע-אַמטער, האָבּ געשוואָרען מיין קיסר און קאָן נישט בּרעכען די שבועה. זיי האָבּען מיך בּעפרייט פון פּאָסטאָי. אָבּטרעטענדיג, האָבּען זיי צוגענומען די תּבואה, די פערד, אַלץ, וואָס זיי האָבּען געקאָנט. ווי זיי זענען אַרויס פון שטאָדט, האָבּען מיר אַרויסגעשטעלט רוסישע פאָהנען. האָבּען זיי דערזעהען און בּע-שאָסען די שטאָדט.

כּל זמן די דייטשען זענען געווען בּיי אונז, האָבּען די פּאָליאַקען געשוויגען, אָניפגעפיהרט זיך אפילו פריינדליך צו יו-דען. אַז די רוסען זענען געקומען, זענען זיי אַרויס אַנטקעגען און אונז נישט צוגעלאָזט בּעגעגענען דאָס מיליטער. איך האָבּ געהייסען אויסבּאַקען אַ ווייסע בּולקע, גענומען אַ זאַלץ-טעשל, אַ ספר-תּורה און מיט גוואַלד דורכגעריסען זיך צום מיליטער. בּין צוגעגאַנגען צום אויבּער-קאָמאַנדיר, אָבּגעגעבּען איהם מזל-טוב, דערלאַנגט די ספר-תּורה, דאָס זאַלץ און בּרויט, געבּענשט איהם און זיך צעוויינט.

—„די פּאָליאַקען,—האָבּ איך געזאָגט,—שוואַרצען אונז אין אייערע אויגען. מיר בּעטען דיך: נישט גלויבּ די בּלבּולים, וועל-כע זיי וואַרפען אויף אונז, מיר זענען טריי גאָט און דעם קיסר.

און איך האָב דערצעהלט, וואָס מיר זענען אויסגעשטאַנען פון די דייטשען.

דער אויבער-קאָמאַנדיר איז געווען פלעווע. מיט איהם צו-זאַמען איז געווען אַ גרויספּירשט, וועלכען ער האָט גערופען „וויסאָטשעסטוואָ״. פלעווע האָט מיך אויסגעהערט און געזאָגט:

—„איך וועל נישט אָננעהמען קיין שום מסירות און בּלבולים אויף אייך. אין ערגעץ האָט מען מיך נישט בּעגעגענט אַזוי הערצליך, ווי דאַ.

האָבּען מיר זיך בּערוהיגט.

געהט דורך אַכט וואָכען—האָט געגומען ווייטער דערצעה-לען דער רב—קומען זשאַנדאַרמען און אַרעסטירען אַכט בּעלי-בּתּים, די שענסטע און פרומסטע יודען, וועלכע זענען ווייט פון וועלכער עס איז פּאָליטיק. צווישען זיי דעם שוחט, וועלכער, איך בּין זיכער, ווייס אפילו נישט, אַז עס קומט פאַר אַ מלחמה און ווער מיט ווּעמען פיהרט דעם קריג. מען האָט זיי מיט׳ן עטאַפּ אָבּגעפיהרט קיין וואַרשא, דעם גאַנצען וועג האָבּען זיי געפּאַסט. אַז מען האָט זיי געבּראַכט קיין וואַרשא, זענען זיי צוגעפאַלען צו דער ערד און גענומען כאַפּען מיט׳ן מויל שניי, כּדי אָבּצומונטערן זיך. איצט זיצען זיי אין טורמע... אין וואָס, רעכענט איהר, בּעשולדיגט מען זיי? הערט נאָר! אַז די דייטשען זענען אָבּגעטראָטען, האָט זיך אַ רוסישער פאָרפּאָסט נאָכגעיאָגט נאָך זיי. אין עק שטאָדט בּיים שלאַגבּוים זענען געפאַלען צוויי-דריי רוסישע סאָלדאַטען, אין וועלכע די אַנטלויפענדע דייטשען האָבּען געשאָסען, האָט מען זיך איצט מישב געווען בּעשולדיגען יודען, אַז זיי האָבּען אומישנע געשלאָסען דעם שלאַגבּוים, כּדי די רוסישע סאָלדאַטען זאָלען דער׳הרג׳עט ווערען. האָט מען אַרעסטירט די יודען, וואָס וואוינען בּיים שלאַגבּוים. די גאַנצע מעשה איז אַ ליגען. הונדערטער מענשען קאָנען עדות-זאָגען, אַז דער שלאַגבּוים איז געווען אָפען, דער גלח איז גרייט צו שווע-רען, אַז יודען זענען נישט שולדיג, נאָר ס׳העלפט נישט.

—מען זאָגט,—האָט דער רב ווייטער דערצעהלט,—אַז מען זוכט מיך אויך צו אַרעסטירען. איך האָב קיין מורא נישט, לאַזען

זיי אַרעסטירען, הענגען... אומקומען על קידוש השם איז גאָר-נישט אַזוי שלעכט. נאָר דערווייל דאַרף מען זעהן ראַטעווען די אַרעסטירטע. צוליב דעם בין איך עס געקומען אַהער, אָבער איך האָב אין ערגעץ קיין צוטריט נישט. וואָלט איך האָבען אַ רע-קאָמענדאַציע צו טומאַנאָוו׳ן, וואָלט איך שוין עפּעס אויסגעפיהרט.

—זענט איהר געווען דאָ אין גמינע, ביי די כּלל-טהוערז?— האָב איך געפרעגט.

—איך בין ביי זיי געווען, אָבער זיי זענען דאָך ביי אונז נישט געווען, נישט געווען אין אונזער גיהנום. זענען זיי רו-היג. „שרייבט אַ פּראָשעניע, מיר וועלען בעטראַכטען״. איך זאָג, אַז מען מוז אַרבייטען, נישט אָבלעגענדיג אויף אַ מינוט. זאָגען זיי, אַז דאָס איז אַ פּרט-זאַך און זיי בעשעפטיגען זיך נאָר מיט כּלל-זאַכען. זיי פערשטעהען נישט, אַז דער כּלל איז יוצא מן הפּרט. נאָר רייד מיט די קאַלטע מענשען!... ווענד איך זיך איצט צו אייך. אַזוי ווי איהר האָט פיל פערבינדונגען מיט די העכסטע לייט, מוזט איהר מיר קריגען אַ רעקאָמענדאַציע צו טו-מאַנאָוו׳ן, נישט אַנדערש!

איך האָב אָנגעהויבען דערווייזען דעם רב, אַז ביי מיר איז דאָ קיין שום פערבינדונגען מיט די „גרעסטע לייט״ נישטאָ, נאָר ער האָט נישט געוואָלט הערען.

איך האָב זיך דערמאָהנט, אַז מיט פיר—פינף טעג צוריק איז דאָ געווען דער באַראָן אלכסנדר גינצבורג און אָסקאַר גרו-זענבערג, וועלכע האָבען געפיהרט אויפ׳ן פראָנט אַ וואַגאָן מיט מתנות פון פעטערבורגער יודען. היינט האָבען זיי געדאַרפט אומקעהרען זיך צוריק. איך האָב פאָרגעלעגט דעם רב, אַז איך וועל בעטען גינצבורג׳ן אָדער גרוזענבערג׳ן, ער זאָל איהם אויפנעהמען און העלפען מיט וואָס מעגליך.

דער רב האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם, ער האָט מיך אָב-גערופען אָן אַ זייט און איינגערוימט:

—זעהט, אַז גרוזענבערג און גינצבורג זאָלען זיך זעהן מיט׳ן רבי׳ן. נישט אַנדערש, דאָס קאָן האָבען אַ גרויסע ווירּ-

קונג. נישט פערגעסט, אַז דער רבי איז דער קאָפּ פון פוילישע יודען.

איך האָב פאָרגעלעגט דעם רבי׳ן, ער זאָל זיך זעהן מיט גרוזענבערג׳ן און דעם באַראָן. ער האָט רחמנות׳דיג אַ קוק גע-טהון אויף מיר און אָהנמעכטיג פונאַנדערגעפיהרט מיט די הענד:

—וואָס... קאָן... איך?...

און נישט איינגעשטימט...

## טו

קומענדיג פון רבי׳ן אַרום האַלבע נאַכט אין האָטעל בּרי-סטאָל, וואו איך בּין איינגעשטאַנען, האָב איך דאָרט געטראָפען דעם באַראָן א. גינצבורג, וועלכער האָט זיך מיט עטליכע שעה צוריק, אומגעקעהרט צוזאַמען מיט גרוזענבערג׳ן, פון די פּאָזי-ציעס, וואוהין זיי האָבען אָבגעפיהרט מתנות פאַר די סאָלדאַ-טען. איך האָב בעקאַנט געמאַכט דעם באַראָן מיט די געשעהע-נישען אין נאָוואָמיאַסטאָ און געבעטען, ער זאָל אויפנעהמען דעם דאָרטיגען רב. ער האָט איינגעשטימט און געבעטען, דער רב זאָל מאָרגען צו איהם קומען. איך האָב עס איבערגעגעבען דעם רב און ער איז געווען ביים באַראָן צו דער בעשטימטער צייט, נאָר וואָס איז געווען דער רעזולטאַט פון זייער זעהן זיך, ווייס איך נישט, ווייל איך בין אויף מאָרגען אָבגעפאָהרען.

איך האָב געפרעגט דעם באַראָן וועגען זיין איינדרוק פון דער נסיעה אויפ׳ן פראָנט, און צי ער האָט געהאַט די מעגליכ-קייט צו זעהן זיך מיט׳ן הויפט-קאָמאַנדיר פון דער אַרמעע און אָנריהרען די פראַגע וועגען דער אויפפיהרונג בנוגע צו יודען. ער האָט געענטפערט, אַז וועגען דער יודענפראַגע איז נישט געווען קיין געלעגענהייט צו ריידען, נאָר אין אַלגעמיין איז ער קאָנטעט פון דער נסיעה. אָבער אָהן גרויסע התפעלות. ער האָט אין דער נסיעה נישט געזעהן קיין וויכטיגע פּאָליטישע בע-דייטונג.

גאַנץ אַנדערש האָט אָבגעשאַצט די בעדייטונג פון דער נסיעה, דער צווייטער דעלעגאַט, א. גרוזענבערג, מיט וועמען איך האָב וועגען דעם גערעדט אויף מאָרגען אינדערפריה. אויף איהם האָט די נסיעה געמאַכט דעם שטאַרקסטען איינדרוק. ער האָט מיך בעגעגענט מיט די ווערטער:

— אונזער זיין אויף די פּאָזיציעס, אונזער בעגעגעניש פּנים אל פּנים מיט׳ן רוסישען מיליטער און זיינע קאָמאַנדירען, שאַפט אַנ׳עפּאָכע אין דער יודישער לאַגע! איצט איז ענדליך געפונען געוואָרען דער ריכטיגער וועג צו בעקעמפען דעם קאָשמאַר, וואָס הענגט איבער׳ן יודענטום!

ער האָט געשילדערט די סצענע, ווי מען האָט געטיילט די מתנות. די דעלעגאַטען, צוזאַמען מיט די מתנות, האָט מען צוגעפיהרט צו די רעכטע פּאָזיציעס, ביי די אָקאָפּעס. מען האָט אַרויסגערופען די סאָלדאַטען ראָטעסווייז, אויסגעשטעלט זיי, דער גענעראַל האָט ערקלערט, אַז יודען האָבען צוגעשיקט זיי מתנות צו יום-טוב. די סאָלדאַטען האָבען געשריען „הוראַ״ און „פּאָ-קאָרנאָ בלאַגאָדאַרים!״ דער גענעראַל האָט אין זיין נאָמען גע-דאַנקט דער דעלעגאַציע און געבעטען איבערגעבען אַ דאַנק די פּעטערבורגער יודען. נאָכדעם האָבען די אָפיצירען געמאַכט פאַר די דעלעגאַטען אַ וואַרעמעס, אויף וועלכען מען האָט געהאַלטען רעדעס. לסוף האָט מען די דעלעגאַטען מיט גרויס כבוד בע-גלייט צום באַהן.

— שטעלט איך פאָר! — האָט רעזומירט ה׳ גרוזענבערג, — אַזאַ בעציהונג, אַזאַ אויפנאַהם!... אָט איהר האָט דערצעהלט, אַז דאָס מיליטער מאַכט יודישע פּאָגראָמען, הענגט און שיסט יודען. און דאָ, מיט אַמאָל „הוראַ!״ כמעט אויף די הענד אונז געטראָ-גען. באמת, די רוסישע נשמה איז ווי אַ „מאַיאַטניק״, דאָ לאָזט זי זיך אַראָב אין פינסטערען תהום, און דאָ פליהט זי אַרויף אויף אַנ׳אונדערגרייכטער הויכקייט. איך האָב נישט געקאָנט ריי-דען, ביי מיר האָבען זיך אונטערגעקייקעלט צום האַלז טרעהרען, אַזוי בין איך געוועזען געריהרט... נאָר דאָס איז נאָך נישט אַלץ. הערט נאָר ווייטער! אַז דער גענעראַל האָט אונז בעדאַנקט, האָט

ער מיר פאָרגעלעגט, איך זאָל זאָגען אַ „וואָרט” די סאָלדאַטען! איהר הערט? ערלויבט אַ פּריוואַטען מענשען ווענדען זיך אויף די פּאָזיציעס, מיט אַ רעדע צו די סאָלדאַטען! אַ מיטינג!! איך בין ערשטוינט געווען און האָב געענטפערט דעם גענעראַל:

—„אייער וויסאָקאָ פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ! איך ווייס, וואָס עס הייסט דיסציפּלין און ערלויב זיך נישט ווענדען דירעקט צו די סאָלדאַטען. נאָר אייך בעט איך איבערגעבען זיי, אַז מיר פערנויגען זיך נידעריג פאַר זייערע גרויסע ליידען און מסירת נפש און קוקען מיט גרויס ענטציקונג אויף זייער מוטיגען העל־דען־קאַמף”... דער הויפּטקאָמאַנדיר שיידעמאַן האָט אונז אויך אויפגענומען, געדאַנקט, אָבער דער אויפנאַהם איז געווען אַ פיל קעלטערער און נישט גאָר קיין איידעלער... ער האָט אונז אפילו נישט געבעטען זיצען...

—און וועגען דער בעציהונג צו יודען, וועגען די בלבולים און פערפאָלגונגען, האָט איהר מיט וועמען פון די קאָמאַנדירען גערעדט?—האָב איך געפרעגט.

—די פראַגע אָנריהרען איז נישט געווען קיין געלע־גענהייט...

—די פּאָזיציעס, ביי וועלכע איהר זענט געווען, געפינען זיך אין פעלד אָדער ביי אַ ישוב?

—ביי אַ שטעדטעל. מיר האָבען אין שטעדטעל פערבראַכט אַ מעת־לעת.

—האָט איהר זיך געזעהן מיט די דאָרטיגע יודען? פונאַנ־דערגעפרעגט זיי?

—נישט איין יוד דאָרט נישט געטראָפען, נישט געזעהן, נאָר איינגעשטאַנען זענען מיר ביי יודען. און שטעלט אייך פאָר: איך קום אַריין און זעה: אויפ׳ן וואַנד הענגט מיין בילד פון בייליס פּראָצעס....

—האָבען אפשר די בעלי־בתים פון דעם הויז אייך עטוואָס דערצעהלט וועגען דער לאַגע פון די יודען אין שטעדטעל?

—ניין, דער בעל־הבית האָט זיך נאָר־וואָס אומגעקעהרט

אַהיים. ער איז געווען אַרעסטירט. האָט געהאַלטען אויף אַ האָר, מען זאָל איהם הענגען...

—ווי אַזוי זשע האָט ער זיך בעפרייט?

—צווישען אונז זאָל דאָס בלייבען: ער האָט זיך אָבגע-קויפט פאַר טויזענד רובל!...

---

עזליכע טעג איידער איך בין געפאָהרען קיין גער, דעם 24-טען דעקאַבר, האָב איך בעקומען אַ טעלעגראַם פון בראָד, פונ׳ם סוחר פייגענבוים, וועלכער האָט פאָרגעלעגט דורכפיהרען מיך קיין גאַליציע, אַז ער פערבלייבט אין בראָד נאָר ביז דעם 2-טען יאַנואַר און אויב איך וויל זיך בענוצען מיט זיין הילף, זאָל איך גלייך אַרויספאָהרען. איך האָב געענטפערט, אַז איך פאָהר אַרויס דעם 29-טען אין ראָוונע און בעט איהם אַהין צו-שיקען אָדער ברענגען דעם פּראָפּוסק קיין בראָד.

איך האָב אָבגעלעגט דאָס פאָהרען אויף עטליכע טעג, כדי צו פערענדיגען מיין אַרבייט אין „פערבאַנד״. דערצו איז נאָך ביי מיר געווען אַ שוואַכע האָפנונג, אַז איך וועל בעקומען אַ קאָמאַנדיראָווקע קיין גאַליציע פון „פערבאַנד״. ווירובאָוו, טענה׳-דיג, אַז ער קאָן מיר אין דעם נישט העלפען, האָט יעדעס מאָל צוגעגעבען, איך זאָל זיך ווענדען צום פירשט לוואָוו, וועלכער דאַרף די טעג קומען קיין וואַרשא. דעם 27-טען איז לוואָוו געקומען. ער האָט מיך אויפגענומען און גלייך דערמאָהנט זיך וועגען אונזער געשפרעך אין מאָסקווא און וועגען מיין בקשה צו געבען מיר די מעגליכקייט צו פאָהרען קיין גאַליציע.

—איצט איז זעהר שווער פאַר אַ פריוואַטען מענשען אַריינ-צופאָהרען קיין גאַליציע—האָט ער מיר געענטפערט,—מיט צוויי וואָכען צוריק איז פערעפענטליכט געוואָרען אַ בעפעהל, מען זאָל נישט געבען קיין פּראָפּוסקען קיין שום פריוואַטען מענשען. שטעלט זיך פאָר: ווירובאָוו, דער אָבער-בעפולמעכטיגטער פון וואַרשאָווער אָבטיילונגען פון „זעמסקי פערבאַנד״ האָט גאַנצע צוויי וואָכען געהאָרעוועט, ביז עס האָט זיך איהם איינגעגעבען צו בעקומען אַ פּראָפּוסק.

—איך בעט בײ אײך נישט קײן פּראָפּוסק,—האָב איך גע-ענטפערט,—גיט מיר נאָר אַ „פּאַפּיר", אַז איהר קאָמאַנדירט מיך קײן גאַליציע. אַ פּראָפּוסק װעל איך שױן קריגען.

—מיר דאַרפען אַהין קײן שום שליחות נישט. אונזער בע-פולמעכטיגטער אין גאַליציע, שליקעװיטש, פיהרט-אױס אַלץ, װאָס ער דאַרף.

—איהר פערשטעהט געװיס װעגען װאָס איך רײד און איהר װײסט, מיט װאָס פאַר אַ ציל איך קלײב זיך קײן גאַלי-ציע,—האָב איך געענטפערט,—אײער קאָמאַנדיראָװקע איז מיר נױטיג נאָר ביז איך װעל קומען קײן לעמבערג. דאָרט װעל איך זיך שױן אײנאָרדנען. מאַקלאַקאָװ און דעמידאָװ האָבען מיר צו-געזאָגט אַרײנצונעהמען מיך אין אײנ[illegible]ם פון זײערע אָבטײלונגען.

—דעמידאָװ געפינט זיך איצט אין מאָסקװע און אָרדענט אײן אַ נײעם „אָטריאַד". װענדט זיך צו איהם. איהם איז גרינג אײך מיטצונעהמען. מיר אָבער פון דאַנען קאָנען אײך קײן שום בעפולמעכטיגונג נישט געבען.

בקיצור, עס איז קלאָר געװען, אַז ער װיל מיר נישט געבען קײן „פּאַפּיר" און אַז די סיבה דערפון איז דאָס, װאָס איך בין אַ יוד, און, איבערהױפּט, װאָס איך האָב בדעה אין גאַליציע אױספאָרשען די יודישע לאַגע.

אַז איך בין אַרױס אין צװײטען חדר, האָט מיך דער סעקרעטאַר קזשעװיצקי בעגעגענט מיט אַ גיפטיג שמײכעלע און מיט אַ נקמה-פרײד אַרױסגעזאָגט:

—נו, װער איז גערעכט? איך האָב געזאָגט, אַז לװאָװ װעט אײך נישט געבען קײן „קאָמאַנדיראָװקע" קײן גאַליציע, איך האָב עס פריהער געװאוסט.

אַז איך בין אַרױסגעגאַנגען, האָט מיך דעריאָגט װירובאָװ, און, װי פערענטפערענדיג זיך, געזאָגט:

—קומט אַרײן מאָרגען. איהר װעט פּרובען נאָכאַמאָל דורכ-רײדען זיך מיט לװאָװ'ן. איך װעל מיט איהם אױך איבער-רײדען...

דאָס צװײטע מאָל האָב איך זיך געזעהן מיט לװאָװ'ן דעם

29-טען. ווייטער געדעדט און ווייטער נישט גע׳פועל׳ט. איך בין אַוועק נישט דערלאַנגענדיג איהם די האַנד און נישט זאָגענדיג אַ „גוטען טאָג״.

כדי צו קומען קיין ראָוונע דעם 31-טען, האָב איך גע-מוזט גלייך אָבפאָהרען. איך האָב נאָר צייט געהאַט אַריינצולוי-פען צו פרצ׳ן, געזעגענען זיך מיט איהם. איך האָב איהם אָבער נישט געטראָפען אינדערהיים. דאָס האַרץ האָט מיר נישט גע-זאָגט, אַז איך וועל איהם שוין מעהר נישט זעהן. אַז אין דריי חדשים אַרום וועט ער זיך שיידען מיט אונז אויף אייביג—און איך בין אַוועקגעפאָהרען, נישט זעהענדיג זיך מיט דעם מענ-שען, וואָס איז מיר די לעצטע צייטען געוואָרען טייערער, ווי אַ ברודער..

פון וועג האָב איך טעלעגראַפירט קיין מאָסקווע דעם בע-וואוסטען ציוניסטישען כלל-טהוער, י. ניידיטש,—וועלכער האָט מיר געגעבען אַ בריף צו דעמידאָוו׳ן,—אַז אין וואַרשא האָב איך גאָר-נישט אויסגעפיהרט און בעט איהם פועל׳ן, אַז דעמידאָוו זאָל מיך אַריינגעהמען אין זיין נייער אָבטיילונג. געבעטען האָב איך טעלעגראַפירען מיר קיין ראָוונע.

אין וואַגאָן, אין וועלכען איך בין געפאָהרען, זענען גע-וועזען אָפיצירען און איך האָב געהאַט דאָס „פערגעניגען״ אויסצו-הערען זייערע ערצעהלונגען וועגען יודען.

איין אָפיציר האָט דערצעהלט:

שטעלט אייך פאָר: מיינער אַ פריינד, אַ פאָדפאָרוטשיק איז געוועזען אין „אָטפוסק״. אַז ער האָט זיך אומגעקעהרט, האָט ער נישט געפונען זיין פאָלק אויף דעם אָרט, וואו ער האָט איהם געלאָזען. ביי וועמען ער פרעגט, ווייסט קיינער נישט. און די וואָס ווייסען, זאָגען נישט: עס איז אַרויס אַ בעפעהל צו האַל-טען אין שטרענגסטען סוד, וואוהין די אַרמעע-טיילען ווערען איבערגעוואָרפען. דריי טעג האָט ער זיך אַזוי געמאַטערט. וואָס-זשע מיינט איהר האָט ער געטהון? גערופען אַ זשידאָווסקי פאַק-טאָר, צוגעזאָגט אַ פאָר רובל און געהייסען דערגעהן אַלץ, וואָס ער דאַרף וויסען. אין אַ שעה אַרום האָט דער פאַקטאָר געבראַכט

איחם די געַנויסטע ידיעות: ווען זיין פאָלק איז אַרויסגעטראָטען, וואוהין און אפילו מיט וועלכֿען וועג! שדים ווייסען זיי, פון וואַנען זיי דערגעהען דאָס אַלץ! דהיינו, מיר שטעהען אין שטעד-טעל, מיר ווייסען נאָך פון גאָרנישט, נאָר נאָך די יודישע פנימ׳ער און זייער אויפפיהרונג פערשטעהען מיר, אַז מיר האַל-טען ביים אָבטרעטען. און אין אַ טאָג אַרום קומט דער בעפעהל: „אָבטרעטען”... נישט אַנדערש, אַז זיי האָבען אַ ברייטע שפּיאָ-נאַזש-אָרגאַניזאַציע מיט פיל אַגענטען, וועלכֿע גיבען איבער איי-נער דעם צווייטען זאַלע ידיעות...

אין אַ ווײַלע אַרום רופט זיך אָב נאָך איינער:

אַלע פאַלשע ידיעות פערשפּרייטען נאָר „זשידעס”. בכיון האָבען זיי געלאָזען אַ קלאַנג, אַז די דייטשען האָבען גענומען קעלץ. און די חוצפּה זייערע! שרייען אָפען: „באַלד וועלען קו-מען אונזערע!”—דאָס הייסט די דייטשען. און צווישען זיך ריי-דען זיי אויך דייטש. געדאַרפט זיי אַלעמען דערוואַרגען! זיי ווייסען, די פעררעטער, אַז ווען מיר וועלען זיגען—וועלען זיי האָבען די מפּלה. די פּאָליאַקען וועלען זיי אַלעמען אויסקוילען, דערפאַר פרעהען זיי זיך, אַז דער דייטש איז מנצח!...

אין ראָוונע האָב איך נישט געפונען דעם ערוואַרטעטען טעלעגראַם פון פייגענבוימען. דערפאַר האָב איך דעם 3-טען יאַ-נואַר גאַנץ אומגעריכֿט בעקומען אַ טעלעגראַם פון י. ניידיטש׳ן: „קומט קיין מאָסקווע. דעם 7-טען פאָהרט אַוועק דעמידאָווס אָב-טיילונג. פאַר אייך איז אין איהם רעזערווירט אַנ׳אָרט”.

איך בין גלייך אָבגעפאָהרען קיין מאָסקווע.

איגאָר פלאַטאָנאָוויטש דעמידאָוו, אַ מיטגליד פון דער גאָ-סוד. דומע, אַנ׳אָנגזעהענער קאַדעט, איז געווען דער העכֿסטער בעפולמעכֿטיגטער פון די אָבטיילונגען, וועלכֿע די גאָסודאַרסטווע-נע דומע האָט אויף איהר רעכֿנונג אָרגאַניזירט. זיין אָבטיילונג האָט זיך געפונען אין טאַרנאָוו (גאַליציע). מיט אַ פּאָר וואָכֿען צוריק איז דעמידאָוו געקומען קיין מאָסקווע נאָך מעדיקאַמען-טען. ניידיטש, בעקומענדיג מיין טעלעגראַם האָט מיט איהם גע-רעדט וועגען מיר, און ער האָט גלייך איינגעשטימט מיך מיט-

צונעהמען קיין גאַליציע. אַזוי ווי ער האָט געמוזט גלייך אַוועק-פאָהרען איידער איך בין געקומען, האָט ער איבערגעגעבען זיין ברודער, לעוו פלאַטאָנאָוויטש׳ן, וועלכער האָט איהם פערטרעטען אין מאָסקווע, ער זאָל מיך בעפולמעכטיגען אָבפיהרען קיין גאַ-ליציע צוויי וואַגאָן מעדיקאַמענטען.

איך בין אַוועק אין קאָמיטעט צו לעוו דעמידאָוו׳ן. ער האָט מיר אַרויסגעגעבען אַ בעפולמעכטיגונג, האָט מיך בעקאַנט געמאַכט מיט דער אַרבייט, וועלכע איך דאַרף אויספיהרען. איך דאַרף זעהן, אַז די מעדיקאַמענטען זאָלען נאָך דער רשימה נאָך, געפּאַקט זיין אין די וואַגאָנעס און דאַרף אָבפיהרען און איבער-געבען זיי אין טאַרנאָוו אין אָבטיילונג. בעגלייטען די וואַגאָנעס וועט אַן׳אַרטעלשטשיק. איך און נאָך אַ בעפולמעכטיגטער, אַ מאָסקווער יוריסט ב. י. ראַטנער, וועלכער האָט פון נייגיריגקייט געוואָלט פאָהרען קיין גאַליציע, האָבען נאָר די אויפגאַבע צו זעהן, אַז די וואַגאָנעס זאָלען אין ערגעץ נישט פערהאַלטען ווע-רען, איבערפּאַקען זיי אין בראָד אין עסטרייכישע וואַגאָנעס, ווייל דאָרט איז די אייזענבאַהן-ליניע אַ שמאָל-וועגיגע, און ברענגען זיי קיין טאַרנאָוו. וועגען אַ פּראָפּוסק איז אפילו קיין רייד נישט געווען. עס האָט געניגענד אַן׳אָפיציעלע בעפולמעכטיגונג.

אַזוי ווי די וואַגאָנעס האָבען געדאַרפט אַוועקגעהן דעם 9-טען, האָב איך צייט געהאַט אַריבערצופאָהרען קיין פעטער-בורג, און דאָרט אויף אַ פערזאַמלונג פון כלל-טהוער לייענען אַ בעריכט איבער דער לאַגע אין פּוילען. דעמזעלבען בעריכט האָב איך געלייענט אויך אין מאָסקווע.

## טז

אין מאָסקווע האָב איך בעזוכט אַ „יודישען לאַזאַרעט", וועלכער איז דוכט זיך, געווען דער איינציגער אין גאַנץ רוס-לאַנד. אַ יודישער איז ער געווען נישט בלויז דערפאַר, ווייל ער איז אויסגעהאַלטען געווען אויף יודיש געלד, נאָר איבערהויפּט

דערפאַר, וואָס כמעט אַלע פערוואונדעטע סאָלדאַטען, וועלכע האָ-
בען זיך דאָרט אויפגעהאַלטען, (ניינציג ביז זיבענאונניינציג) זוי
אויך די דאָקטוירים, שוועסטער און סאַניטאַרען זענען געווען
דורכאויס יודען.

געגרינדעט איז דער לאַזאַרעט געוואָרען דורך דער פרוי
שושנה פערסיץ. זי האָט איינגעאָרדענט אַ כשר׳ע קיך פאַר די
עטליכע יודישע סאָלדאַטען, וואָס האָבען זיך דאָרט אין אָנפאַנג
געפונען. אַז דאָס איז בעוואוסט געוואָרען, האָבען די דאָקטוי-
רים און פערוואַלטער פון אַנדערע לאַזאַרעטען אָנגעהויבען אַהין
שיקען יענע יודישע סאָלדאַטען, וועלכע האָבען קיין טרפות נישט
געגעסען. אַזוי האָט זיך ביסלעכווייז פאָרמירט אַ יודישער לאַ-
זאַרעט.

אַ גרויס הילצערן הויז. ריין, ליכטיג, גרויסע חדרים מיט
צעהנדליגער בעטען. עס ליגען נאָר עטליכע שווער פערוואונדע-
טע. די איבעריגע, אין כאַלאַטען און שיך, געהען אַרום. על-
טערע יודען, מיט בערד, מיט איינגעבויגענע רוקענס, יונגעלייט,
בחורים, מיט בלייכע אויסגעקרענקטע פנימ׳ער, מיט באַנדאַזשיר-
טע קעפּ, אונטערגעבונדענע הענד, אויף קוליעס, זעהען אויס ווי
זקנים. בלויז צוויי-דריי פון הויכען וואוקס, שטאַרק געבויט פריש
אין אויסזעהן. איניגע געהען אַרום פערטראַכט איבער די חדרים,
אַנדערע שטעהען רעדלעכווייז און שמועסען, נאָך איניגע זיצען
ביי זייערע טישלעך, שרייבען בריף אָדער לייענען. אַ יונגערמאַן
זיצט זיך בעזונדער שטאַרק פערטיפט אין אַ גמרא. דער יונגער-
מאַן איז געווען אַ רב אין אַ שטעדטעל.

אויפ׳ן ערשטען בליק איז נישט צו דערקענען, אַז דאָס
זענען סאָלדאַטען. געוועהנליכע, נאָר קראַנקע, צעוועהטאָגטע יו-
דען, קרעמער, בעלי-מלאכות, לעהרער, בעלי-הבתישע קינדער.
אָבער אַז איך האָב זיך צוגעקוקט, האָב איך בעמערקט, ריכטי-
גער—דערפיהלט אין זיי עטוואָס נייעס, אונגעוועהנליכעס אין די
בעוועגונגען, אינ׳ם טאָן פון די רייד, אין די בליקען. אַ שטרענ-
גע פערשלאָסענקייט, גלייך ווי זיי וואָלטען געהאַלטען אין זיך
אַ שווערע געהיימניס. אַלע זענען זיי געווען, ווי איינגעהילט אין

אַ טיפֿען, שטילען טרויער.

און איך האָב מיך דערמאָהנט, אַז אָט די אַלע געוועהנלי-כע יודען, דער רב׳ל, דער קרעמער מיט דער געלער באָרד, דער סטאָליאַר, דער העברעאישער לעהרער, זיי אַלע האָבען גע-זעהן פֿאַר זיך דעם מלאך המות, האָבען אַריבערגעטראָגען דעם שטורם פֿון טויט, האָבען בעקומען אין לייב זיין גיפֿטיגען ביס, האָבען אַליין געזייהט אַרום זיך טויט און האָבען אַריינגענומען אין דער נשמה עטוואָס פֿון „יענער זייט״, וואָס קאָן נישט אַרומגענומען ווערען מיט׳ן געדאַנק, נישט אַרויסגעזאָגט ווערען מיט ווערטער, נאָר וואָס לאָזט אין דער נשמה אַנ׳אייביגען צייכען.

זיי ענטפֿערן גערן אויף מיינע פֿראַגען, נאָר שטיל, איינ-געהאַלטען, ערנסט, אָהן איבריגע ווערטער, אָהן אַ שום קלאָגען-זיך אויף די איבערגעלעבטע אונמענשליכע יסורים.

איך פֿרעג, אויב בשעת דער שלאַכט האָבען זיי געפֿיהלט שרעק.

מיר ענטפֿערט דער רב מיט אַ טרויעריגען שמייכעל:

—געשראָקען האָט מען זיך בלויז פֿאַר דער שרעק פֿון דער מלחמה, אָבער נישט פֿאַר דער מלחמה גופֿא; ווי נאָר עס האָט זיך אָנגעפֿאַנגען די שלאַכט, עס זענען געפֿלויגען קוילען און מיר אַליין האָבען געדאַרפֿט שיסען, לויפֿען, יאָגען זיך, פֿלעגט פֿערשווינדען דער פּחד. און גלאַט קאָן זיך קיין שרעק לאַנג נישט האַלטען, מען ווערט געוועהנט. אַזוי ווייט, אַז איך בין געשמאַק געשלאָפֿען אין דער צייט, ווען די שלאַכט איז געווען אין רעכטען ברען. אַז איך האָב מיך אויפֿגעכאַפּט, זע-נען נעבען מיר געלעגען צוויי גע׳הרג׳עטע סאָלדאַטען.

—איינמאָל,—דערצעהלט ער ווייטער,—ווען אין די אָקאָפּעס, אין איין אָרט, האָבען זיך צונויפֿגעקליבען ביי צוואַנציג יודישע סאָלדאַטען, האָבען מיר זיך מישב געווען און בשעת דער רעכ-טער שיסעריי פֿון שונא׳ס צד, אָנגעטהון די תּפֿילין און גע-שטעלט זיך דאַווענען מיט אַ מנין. אויף דעם איז אָנגעקומען דער ראָטני קאָמאַנדיר. די ערשטע מינוט האָט דאָס איהם פֿערוואונ-

דערמיט, נאָר אַז ער האָט זיך דערוואוסט, אַז מיר זענען מתפּלל, האָט ער זיך אָנגערופען צו די רוסישע סאָלדאַטען: „אָט זעהט, ווי יודען זענען מתפּלל אונטער׳ן פייער! אַזאַ תּפילה וועט גאָט געוויס צוהערען!״

עס געהען ערצעהלונגען וועגען בלוטיגע שלאַכטען, פעלדער פערשאָטענע מיט הרוגים, טייכען בלוט, געשרייען, זיפצען פון מענשען און קרעכצען פון דער ערד. ערצעהלונגען וועגען פערברענטע, חרוב-געמאַכטע, רואינירטע דערפער, שטעדט און שטעדטלעך. וועגען דער יודישער בעפעלקערונג, וועלכע האָט זיך אין אַ טויטליכען אַנגסט געוואָרפען צווישען צוויי שטרייטענדע מחנות.

איין סאָלדאַט דערצעהלט, אַז זיין פּאָלק איז פיר טעג געשטאַנען אַנטקעגען זיין געבורטס-שטעדטעל, וואו עס זענען פערבליבען זיינע אַלטע עלטערן, ברידער, שוועסטער און קרובים. דאָס שטעדטעל האָבען פערנומען עסטרייכער, און זיין פּאָלק האָט זיי בעשאָסען. דאָס שטעדטעל האָט מען געזעהן פון דערווייטענס. מען האָט געקאָנט בעמערקען, וואוהין עס פאַלען די סנאַריאַדען. ער האָט געקענט יעדעס הויז אין שטעדטעל, ווער וואו וואוינט, און ער האָט געזעהן ווי איין הויז נאָך דעם אַנדערן, איין גאַס נאָך דער אַנדערער ברענען, ווערען צושמעטערט. אַז די עסטרייכער זענען אַרויסגעיאָגט געוואָרען, און די רוסען זענען אַריין אין שטעדטעל, האָט ער געאָרנישט געפונען חוץ חורבות. אין זיין פאָטערס הויז זענען גאַנץ געבליבען בלויז די ווענד, אָבער קיין איין לעבעדיגען נפש האָט ער נישט נעפונען, נישט ביי זיך, נישט אין גאַנצען שטעדטעל און עד היום ווייסט ער נישט: צי זענען זיי אַוועק צו די עסטרייכער, אָדער בלאָנקען ערגעץ אַרום הונגעריגע און הילפלאָזע.

ווייטער געהען ערצעהלונגען וועגען דער מלחמה אין גאַליציע. וואָס פאַר אַ שרעקליכע זאַכען דאָרט זענען פאָרגעקומען, וואָס פאַר אַ שרעקליכע בילדער עס איז אויסגעקומען צו זעהן!

די סאָלדאַטען הויבען אָן דערצעהלען און רייסען איבער אין מיטען, גיבען אַ מאַך מיט דער האַנד: שווער צו ענדיגען, שווער

נאָכאַמאָל איבערצולעבן די שרעקליכע איינדרוקען.

אונבעוועגט שטעהט ביי דער טהיר אַ הויכער יונגערמאַן מיט אַ שאַטען בערדעל. שטיל, מאַנאָטאָן, אַראָבגעלאָזען די אויגען, דערצעהלט ער זיינע ערינערונגען. מיט אַמאָל שטעלט ער זיך אָב, ער בעמיהט זיך וועגען עטוואָס צו דערמאָהנען זיך און קוקט אויף מיר פערוואונדערט, ווי ער וואָלט פרעגען, אויב דאָס אַלץ איז געשעהן אויפ׳ן וואָהר אָדער איז עס בלויז אַ חלום געווען.

—ערב יום-כפור,—דערצעהלט ער,—זענען מיר אַריין אין אַ שטעדטעל אין גאַליציע. דאָס שטעדטעל איז געווען האַלב פערברענט און חרוב. וואו-נישט-וואו זענען פערבליבען גאַנצע הייזער. קיין איין נפש איז נישט געווען אין גאַס, קיין איין פייערל אין די הייזער. ווי אויף אַ בית-עולם. מיט אַמאָל האָבען זיך בעוויזען אויפ׳ן גאַס צוויי יודען, אַנ׳אַלטער און אַ יונגער, אין צוריסענע קאַפּאָטעס און אין שטריימלעך. ביידע האָבען זיי אויסגעזעהן ווי מתים, וואָס זענען אַרויס פון קבר. עס האָט אָנגענומען אַ שוידער צו קוקען אויף זיי, אפילו אויף די רוסישע סאָלדאַטען האָט זייער אויסזעהן געמאַכט אַנ׳איינדרוק, און זיי האָבען זיי נישט אָנגעריהרט. די צוויי יודען זענען אַריין אין אַ געסעל. איך בין אַוועק נאָך זיי. זיי זענען דורכגעגאַנגען נאָך אַ פּאָר געסלעך און צוגעגאַנגען צו אַ גרויסער אַלטער געמויערטער שוהל, אין וועלכער די פענסטער זענען געווען אויסגעשלאָגען און די טהיר אָבגעריסען. איך בין אַריין נאָך זיי אין שוהל. דאָרט איז געווען אַ שרעקליכער חורבן: אַלץ צובראָכען, דער אָרון קודש איז געלעגען אויף דער ערד אַ צוהאַקטער, די הענגלייכטער האָבען זיך געוואַלגערט צובראָכענע, די גאַנצע פּאָדלאָגע איז געווען בעדעקט מיט צוריסענע ספרים. אָנשטאָט דעם צובראָכענעם עמוד איז געשטאַנען אַ בענקעל און אויף איהם אַנ׳אָנגעצונדען ליכט. אין שוהל זענען חוץ די צוויי יודען, וואָס זענען געקומען, געווען נאָך פיר יודען. דער אַלטער האָט זיך געשטעלט פאַר׳ן בענקעל און גענומען זאָגען „כל נדרי״.

—האָט איהר געפּרובט ריידען מיט זיי?—האָב איך געפרעגט.

דער סאָלדאַט האָט אַ קוק געטהון אויף מיר, אַראָבגע-לאָזט די אויגען און אַרויסגערעדט שטיל, מיט אַ ציטערדיגען קול.

—ריידען מיט זיי האָב איך נישט געקאָנט... איך האָב גע-קאָנט מיט זיי וויינען... און איך האָב געוויינט...

## יז

די וואַגאָנעס מיט די מעדיקאַמענטען זענען אַוועק פון מאָסקווע דעם 12-טען. אַזוי ווי זיי האָבען געקאָנט אָנקומען אין בראָד אין בעסטען פאַל מיט דריי-פיר טעג שפּעטער פאַר מיר, האָב איך מיך אָבגעשטעלט אויף אַ פּאָר טעג אין קיעוו.

בשעת איך בין געווען מיט דריי חדשים פריהער אין קיעוו, האָב איך אויף אַ פערזאַמלונג פון יודישע פרויען פאָרגע-לעגט אָרגאַניזירען אין דער שטאָדט אַ זאַמלונג פון בגדים פאַר היימלאָזע און געליטענע פון מלחמה. אייניגע האָבען זיך בעצויגען סקעפּטיש דערצו, נאָר עטליכע פרויען, אונטער דעם אָנפיהר פון פרוי מ. מאזאר, האָבען זיך ענערגיש גענומען צו דער אַרבייט און פאַר דער צייט געזאַמעלט ביז אַכטהונדערט פוד בגדים. נאָר פיל וויכטיגער איז געווען דאָס, וואָס זיי האָט זיך איינגעגעבען צו בעקומען אַן׳ערלויבעניש נישט בלויז צו זאַמלען בגדים, נאָר צו עפענען אַ „הילפגעזעלשאַפט צו שטיצען די יודישע אָפּפער פון דער מלחמה״. די געזעלשאַפט האָט אַרויסגעוויזען אַן׳אונגעהויער-גרויסע טעטיגקייט, האָט די גאַנצע צייט פון דער מלחמה אָר-גאַניזירט הילף פאַר גאַנץ דרום-מערב פון רוסלאַנד, פאַר גאַלי-ציע און ביקאָווינא, האָט אַרויסגעגעבען איבער צעהן מיליאָן רובל און געראַטעוועט פון הונגער-טויט פיל צעהנדליגער טויזענ-דער יודישע נפשות.

אין קיעוו האָב איך אויך געהאַלטען אַ פאָרטראַג וועגען דער לאַגע אין פוילען און דערצעהלט צוליב וואָס איך פאָהר קיין גאַליציע.

אַ בעוואוסטער קיעווער צוקער-פאַבריקאַנט, הער געפּנער,

וועלכער איז געווען אויף מיין פאָרטראַג, האָט מיר אַרויסגעזאָגט דעם ווונש:

—הלואי זאָלט איהר פון גאַליציע ברענגען בעסערע נייעס, ווי פון פוילען.

—אויף דעם איז ווייניג האָפנונג,—האָב איך געענטפערט,— וואָלט איך כאָטש קיין גאַליציע געקאָנט ברענגען וועלכע גוטע נייעס.

הער געפּנער האָט אַרויסגענומען און דערלאַנגט מיר פינף-הונדערט רובל.

—איהר וועט געפינען, מסתמא, וועמען זיי אָבצוגעבען.

דאָס א'ז געווען נישט די ערשטע מתנה פאַר גאַליציאַנער יודען. אין פעטערבורג האָט מיר געגעבען הונדערט רובל, פּרוי ווינאַווער.

פאַר'ן אַוועקפאָהרען בין איך געווען ביים באַראָן וולאַדי-מיר גינצבורג, איינעם פון די אָנגעזעהענע יודישע כלל-טהוער אין קיעוו. נאָך פאַר דער מלחמה האָט ער אַרויסגעוויזען אַ היי-סען אינטערעס צו דער יודישער עטנאָגראַפּיע, און נאָר אַדאַנק זיין הילף האָב איך געהאַט די מעגליכקייט צו אָרגאַניזירען און דורכצופיהרען די עטנאָגראַפישע עקספעדיציע. די מלחמה האָט איהם געטראָפען אין פראַנקרייך. אַזוי ווי ער איז געווען אַנ׳-„אָפּאָלטשענעץ" איז ער גלייך געקומען קיין רוסלאַנד און אַריינ-געטראָטען אין דינסט ווי אַ פּראָסטער סאָלדאַט (זיין ברודער, באַראָן אַלפרעד גינצבורג, איז געווען פאַר דער רעוואָלוציע דער איינציגער יודישער קאַפּיטאַן) און, נישט אָנגעהמענדיג קיין שום פערלייכטערונגען, געטראָגען די דינסט אין קאַזאַרמע צוגלייך מיט אַלע סאָלדאַטען, דערביי האָט ער אויף זיין רעכנונג און אין זיין וואוינונג איינגעאָרדענט אַ לאַזאַרעט פאַר פערציג פערוואונ-דעטע.

ער האָט פונאַנדערגעפרעגט וועגען דער לאַגע אין פוילען און וואָס איך רעכען צו טהון אין גאַליציע.

אין אַ פּאָר שעה נאָכדעם, ווי איך האָב מיך אומגעקעהרט אין האָטעל, איז געקומען צו מיר דעם באַראָנס קאַסירער און

איבערגעגעבען מיר פון איהם דרייטויזענד רובל פאַר די גאַלי-ציאַנער יודען.

דעם 15-טען בין איך אַוועקגעפאָהרען פון קיעוו.

פאַר בראָד האָב איך זיך אָבגעשטעלט נאָך אויף אַ טאָג אין ראַדזיווילאָוו. אַ גאַנץ היבש גרענעץ-שטעדטעל, פיל האָט געהאָלפען דעם שטעדטעל דער מיליאָנער מ. י. גינזבורג (זיין פאַמיליע איז מעסס), וועלכער שטאַמט פון ראַדזיווילאָוו. ער האָט דאָרט אויסגעבויט אַ שוהל, איינגעאָרדענט אַ רייכען שפיטאָל, פיל קו/טורעלע און וואוילטעטיגע אַנשטאַלטען. חוץ דעם האָט ער געשטיצט פיל צעהנדליגער געזינדען.

אַז איך מיט'ן ה' ראַטנער זענען אַריינגעפאָהרען אין ראַ-דזיווילאָוו, האָבען מיר געטראָפען כמעט דאָס גאַנצע שטעדטעל, עטליכע טויזענד מאַן, אַרום שוהל. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז אין שוהל קומט פאָר אַ הספד אויף גיזבורגס ברודער, שמואל מעסס, וועלכער איז פלוצלונג געשטאָרבען אין אַ שטעדטעל אין גאַליציע, וואוהין ער איז געפאָהרען אָרגאַניזירען הילף פאַר די דאָרטיגע יודען. דורך דעם שמואל מעסס האָט מ. גינזבורג גע-האָלפען דעם שטעדטעל. מעס'ס אומגעריכטער און פריהצייטיגער טויט האָבען אַרויסגערופען אין שטעדטעל אַ גרעסערע פערצווייפ-לונג, ווי די מלחמה. יודען און יודענעס זענען געשטאַנען אין די גאַסען, געבראָכען די הענד און געוויינט.

ווי נאָר די מלחמה האָט אויסגעבראָכען, איז די גרענעץ געשלאָסען געוואָרען. דאָס שטעדטעל איז רואינירט געוואָרען, דער האַנדעל מיט עסטרייך, פון וועלכען עס האָט געלעבט, האָט אויפגעהערט.

אין אַ וואָך אַרום נאָך דעם אָנפאַנג פון דער מלחמה, זע-נען געקומען די עסטרייכער, פערנומען דאָס שטעדטעל, נאָר פערבליבען דאָרט בלויז אַ פאָר שעה און אָבגעטראָטען. באַלד נאָך זיי זענען אַריין קאָזאַקען—די קאָזאַקען זענען פריהער אַ לאַנגע צייט געשטאַנען אין ראַדזיווילאָוו, זענען בעקאַנט געוואָ-רען מיט אַלע איינוואוינער, און דאָ, ווי זיי זענען אַריין, האָ-בען זיי גענומען מאַכען אַ פאָגראָם, האָבען צוראַבירט אַלע בע-

סטע מאַגאַזינען. וואָס זיי האָבּען נישט געקאָנט פערנעמען, האָ-
בּען זיי צוּבּראָכען, צושאָטען, פערניכטעט. נאָכדעם זענען אָנגע-
פאָהרען פויערים מיט פוהרען און דאָס איבּעריגע פערנומען.
בּשעת׳ן פּאָגראָם האָבּען עטליכע הונדערט יודען זיך פערשלאָסען
אין שוהל. די קאָזאַקען זענען צוגעגאַנגען און גענומען בּרעכען
די טהיר, נאָר אַ שטאָדטישער גוי האָט זיי אָבּגעראַטעוועט. ער
איז צוגעגאַנגען צו דער טהיר פון שוהל, האָט זי פערשטעלט
און אָנגעהויבּען זידלען די קאָזאַקען, וואָס זיי פאַלען אָן אויף
הילפלאָזע אָרימעלייט. די קאָזאַקען האָבּען אָבּגעטראָטען.

אַ דובּנער יוד האָט מיר דערצעהלט, אַז ער איז געקומען
קיין ראַדזיווילאָוו אַקוראַט בּשעת׳ן פּאָגראָם. איבּער די גאַסען זע-
נען אומגעלאָפען ווילדע קאָזאַקען, געבּראָכען טהיר און פענסטער
און געראַבּעוועט. יודען זענען געזעסען פערשפּאַרט. ער האָט צו
עטליכע אָנגעקלאַפּט, נאָר קיינער האָט איהם נישט אַריינגעלאָזען,
כאָטש נעכטיג אויפ׳ן גאַס. מיט אַמאָל זעהט ער לויפט אַ יוד.
דער יוד האָט איהם, דעם דובּנער, דערזעהען, צוגעלאָפען: „ר׳
קרוב, האָט רחמנות, קומט צו מיר!“ עס פערשטעהט זיך, ער
איז גערן געגאַנגען. האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז בּיי דעם אָרטי-
גען יוד איז געווען יאָהרצייט, און עס האָט געפעהלט איינער
צו אַ מנין—נאָך מעריב האָט דער בּעל-הבּית איהם נאָך אַרויסגע-
פיהרט מחדש-זיין די לבנה. „סטייטש, סכנות נפשות, אין גאַס
געהט אַ פּאָגראָם!“ -- „אָבּער זעהט יואָס פאַר אַ לבנה! דער פּאָ-
גראָם וועט זיין אויף מאָרגען, און די לבנה וועט אפשר נישט
זיין!“ און זיי זענען אַרויס און אונטער דעם פּאָגראָם-שטורם
מחדש-געווען די לבנה.

איך בּין אַוועק אויפ׳ן וואָקזאַל געוואָהר ווערען וועגען די
וואַגאָנעס. אַרום וואָקזאַל זענען געשטאַנען עטליכע הונדערט גע-
פאַנגענע עסטרייכישע סאָלדאַטען, הונגעריגע, פערפרוירענע, און
געוואַרט מען זאָל זיי אַריינזעצען אין צוג. אָן אַ זייט זענען
געשטאַנען אַ מענשען פערציג ערוב׳ניקעס. צווישען זיי פּיראָנ-
צוואַנציג יודען, האַלבּ-נאַקעטע, פערפרוירענע, דערשראָקענע.

איך בּין צוגעגאַנגען, גענומען פונאַנדערפרעגען.

—פון וואַנען זייט איהר?

—פון ליסקי.

—פאַרוואָס האָט מען אייך פער,ומען?

—ווער ווייסט!

—וואוהין פיהרט מען אייך?

—ווער ווייסט!

זיי ווייסען בלויז איינס: זיי זענען הונגעריג און ווערען דערפרוירען. עס זענען צוגעגאַנגען קאָנוואָינע און געבעטען מיך אָבטרעטען. עס איז פערוועהרט צו ריידען מיט די אַרעסטירטע. דער קאָנוואָי האָט זיי אָבגעפיהרט צו אַ וואַגאָן און געהייסען זעצען זיך. פאַר יודען אַ בעזונדערער וואַגאָן. נאָר עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דער וואַגאָן איז אַ געוועהנליכער קאַלטער משא-וואַגאָן. אפילו דער זשאַנדאַרם, וואָס איז דערביי געווען, האָט רחמנות געקראָגען: „אַ רחמנות! ווי וועלען זיי דערפאָהרען? עס איז זיבען—אַכט גראַד פראָסט". איך האָב איהם געבעטען מען זאָל זיי געבען אַ „טעפלושקאַ". נאָר ער האָט נישט געקאָנט דאָס טהון. נאָכדעם האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז אין וואַגאָן איז דאָ אַנ'אויוועלע, נאָר קיין קויהלען איז נישטאָ. דער זשאַנדאַרם האָט זיך אַרויסגערופען ברענגען קויהלען.

שרעקליך איז געווען צו זעהן, ווי די אַלטע, שוואַכע, צובראָכענע יודען זענען געקראָכען אין וואַגאָן. די ערשטע האָט מען ווי-נישט-ווי אונטערגעזעצט, נאָכדעם האָבען די פון וואַגאָן געשלעפט די אַנדערע. זיפצען, קרעכצען, פינף מענשען שלעפען איינעם, פינף שטופען אונטער און ביי אַלע צעהן איז נישטאָ קיין כח אַרויפצושלעפען אַ מענש אין וואַגאָן. ענדליך אַריינגעזעצט זיך מיט דער הילף פון רוסישע סאָלדאַטען.

עטליכע עלטערע יודען שטעהען אין דער טהיר פון וואַגאָן און ווער עס געהט פאַרביי בעטען זיי מיט רחמנות:

—„וועלקי פאַן! פראָשע! טראָכי וענגלי!"

איך האָב זיך, אונבעמערקט פון די קאָנוואָינע, צוגערוקט צום וואַגאָן, האָב צוטיילט די יודען צו עטליכע רובל.

איינער פון זיי האָט זיך אַ וואָרף געטהון צו מיר:

—האָט רחמנות! אפשר קאָן מען רופען אַהער אַנ׳אַרצט!
—ווער איז דאָ קראַנק?
—מיין פאָטער, ער איז צווייאוןאַכציג יאָהר אַלט. שוין פינף יאָהר, ווי ער איז שטאַרק בלינד. פון וועג און פון קעלט איז ער קראַנק געוואָרען און שטאַרבט.
וואו האָב איך געקאָנט קריגען אַ דאָקטאָר, און וואָס וואָלט ער איהם געהאָלפען? פונדעסטוועגען בין איך געגאַנגען זוכען אַ דאָקטאָר, געזוכט דעם זשאַנדאַרם, וואָס האָט צוגעזאָגט ברענגען קויהלען, נאָר׳ איידער איך האָב עמיצען געפונען, איז דער צוג מיט די פערפרוירענע הונגעריגע יודען, מיט דעם צווייאוןאַכציג-יאָהריגען בלינדען, פערדעכטיגען אין שפּיאָנאַזש, שטאַרבענדיגען זקן, אָבגעגאַנגען.
דאָס איז געוועזען מיין ערשטער איינדרוק אויף דער גרענניץ פון גאַליציע.
דעם 17-טען יאַנואַר בין איך אָבגעפאָהרען קיין בראָד.

ВСЕРОССІЙСКІЙ
**СОЮЗЪ ГОРОДОВЪ**
помощи больнымъ и
раненымъ воинамъ.
КОМИТЕТА Ю.-З. ФРОНТА

„9“ декабря 1916 г.
Г. Кіевъ.



Мѣсто
печати

**ВРЕМЕННЫЙ**

*Форма № 2.*

Дѣйствителенъ по 9 апреля 1917 г.
(не болѣе 4-хъ мѣсяцевъ).

## Пропускъ № 1/2112/16678

Выданъ на основаніи приказа арміямъ Юго-Западнаго фронта отъ 16 іюля 1916 г. № 1176.

Кому:

Фамилія Рапопортъ.

Имя и отчество Семенъ Акимовичъ

Должность (подробно) Сотрудникъ в орган. помощи насел. пост. от войны.

Мѣсто постояннаго жительства Петроградъ.

На проѣздъ

Куда Въ Галицію и Буковину

или

въ какой раіонъ

(подробно)

Для какой надобности Для организации снабжения насел. пострад. от войны топливом и теплыми вещами.

Приложеніе: правила (на оборотѣ).

Комитетъ Юго-Западнаго фронта. Всероссійскій Союзъ Городовъ

Уполномоченный

Заведующій Отделомъ
Личнаго Состава

# צווייטער טייל

# א

גאַליציע איז איינע פון די אָרימסטע געגענדען, אויב נישט די סאַמע אָרימסטע אין צענטראַל-אייראָפּאַ. דאָס לאַנד האָט זעהר וועניג נאַטור-רייכטומען, אונטער-ערדישע אוצרות פון מעטאַלען און מינעראַלען. די ערד, וועלכע צייכענט זיך נישט אויס מיט איהר פרוכטבאַרקייט, ווערט בעאַרבייט פרימיטיוו און מיט קאַרגע גערעטענישען. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם איז דאָרט זעהר שוואַך ענטוויקעלט די אינדוסטריע, די פאַבריק-פּראָדוקציע און דער האַנדעל. די אָרטיגע אַלטגעזעסענע בעפעלקערונג,—איבערהויפט אין מזרח-גאַליציע, די רוטענישע,—שטעהט אין אינטעלעקטועלען און מאַטעריעלען זין אויף זעהר אַ נידריגען מצב פון ענטוויקלונג, איז אפילו מעהר אָפּגעשטאַנען ווי דאָס רוסישע פּויערטום. דאָס אַלץ האָט, פערשטעהט זיך, געמוזט אָפּרופען זיך אויף דעם עקאָנאָמישען און, אין אַ געוויסער מאָס, אפילו אויף דעם קולטורעלען צושטאַנד פון דער גאַליציאַנער יודישער בעפעלקערונג. וועלכע איז פאַר דער מלחמה בעשטאַנען פון נייןהונדערט טויזענד ביז איין מיליאָן נפשות. נישט קוקענדיג דערויף, וואָס

אין דער עסטרייכישער מלוכה זענען יודען געווען גלייכבערעכ־טיגט און געהאַט אַ פרייען צוטריט צו אַלע אַמטען און בעשעפ־טיגונגען, איז די גאַליציאַנער יודישע בעפעלקערונג געווען זעהר אָרים און אומבעהאָלפען. דאָס ווערט בעשטעטיגט דורך צוויי אָב־יעקטיווע סטאַטיסטישע פאַקטען: אין ערגעץ איז נישט אַזוי גרויס די שטערבליכקייט, ווי צווישען דער יודישער בעפעלקערונג אין גאַליציע און קיין שום יודישער קבוץ האָט נישט געגעבען אַזאַ גרויסען פראָצענט אויסוואַנדערער קיין אַמעריקא.

אין קולטורעלען זין איז דאָס גאַליציאַנער יודענטום גע־ווען דייטליך אָבגעשטאַנענער, ווי אַנדערע יודישע שבטים. אמת, גאַליציע איז נישט געבליבען אָן דער זייט פון די שטורמישע אידעען-שטראָמען און אידעען-קאַמפען אין יודענטום. צוגלייך מיט אַנדערע לענדער האָט זי איבערגעלעבט דעם פאַלש-מעסיאַניסטי־שען קריזיס, דעם חסידיזם, די השכלה-עפּאָכע, די אַסימילאַטאָ־רישע, רעוואָלוציאָנערע, ציוניסטישע און נאַציאָנאַלע בעוועגונגען. האָט אַרויסגעשטעלט זעהר וויכטיגע פּערזענליכקייטען און טהוער אויף די אַלע געביטען. נאָר נישט אין איינע פון די בעוועגונ־גען האָט זי נישט פערנומען קיין צענטראַלען אָרט, נישט גע־שאַפען קיין בעזונדער ריכטונג, אין וועלכער עס זאָל זיך אָב־שפּיגלען איהר כאַראַקטער און איהרע אייגענשאַפטען, ווי למשל, דער ליטווישער „חב״ד“. אויסגעטיילט האָט זיך גאַליציע פון אַנ־דערע שבטים נאָר מיט דעם, וואָס די אַלערליי ריכטונגען און בעוועגונגען האָבען זיך אויסגעדריקט דאָרט אין אַ פערשאַרפטער פאָרם און אָנגענומען אַ ליידענשאַפטליכען כאַראַקטער. דער חסי־דיזם האָט זיך דאָרט פערוואַנדעלט אין אַ זעהר דעגענערירטען צדיקיזם. דער קאַמף פון דער אָרטאָדאָקסיע געגען דער השכלה־בעוועגונג האָט זיך געפיהרט מיט אַ שרעקליכער פערביטערונג און אָנגענומען גאַנץ ווילדע פאָרמען. אויך די אַסימילאַציע האָט זיך דאָרט אויסגעדריקט אין אַ קאַריקאַטור-קרענקליכער פאָרם.

נישט קוקענדיג אויף דער פאָלקאָמער בירגערליך-פּאָליטי־שער גלייכבערעכטיגונג, וועלכע יודען האָבען געהאַט אין דער עסטרייכישער מלוכה, איז זייער פּאָליטישע לאַגע געווען זעהר

אַ קאָמפּליצירטע. אין דעם שאַרפֿען נאַציאָנאַלען קאַמף, וואָס האָט דאָרט נישט אויפגעהערט צו פיהרען זיך צווישען די פעלקער פון וועלכע די מלוכה איז בעשטאַנען, זענען יודען נישט אַרויס־געטראָטען ווי אַ נאַציאָנאַלע קערפּערשאַפט מיט אַן׳אייגענער פּאָ־ליטיק, נאָר האָבען לאַווירט צווישען די קעמפּענדע מחנות. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז יעדע נאַציאָנאַליטעט, סיי די פּאָלי־טיש הערשענדע, דייטשע, סיי די פּוילישע, סיי די רוטענישע, פון וועלכע יעדע האָט געקוקט אויף זיך, ווי אויף דעם איינצי־גען בעל-הבית פון לאַנד, האָט גערעכענט די יודען פאַר איהרע אונטערטעניגע און געפאָדערט פון זיי טרייהייט און איבערגעגע־בענקייט. נישט האָבענדיג קיין אייגענע פּאָליטיק, זענען יודען מעהרסטענטייל געגאַנגען מיט יענע, וועלכע האָבען געהאַט דעם איבערגעוויכט און פאַקטיש געהערשט אין לאַנד (ביז 1866 יאָהר זענען יודען געגאַנגען מיט די עסטרייכער, נאָכדעם מיט די פּאָ־ליאַקען. די לעצטע יאָהרען האָבען זיי בעוויזען אַ נויגונג צו די רוטענער). דעריבער זענען די איבעריגע נאַציעס געווען אָנגע־שטויסען קעגען זיי און געזעהן אין זייער אויפפיהרונג כמעט אַ פערראַט קעגען זיך.

צוגלייך מיט דעם אָבער, האָט די גינסטיגע פּאָליטישע לאַ־גע אויסגעאַרבייט ביים גאַליציאַנער יודענטום דאָס געפיהל פון אַ זעלבסטווירדיגקייט, אַזיכערקייט און אויך אַ שטאַרקען יבע־וואוסטזיניגען געפיהל פון בירגערשאַפט. ביי יודען איז געווען שטאַרק ענטוויקעלט דער עסטרייכישער פּאַטריאָטיזם, די איבער־געגעבענקייט צום אַלטען קייזער פראַנץ יאָזעף האָט דערגרייכט צו די פאָרמען פון אַ קולט. מען האָט איהם טיף געליבט און געאַכטעט, ווי אַ יודישען שיצער און העלפער. אין דער צייט ווען די עסטרייכישע פּאָליאַקען האָבען פון אָנפאַנג פון דער מלחמה געשפּילט אַ צווייזייטיגע ראָל און די רוטענער האָבען אויסגע־טיילט פון זיך די מאָסקוואָפילען, זענען יודען געבליבען שטאַרק ביי זייער עסטרייכישער אָריענטאַציע און האָבען ביי די שווער־סטע אומשטענדען אָפען און קלאָר אַרויסגעוויזען זי, נישט מורא האָבענדיג פאַר די שרעקליכסטע פערפאָלגונגען. דער מסירת-נפש,

וואָס יודען האָבען אין דעם פאַל אַרויסגעוויזען, איז געווען אַנ׳-אויסערגעוועהנליכער. איך האָב געזעהן ווי יודען האָבען גע-וויינט מיט ביטערע טרעהרען, בעת עס האָט זיך בעקומען די ידיעה וועגען דעם פאַלען פון פושעמישל. יודען האָבען נישט געקאָנט בעהאַלטען זייער פרייד בעת אַ רוסישער מפלה און האָ-בען מיט אַ גרויסען העלדענמוטה אָפען אַרויסגעזאָגט די אָקו-פאַנטען, אַז, ווי עסטרייכישע בירגער זענען זיי בלב ונפש אי-בערגעבען זייער רעגירונג. עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז אין איינִיגע ערטער האָבען אָרטיגע יודען בעצויגען זיך קאַלט און אפילו פיינדליך צו מיר און צו ד״ר לאַנדער, ווי צו פאָרשטע-הער פון אַ פיינדליכער מלוכה.

נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס דאָס גאַליציאַנער יודענ-טום, סיי די אָרטאָדאָקסישע עלעמענטען, סיי די עמאַנסיפּירטע, האָבען געצויגען זייער גייסטיגע השפעה פונ׳ם רוסישען יודענ-טום, זענען געווען צוזאַמענגעבונדען מיט איהם מיט פיל פע-דעם, האָט ביז דער מלחמה געהערשט אַ מאָדנע אָבגעזונדערט-קייט צווישען די צוויי ברידערליכע שבטים. מען האָט זיך גע-פיהלט פרעמד איינער צום אַנדערן און אין אַ געוויסער מאָס אפילו פיינדליך, אין יעדען פאַל קאַלט. די גאַליציאַנער יודען האָבען געקוקט מיט אַ געוויסער פעראַכטונג, פון אויבען אַראָב, אויף די פערשקלאַפטע, רעכטלאָזע רוסישע יודען און נישט פער-שטאַנען, ווי אַזוי קאָן מען דאָס לעבען און עטעמען אין אַנ׳-אַטמאָספערע פון פאָגראָמען, ווילקיר און אויסערגעוועהנליכע פערפאָלגונגען. די אָרטאָדאָקסישע גאַליציאַנער האָבען דערצו נאָך געזעהן אין רוסישען יודענטום דעם מקור פון אפיקורסות און הפקירות. פון זייער צד, די רוסישע יודען, האָבען זיך בעצוי-גען מיט אַ פעראַכטונג צו די גאַליציאַנער יודען, ווי צו אַנ׳-אָבגעשטאַנענער פערגליווערטער מאַסע, וועלכע איז ווייט פון קול-טורעלען לעבען און שטרעבונגען.

ביי אַזאַ פערפרעמדקייט און געגענזייטיגער נישט-פער-שטענדיגקייט האָבען אָבגעלעבט איבער הונדערט יאָהר זייט ביי זייט צוויי יודישע שבטים. און עס האָט זיך געפאָדערט אַ

שרעקליכע קאַטאַסטראָפע, אַ ים בלוט און טרעהרען, כּדי דאָס רוסישע יודענטום זאָל זיך צונויפקומען נעהנטער מיט זיינע גאַליציאַנער ברידער. וועט דאָס, לכל הפּכות ברענגען צו אַ גייַסטיגער דערנעהנטערונג און אַ פערבינדונג פון די אָבגעזונדערטע טיילען פון יודישען פאָלק.

## ב

די צוויי שטעדטלעך, ראַדזיווילאָוו און בראָד, זענען אין דעם משך פון כמעט הונדערט יאָהר געשטאַנען איינע אַנטקעגע' דער אַנדערער בעוואָפענט פון קאָפּ ביז די פיס, ווי צוויי פיינדליכע מחנות. זיי זענען געווען פונאַנדערגעטיילט דורך קאָרדאָנען און טאַמאָזשנעס, ראָגאַטקעס און שלאַגבוימען און נישט קוקענדיג אויף דעם, זענען זיי געווען פעסט צוזאַמענגעבונדען, צונויפגעשמידט און אָבהענגיג איינע פון דער אַנדערער. אין זייער צושיידונג איז געלעגען זייער צוזאַמענבונד, און דער מקור פון זייער גאַנצער מאַטעריעלער עקזיסטענץ. דורך דער גרענעץ ראַדזיווילאָוו-בראָד איז געגאַנגען דער הויפּט-האַנדעל צווישען רוסלאַנד און עסטרייך. און, ווי נאָר עס האָט זיך דערהערט דער ערשטער שאָס אין איינע פון די קעמפענדיגע מחנות האָט צושטערט דעם צוים צווישען די שטעדטלעך, אומגעוואָרפען דעם גרענעץ-סלופּ און אַריבערגעטראָטען די ראָגאַטקע, זענען ביידע שטעדטלעך גלייך אָבגעשטאָרבען. צוזאַמען מיט דעם מקור פון זייער פּרנסה איז פערלאָרען געוואָרען דער זין פון זייער עקזיסטענץ.

צווישען די ביידע שטעדטלעך איז אינגאַנצען אַ מהלך פון זיבען וויאָרסט. דער צוג, מיט וועלכען איך בין געפאָהרען פון ראַדזיווילאָוו קיין בראָד, איז דורכגעלאָפען דעם שטח אין אַ קנאַפּע פירטעל שעה. נאָר די פירטעל שעה האָב איך זיך געפיהלט זעהר נישט היימליך. אין קיעוו און פריהער אין מאָסקווע האָב איך מיט די אייגענע אויגען געזעהן שטרענגע פעראָרדנונ-

גען פון דער מיליטערישער מאַכט, אין וועלכע עס איז געווען קאַטעגאָריש פערבאָטען דורכצולאָזען אַ וועלכען-עס-איז יוד קיין גאַליציע. אין קיעוו האָט מען מיר מיטגעטיילט, אַז דער בע-וואוסטער פעטערבורגער עסקן, דוד פיינבערג, וועלכער איז גע-ווען פערזענליך בעקאַנט און אפילו בעפריינדעט מיט דעם גע-נעראַל-גובערנאַטאָר פון גאַליציע, גראַף באָברינסקי, האָט אויף זיין בקשה וועגען אַנ׳ערלויבעניש צו פאָהרען קיין לעמבערג, בעקומען אַנ׳אָבזאָג (שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז איהם האָט זיך פונדעסטוועגען איינגעגעבען דורכצופאָהרען קיין גאַ-ליציע).

וועט מען מיך דורכלאָזען? דער דאָקומענט, וואָס איך האָב געהאַט ביי זיך,—אַ בעפולמעכטיגונג פון קאָמיטעט פון די מיט-גלידער פון דער „גאָסודאַרסטווענע דומע" אָבצופיהרען קיין טאַר-נאָוו צוויי וואַגאָנעס מעדיקאַמענטען,—איז נישט געווען בעשטע-טיגט דורך אַ וועלכען-עס-איז מיליטערישען אַנשטאַלט און האָט אפילו נישט געהאַט אויף זיך מיין פאָטאָגראַפישען בילד. דער-פאַר איז אין איהם קלאָר געווען אויסגעשטעלט מיינער און מיין פאָטערס יודישע נעמען. פאַר מיר איז קיין ספק נישט געווען, אַז בשעת מען וועט רעווידירען די פעסער ביים אַריבערפאָהרען דעם אַמאָליגען גרענעץ, וועט מען מיך אָבשטעלען, אין יעדען פאַל, וועט דער דורכפאָהר גרינג נישט דורכגעהן.

נאָר איך האָב אַ טעות געהאַט. דער אָפיציר, וועלכער איז אין בעגלייטונג פון צוויי זשאַנדאַרמען דורכגעגאַנגען דעם צוג און רעווידירט די דאָקומענטען, האָט אפילו נישט אַריינגעקוקט אין מיין בעפולמעכטיגונג. האָט געשווינד געמאַכט אויף איהם אַ דריידעל מיט׳ן בלייפעדער און איהם אומגעקעהרט מיר צוריק.

שפּעטער בין איך מיט דעמזעלבען און אַנדערע ענליכע בעפולמעכטיגונגען פריי און אונגעשטערט עטליכע מאָל דורכגע-פאָהרען דעם אַזוי שטרענג פערוועהרטען פאַר יודען גאַליציאַנער גרענעץ. נאָך מעהר: אין דעם משך פון די אָנדערטהאַלבען יאָהר, וואָס איך בין אַרומגעפאָהרען איבער גאַליציע און בעזוכט פיל צעהנדליגער שטעדט, בין איך געווען ביי די רעכטע פאָזיציעס

בעזוכט די מיליטערישע שטאַבען—און נישט איין מאָל האָט מען ביי מיר נישט געפאָדערט מיין דאָקומענט.

אין אַלע קעמפענדע לענדער איז דער צוטריט צו די קאַמפּס-פּאָזיציעס געווען פאַר פּריוואַטע מענשען פערבונדען מיט די גרעסטע שוועריגקייטען. מען האָט געדאַרפט דורכגעהן צעהנדליגער פּאָסטען, וואו עס זענען אויפ'ן שטרענגסטען אופן רעווידירט געוואָרען די דאָקומענטען. אין רוסלאַנד האָט מען די אַלע שוועריגקייטען בעזייטיגט אויף זעהר אַנ'אָריגינעלען אופן. די מיליטערישע מאַכט האָט פעראָרדענט, אַז אַלע בעפולמעכטיגטע און אָנגעשטעלטע פון רויטען קרייץ און פון די געזעלשאַפטליכע פערבאַנדען—אין אַלגעמיין, לחלוטין פּריוואַטע מענשען,—מוזען זיין מיליטעריש געקליידט, טראָגען בעשטימטע שליפען און אַ שווערד ביים זייט. דערמיט גופא האָבען די אַלע בעפולמעכטיגטע און אָנגעשטעלטע בעקומען כמעט דיזעלבע רעכט, וואָס אָפיצירען, און האָבען נישט אָבגעשטעלט אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון יענע, וועלכע האָבען געדאַרפט אָבהיטען דעם פראָנט פון שפּיאָנאַזש. עס איז נישט געווען קיין גרינגערע זאַך, ווי אַריינקלייבען זיך אין אַ פערבאַנד. אַריינטרעטענדיג אין איהם און אָנטהוענדיג די מיליטערישט קליידער, האָט מען שוין געהאַט אומעטום אַ פרייַען צוטריט. מען קאָן זיך דערום פאָרשטעלען, וויפיל דייטשע שפּיאָנען עס האָבען זיך געפונען צווישען די צעהנדליגער טויזענדער אָנגעשטעלטע פון די פערבאַנדען, וועלכע האָבען זיך אין מיליטערישע קליידער אַרומגעדרעהט ביי די קאַמפּס-פּאָזיציעס און צווישען די אָפיצירען און אונגעשטערט געזעהן און געהערט אַלץ, וואָס זיי איז געווען נויטיג. ווען עס האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזען, אַז דעם שונא זענען בעוואוסט אַלע רוסישע מיליטערישע סודות, האָט מען בעשולדיגט יודען אין פערראַט, און אויף דעם בערוהיגט זיך.

אין בראָד איז דער גרויסער וואָקזאַל נאָך ביים אָנפאַנג פון דער מלחמה געוואָרען פערברענט. אין אַ חדר פונ'ם חרוב'ן בנין האָט מען ווי-נישט-ווי איינגעאָרדענט אַ בופעט. אַז איך בין אַריין אַהין, איז ער געווען אָנגעפּאַקט מיט אָפיצירען, וועלכע

זענען געשטאַנען ביים בופעט און אַרום די טישלעך און מיט גרויס אַפּעטיט געגעסען רוסישען באָרשט. איך האָב בעמערקט, אַז אויף אַלע טעלער אין וועלכע מען האָט דערלאַנגט דעם באָרשט. איז געווען אַ יודישער אויפשריפט: „מזל טוב”. אפנים אַז די טעלער זענען געווען געראַבירט פון אַ יודישען האָטעל, וואו עס פלעגען פאָרקומען חתונות.

איך מיט מיין מיטפאָהרער, ה׳ ראַטנער, זענען אַוועק אין שטאָדט, וועלכע געפינט זיך אַ פּאָר וויאָרסט פון וואָקזאַל. עס האָט נאָר-וואָס אָנגעהויבען טאָגען, ביי ביידע זייטען שאָסיי, וועלכער האָט געפיהרט צום שטאָדט, האָבען זיך געטראָגען פּער-ברענטע און חרוב׳ע הייזלעך. באַלד האָט זיך אין גרויען נעבעל פון ווינטערדיגען פריהמאָרגען בעוויזען די שטאָדט. מיר האָבען פון דער ווייטענס דערזעהן אַ גאַנץ פעלד מיט חורבות פון אַ שרפה. באַלד זענען מיר אַריינגעגאַנגען אין דער חרוב׳ער שטאָדט. אויף ביידע זייטען וועג, אויף וויפיל דאָס אויג האָט געכאַפּט, זענען געשטאַנען הוילע פערויכערטע קוימענס און אַרומגעברענטע ווענד. אַלץ איז געווען בעדעקט מיט פוכיגען שניי. די חורבות האָבען אויסגעזעהן ווי אוראַלטע, מיט מאָך בע-וואקסענע רואינען פון אַנ׳אָבגעברענטער פּאָמפּייע. מיר האָט זיך אַ וואָרף געטהון אין די אויגען אַ וואַנד פון אַנ׳אָבגעברענטען בית-המדרש. איבער׳ן טהיר איז פערבליבען דער אויפשריפט: „מה נורא המקום הזה”—און די ווערטער האָבען אַזוי געפּאַסט אי פּאַר דער חורבה פון שוהל, אי פאַר דעם גאַנצען אויסזיכט פון דעם אָבגעברענטען שטאָדט-טייל.

מיט אַמאָל האָב איך דערזעהן צווישען די חרוב׳ע מויערן אַ גאַנץ-געבליבען קליין הייזעל, כמעט איינגעוואַקסען אין דער ערד. עס האָט זיך בעקומען דער איינדרוק, אַז בעת דער שרפה האָט זיך דאָס הייזעל צוגעבויגען צו דער ערד, בעהאַלטען זיך און דעריבער גאַנץ געבליבען. ביים הייזעל איז געשטאַנען אַנ׳-אַלטער יוד. ער איז געווען אויך אַזאַ אָרימער און איינגעבוי-גענער, ווי דאָס הייזעל.

דערזעהענדיג מיך מיט מיין חבר,—מענשען אין מיליטערי-

שע קליידער,—האָט ער געשווינד אַראָפּגעכאַפּט דאָס היטעל און נידריג פערנויגט זיך פאַר אונז.

איך בין צוגעגאַנגען צו איהם און אויף יודיש געפרעגט:

—ווי אַזוי איז דאָס אייער הייזעל גאַנץ געבליבען ביי דער שרפה?

דער אַלטער האָט אַ ווײַלע פערוואונדערט געקוקט אויף מיר, נאָכדעם האָט ער אַ דריק געטהון מיט די אַקסלען און מיט אַ זיפץ אַרויסגערעדט:

—מסתמא אַ נס... בעשערט געווען, מיר זאָלען האָבען וואו צו שטאַרבען פון הונגער...

איך האָב איהם געגעבען אַ רובל. ער איז געווען אַזוי איבערראַשט, אַז ער האָט אפילו נישט אָבּגעדאַנקט און איז געבליבען שטעהן אומבעוועגט, נישט אַראָפּלאָזענדיג פון אונז זיין פערוואונדערטען בליק.

אַ היבשע צייט זענען מיר אַרומגעגאַנגען צווישען די חורבות. איך האָב בעמערקט אַ כאַראַקטעריסטישען שטריך: אויף יעדען ראָג פון די אָבגעברענטע גאַסען, אויף די ווענד פון די חרוב׳ע הייזער, האָבען זיך געפונען ניי-צוגעשלאָגענע בלעכלעך מיט רוסישע אויפשריפטען פון די נעמען פון די גאַסען. די רוסען האָבען בעשענקט די אַלע גאַסען מיט נייע נעמען און זעהר געהויבענע: „פושקין גאַס״, „גאָגאָל גאַס״, „לערמאָנטאָוו גאַס״, דולט זיך אויך „טורגעניעוו גאַס״. אפנים, די זיגער האָבען אַליין נישט פערשטאַנען אויף וויפיל דאָס איז געווען ציניש אָנצורופען די אכזריות׳דיג פערברענטע גאַסען מיט נעמען פון די העכסטע פאָרשטעהער פון דער רוסישער קולטור, אויף וויפיל דאָס האָט בעליידיגט דעם אָנדענק פון די גרויסע רוסישע שריפטשטעלער. די בלעכלעך מיט די אויפשריפטען האָבען אויף מיר געמאַכט כמעט דעמזעלבען איינדרוק, ווי די איקאָנעס, וואָס די קריסטען שטעלען אַרויס אין די פענסטער בשעת אַ יודישען פאָגראָם.

## ג

די שרפה אין בראָד, ביי וועלכער עס איז פערברענט גע-וואָרען כמעט אַ האַלבע שטאָדט, עטליכע הונדערט הייזער, אויס-שליסליך יודישע, איז פאָרגעקומען אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה, ווי נאָר דער רוסישער חיל איז אַריבער דעם עסטריי-כישען גרענעץ. די ערשטע קאָזאַקישע אָבטיילונג, וואָס האָט פערנומען אָהן אַ שום ווידערשטאַנד בראָד, האָט אונטערגעצונדען די שטאָדט און נישט געלאָזען לעשען די שרפה. שפעטער, אין משך פון דער מלחמה, זענען אַזעלכע מעשים געווען אָבגעטהון אין צעהנדליגער און הונדערטער שטעדט און שטעדטלעך אין גאַליציע, אַזוי אַז דאָס איז געוואָרען אַנ׳אַלטעגליכע ערשיינונג, אויף וועלכער מען האָט אויפגעהערט זיך אָבצושטעלען. נאָר די בראָדער שרפה איז געווען די ערשטע באַרבאַרישע מעשה פון דער רוסישער אַרמעע,—האָט מען גערעכענט פאַר נויטיג אַרויס-צושטעלען אַ מאָטיוו, אַ פערענטפערונג אויף דער ווילדער אכזריות. אַלס מאָטיוו איז דאָ געווען אַרויסגעשטעלט אַ בלבול, וועלכער איז שפעטער געוואָרען אַ סקאַרבאָווער נוסח פאַר אַלע פאָגראָמען און גוואַלדטהאַטען איבער יודען: אַ יודיש מיידעל האָט פון פענ-סטער געשאָסען איבער׳ן רוסישען מיליטער.

נאָך איידער איך בין געקומען אין בראָד האָב איך שוין געהערט אין די מיליטערישע קרייזען דעם אָפיציעלען נוסח פון דער געשעהעניש: ווען די ערשטע קאָזאַקען-אָבטיילונג איז אַריין אין שטאָדט, האָט אַ יודיש מיידעל, די טאָכטער פון אַ האָטעל-אייגענטימער, אויסגעשאָסען פון פענסטער פון האָטעל און גע׳-הרג׳עט דעם קאָזאַקען-אָפיציר. די קאָזאַקען האָבען אויפ׳ן אָרט גע׳הרג׳עט דאָס מיידעל, האָבען באָמבאַרדירט די שטאָדט און פערברענט דעם גאַנצען קוואַרטאַל, וואו דער אָנפאַל איז פאָר-געקומען.

ד״ר קאַלאַק, וועלכער האָט איבערגעלעבט אין בראָד די קאַטאַסטראָפע, האָט וועגען איהר דערצעהלט פאָלגענדעס:

—בשעת די קאָזאַקען זענען אַריין אין שטאָדט און דורכגעפאָהרען די גרויסע גאַס, האָט זיך דערהערט אַ שאָס און איינער פון די קאָזאַקען איז געוואָרען פערוואונדעט אָדער גע׳הרג׳עט. דאָס איז פאָרגעקומען אַנטקעגען אַ יודישען האָטעל. דעם האָטעל-ווירטס טאָכטער, אַ יודיש מיידעל, דערהערענדיג דעם שאָס, האָט זיך דערשראָקען און אַרויסגעלאָפען פון הויז. די קאָזאַקען האָבען בעשטימט, אַז דאָס האָט זי געשאָסען און האָבען זי ממש צוהאַקט אויף שטיקער. זיי זענען געאיילט אַרויסגעפאָהרען פון שטאָדט, און גלייך אָנגעהויבען זי באָמבאַרדירען. האָבען אַרויסגעלאָזען איבער איהר צוויי-דריי שווערע סנאַריאַדען. איינער פון זיי האָט געטראָפען אין באַנק און פערניכטעט דאָס הויז, דערביי זענען עטליכע מענשען דער׳הרג׳עט געוואָרען. אויפ׳ן צווייטען אָדער דריטען טאָג האָבען זיך די קאָזאַקען אומגעקעהרט, זענען געגאַנגען פון הויז צו הויז אין דעם קוואַרטאַל, אַרויסגעטריבען די יודישע איינוואוינער און אונטערגעצונדען די הייזער. זיי האָבען נישט ערלויבט עטוואָס אַרויסצוטראָגען פון די הייזער און לעשען די שרפה. אַזוי האָט אָבגעברענט דער גאַנצער קוואַרטאַל, עטליכע הונדערט הייזער. דעם שאָדען שאַצט מען אין עטליכע צעהנדליג מיליאָן קראָן. אומגעקומען זענען זעקס מענשען, פינף יודען און איינע אַ קריסטען, אַ לעהרערין. כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס דער ווירט פון האָטעל, וועמענס טאָכטער עס האָט כלומר׳שט געשאָסען אויף די קאָזאַקען, איז בשעת דעם אַריינטריט פון רוסישען מיליטער געזעסען אין טורמע, ווי אַ פערדעכטיגער אין סימפּאַטיע צו די רוסען. בעפרייט האָט איהם דאָס רוסישע מיליטער.

אַ יודישער פוהרמאַן, מיט וועלכען איך בין געפאָהרען פון בראָד אויף עטליכע שעה קיין ראַדזיווילאָוו און צוריק, האָט מיר דערצעהלט וועגען זיינע איינדרוקען פון די געשעהענישען.

—דעם 14-טען אויגוסט (נייעם סטיל), אַ זייגער זעקס אינדערפריה, האָט זיך מיט אַמאָל דערהערט אַ נאָהנטע קאַנאָנענשיסעריי. מיר האָבען נישט געוואוסט, וואָס דאָס בעדייט, ווייל מיר האָבען זיך נישט געריכט די רוסען זאָלען אַזוי גיך און

גרינג אַריינקומען צו אונז. אונזער היל איז געזיילט אָבגעטראָטען פון שטאָדט. אין אַ שעה צוויי אַרום, האַלב ניין, איז געקומען צו רייטען אַ קאָזאַק, געשווינד דורכגעריטען די שטאָדט, האָט זיך נאָר אָבגעשטעלט און געפרעגט, וואו געפינט זיך די פּאָסט און גלייך אומגעקעהרט זיך צוריק. נאָכדעם איז אָנגעקומען אַ מחנה קאָזאַקען און באַלד האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקע שיסעריי, וואָס האָט געדויערט דרייפירטעל שעה. איך מיט מיין געזינד האָבען זיך בעהאַלטען אין אַ קעלער. אַנדערע האָבען זיך בעהאַלטען, וואו מען האָט נאָר געקאָנט. קיינער האָט נישט געוואַגט אַרויסצוקוקען אויפ'ן גאַס. אַז עס איז שטיל געוואָרען, האָט מען גענומען אַרויסקריכען פון די בעהעלטענישען. פון די קאָזאַקען איז קיין שפור נישט געווען. אין די גאַסען האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט. וועמען מען האָט נישט געפרעגט, האָט קיינער נישט געוואוסט, וואָס אַזוינס איז פאָרגעקומען. אַרום האַלב עלף האָט זיך דערהערט אַ שאָס פון אַ קאַנאָן, באַלד נאָך איהם—אַ צווייטער. דער גראַנאַט האָט געטראָפען אין פראָגער באַנק, חרוב געמאַכט דאָס הויז, נאָר קיינעם נישט גע'הרג'עט. אין שטאָדט איז ווידער געוואָרען אַ מהומה, מען האָט ווידער גענומען בעהאַלטען זיך, איך מיט דעם געזינד זענען אַנטלאָפען אויפ'ן בית-עולם. מיט אַמאָל קומען אָן עטליכע קאָזאַקען. מיר זענען געוואָרען טויטע פון שרעק, געמיינט אַז גלייך הרג'ענען זיי אונז. נאָר זיי האָבען אונז נישט אָנגעריהרט, מעהר נישט, געבעטען וואַסער צום טרינקען. אַז מען האָט זיי דערלאַנגט וואַסער, האָבען זיי געהייסען אַז עמיצער פון אונז זאָל פריהער אַ ביסעל אָבטרינקען, כדי צו איבערצייגען זיך, אַז דאָס וואַסער איז נישט פער'סמ'ט. נאָכדעם זענען זיי אַוועקגעפאָהרען. אין שטאָדט איז געוואָרען שטיל און אַ גאַנצע וואָך האָט מען קיין רוסישען סאָלדאַט אָדער קאָזאַק אין די אויגען נישט געזעהן. ערשט אין אַ וואָך אַרום איז אָנגעקומען אַ מחנה קאָזאַקען, האָבען זיך אָבגעשטעלט אין עק שטאָדט, אַראָבגעשטיגען פון די פערד, און, נישט זאָגענדיג קיין בייז וואָרט, האָבען זיי מיט די פּיקעס גענומען עטוואָס אַריינוואַרפען דורך די פענסטער אין

די הייזער. און ווי נאָר זיי פלעגען אַריינוואַרפען, פלעגט זיך באַלד דאָס הויז אָנצינדען. זיי האָבען ערלויבט נאָר אַרויסגעהן פון די הייזער ווי מען שטעהט און געהט, נאָר נישט אַרויס-טראָגען. אַזוי האָבען זיי אונטערגעצונדען אַ הויז נאָך אַ הויז. און אין דער צייט, וואָס איינינע האָבען געצונדען, האָבען די איבריגע גערױבט. אויפגעבראָכען די קראָמען, געגאַנגען אין די וואוינונגען און אַלץ דאָרט צוגענומען. ערשט ווען דער קוואַר-טאַל האָט אינגאַנצען אָבגעברענט, האָבען זיך די קאָזאַקען בע-רוהיגט און עס איז שטיל געוואָרען אין שטאָדט. בערך מיט אַ חודש שפעטער האָט אַ רוסישער סאָלדאַט זיך אַריינגעקליבען אין אַ גאָרטען און גענומען רייסען עפעל. די דינסט האָט אויף איהם אָנגעהויבען שרייען און אַ וואָרף געטהון אין איהם מיט אַ שיי-טעל האָלץ. ער איז אַנטלאָפען און אין אַ ווײַלע אַרום אומגע-קעהרט זיך מיט נאָך עטליכע סאָלדאַטען און האָבען אונטערגע-צונדען דאָס הויז.

אין בראָד האָב איך געהערט נאָך אַ נוסח פון דער גע-שיכטע מיט'ן שיסען אין די קאָזאַקען.

אַריינגעקומען אין שטאָדט, האָבען די קאָזאַקען בעגעגענט אַ קריסטליכע פריילין, אַ רוטענערין, וועלכע איז געגאַנגען אין דער בעגלייטונג פון אַ פאָליאַק. איינער פון די קאָזאַקען איז צוגעשטאַנען צו דער פריילין. זי איז אַנטלאָפען. האָט ער זיך געלאָזט יאָגען נאָך איהר, האָט דער פאָליאַק אויסגעשאָסען און גע'הרג'עט איהם. פון דעם האָט זיך אָנגעהויבען די מהומה.

אין אַלגעמיין איז דאָ אַ גרונד צו רעכענען, אַז די גאַנ-צע מעשה מיט'ן גע'הרג'עטען קאָזאַקען-אָפיציר, אָדער פראָסטען קאָזאַק, איז נישט מעהר, ווי אַ לעגענדע, וועלכע מען האָט פער-שפרייט, כדי צו בערעכטיגען דעם פאָגראָם און די אונטערצינ-דונג פון דער שטאָדט. ד״ר העלמאַן, מיט וועלכען איך האָב זיך מיט אַ פאָר וואָכען שפעטער געטראָפען אין טאַרנאָוו, האָט מיר דערצעהלט אַז ער איז געווען מיליטער-אַרצט אין זעלבען קאָ-זאַקען-פאָלק, וועלכער איז צום ערשטען אַריינגעטראָטען אין בראָד. ווען דעמאָלט וואָלט גע'הרג'עט אָדער פערוואונדעט גע-

וואָרען אַנ׳אָפיציר אָדער אַ פּראָסטער קאָזאַק, וואָלט ער געוויס וועגען דעם געוואוסט, און ער האָט וועגען דעם נישט געהערט.

## ד

די טייל שטאָדט, וואָס איז גאַנץ געבליבען פון דער שרפה, מיט איהר אַלטען מאַרק, האָט אויף מיר געמאַכֿט אַנ׳איינדרוק פון פעראָרימטקייט און נידערגעשלאָגענקייט. פיל קראָמען, די גרעסערע און רייכֿערע, זענען געווען געשלאָסען אָדער פערשלאָגען מיט ברעטער. דאָס זענען געווען אָדער פּאָגראָמירטע צורויבטע געשעפטען, אָדער אַזעלכֿע, וואָס זייערע ווירטען זענען בעצייטענס אַנטלאָפען פון די רוסען. אין די אָפענע קרעמלעך און ביי די טישלעך איז, נישט קוקענדיג אויף דער פריהער שעה, געגאַנגען אַ לעבהאַפטער האַנדעל, כמעט אויסשליסליך מיט רוסישע סאָלדאַטען, וועלכֿע האָבען פערפולט דעם גאַנצען מאַרק. דער האַנדעל איז געווען הויפטזעכֿליך מיט עסענוואַרג און ביליגע סחורות פון ערשטען געברויך.

ווי נאָר איך מיט מיין מיטרייזער האָבען זיך בעוויזען אויפ׳ן מאַרק, האָט אונז אַרומגערינגעלט אַ גאַנצע מחנה אָרימע קינדער, אָבגעריסענע און אויסגעהונגערטע און אָנגעהויבען בעטען אַ „קאָפּייעטשקאַ”. מעהרסטענטייל קינדער זענען געווען קריסטליכֿע, נאָר דריי-פיר זענען געווען יודישע. טיילענדיג זיי צו עטליכֿע קאָפּיקעס, האָב איך נישט געמאַכֿט קיין אונטערשיד צווישען די אָרימע קינדער. אָבער ווי נאָר איך האָב געגעבען אַ מטבעה אַ יודישען יונגעל, האָבען אַלע קריסטליכֿע קינדער אָנגעהויבען שרייען צו מיר:

—גיט איהם נישט! גיט איהם נישט! דאָס איז אַ זשיד!

צו די אָרימע קינדער איז צוגעקומען אויך אַ דערוואַקסענע בעטלערין, זעהר אַ טשיקאַווע פּאַרשוין. דאָס איז געווען אַ יודישע פרוי פון אַ יאָהר זעכֿציג. אין אַ רויטען קליידעל מיט צופּודעלטע גרויע האָר און מיט נערויעזע בעוועגונגען. זי האָט

זיך געשטעלט מיר אַנטקעגען מיט אַ שמייכלענדיגען פּנים, האָט מיט הונגעריגע בייזע אויגען אַריינגעקוקט מיר אין געזיכט און, אונטערטאַנצענדיג, האָט זי אָנגעהויבען מיט אַ הייזעריגען קול, אין אַ צוקאַלעטשעטען רוסיש, זינגען אַ לידעל „פּטיטשקאַ קאַנאַרייקאַ", אַ סענטימענטאַל לידעלע וועגען אַ פייגעלע, דורך וועלכען אַ יונגערמאַן שיקט אַ גרוס זיין געליבטער. דער סקריפּענדיגער קול און דער משונה'דיגער אויסזיכט פון דער אַלטער בעטלערין האָט אויף מיר געמאַכט אַ שרעקליכען איינדרוק. איך האָב איהר געגעבען אַ נדבה און געאיילט אַוועקצוגעהן. נאָר זי איז מיר פערלאָפען דעם וועג, געשטעלט זיך מיר אַנטקעגען, אַריינגעקוקט מיר אין די אויגען און נישט אויפגעהערט צו זינגען איהר שרעקליך לידעל. זי האָט אפּנים ערוואַרט, איך זאָל זיין איבעראַשט פון איהר זינגען אין רוסיש. אַ גאַנצען טאָג האָט מיך פערפאָלגט ווי אַ קאָשמאַר דער אויסזיכט און דאָס לידעל פון דער בעטלערין.

אין שטאָדט האָט זיך געפונען איין האָטעל, וואו מיר האָבען געפונען אַ היבשען צימער. ביים האָטעל איז געווען אַ קאַפע-הויז. ווען איך בין אַריין אין קאַפע, האָב איך דאָרט געפונען אַ היבשען עולם יונגעלייט, וואָס האָבען געשפּילט ביליאַרד. מיך האָט איבעראַשט, וואָס צווישען די ביליאַרדען-שפּילער זענען געווען רוסישע אָפיצירען, וועלכע האָבען געשפּילט מיט די יודישע יונגעלייט און בעצויגען זיך צו זיי זעהר פריינדליך, ווי צו אייגענע מענשען.

אין ראַדזיווילאָוו האָט מען מיר אָנגעוויזען ווי אויף אַ מענשען, וואָס קאָן מיר געבען ידיעות וועגען דער לאַגע פון דער יודישער בעפעלקערונג, אויף דעם אָרטיגען ד"ר קאַלאַק. איך בין אַוועק צו איהם.

ביים ד"ר קאַלאַק האָב איך בעגעגענט נישט זעהר אַ פריינדליכען אויפנאַהם. ווען איך האָב זיך איהם פאָרגעשטעלט און געזאָגט מיט וועלכע צוועקען איך בין געקומען קיין גאַליציע, האָט ער זיך בעצויגען צו מיר גאַנץ פערדעכטיג.

ער האָט אָנגענומען מיינע שליפען פאַר אָפיצירישע און,

וויסענדיג אַז אַ יוד קאָן אין רוסלאַנד קיין אָפיציר נישט זיין, האָט ער מיר געמאַכט אַ גאַנצען „דאָכּראָס” און בשום אופן נישט געוואָלט גלויבען, אַז אַ יוד קאָן זיין אַ בעפולמעכטיגטער פון אַ געזעלשאַפטליכער אָרגאַניזאַציע. סוף כל סוף האָט זיך מיר איינגעגעבן צו בערוהיגען איהם און איבערצייגען, אַז איך בין נישט קיין גע׳שמד׳טער. דעמאָלט האָט ער מיך בעקאַנט מיט זיין פרוי און זיי האָבען מיר דערצעהלט, וואָס זיי האָבען דאָ איבערגעלעבט פאַר די עטליכע חדשים. זייער ערצעהלונג וועגען דער שרפה האָב איך געבראַכט אין פאָריגען קאַפּיטעל, ווייטער האָבען זיי מיר דערצעהלט וואָס פאַר אַ לאַגע עס האָט זיך געשאַפען אין שטאָדט ביי דעם אָנקומען פון די רוסען. דער מאַגיסטראַט איז געוואָרען פונאַנדערגעלאָזען. די מיליטערישע מאַכט האָט ערקלערט, אַז זי וועט ערלויבען אויסוועהלען אַ נייעם מאַגיסטראַט פון פערזאָנען, וועלכע זענען נישט פערדעכטיג פאַר דער רוסישער מאַכט. עס האָט זיך געפונען אַ קצב אַ שכור, וועלכער האָט זיך ערקלערט ווי אַ „רוסאָפיל” און האָט גענומען אויף זיך, צו אָרגאַניזירען די וואַהלען פון אַ נייעם מאַגיסטראַט. נישט מאַכענדיג קיין שום מעלדונגען, האָט ער צונויפגערופען זיינע פריינד און בעקאַנטע און אָהן שום וואַהלען בעשטימט זיי אַלס מיטגלידער פון מאַגיסטראַט. און אָט דער נייער מאַגיסטראַט האָט אָנגעהויבען בעל-הבתעווען אין שטאָדט, אַז עס איז געווען אונערטרעגליך.

די מיליטערישע מאַכט שטעהט נישט אָב פון דעם מאַגיסטראַט. קיין עפענטליכע פּאָגראָמען, ווי אין אָנפאַנג, קומען נישט פאָר, נאָר אין דער שטיל געהט אַנ׳אונענדליכער פּאָגראָם. אַזוי ווי דער בעפעלקערונג איז פערבאָטען אַרויסצוגעהן פון די הייזער שפּעטער ווי ניין אַ זייגער, בלייבט אין דעם משך פון אַ גאַנצער נאַכט די שטאָדט מיט אַלע קראָמען אונטערן איפזיכט פון די מיליטער-פּאַטרולען. כמעט יעדע נאַכט ברעכען-אויף די פּאַטרולען איינע אָדער עטליכע פון די בעסטע קראָמען, איבערהויפּט פון יענע, וועלכע שטעהען די גאַנצע צייט געשלאָסען, ווייל זייערע בעלי-הבתים זענען אָבגעפאָהרען, פיהרען אַרויס און

פערקויפען ספעציעלע הענדלער די גאַנצע סחורה פון דאָרט. אויף אַזאַ אופן זענען אויסגעליידיגט געוואָרען צעהנדליגער קראָמען אויף אַ סומע פון פיל מיליאָנען.

די יודישע בעפעלקערונג שטעהט-אויס די שווערסטע רדיפות פון דער מיליטערישער מאַכט. אַלע יודען, וואָס האָבען פערנומען וועלכע-עס-איז שטעלעס אין יענע אָפיציעלע אַנשטאַלטען, וואָס זענען פערבליבען ביים אַריינטריט פון די רוסען, ווי למשל: די פּאָסט, די אייזענבאַהן, דער געריכט א. אַ. וו., זענען גלייך בעזייטיגט געוואָרען. יעדען טאָג רעקוויזירט מען פריוואַטע וואוינונגען און יודישע געזעלשאַפטליכע אַנשטאַלטען. מען וואַרפט אַרויס אויפ׳ן גאַס די איינוואוינער און מען פערנעהמט די געביידעס פאַר מיליטערישע הצטרכות. אַזוי האָט מען די לעצטע טעג רעקוויזירט דעם מושב-זקנים און פשוט אויפ׳ן גאַס אַרויסגעוואָרפען ביי פערציג אַלטע לייט, וועלכע האָבען זיך דאָרט אויפגעהאַלטען. אַ כאַראַקטעריסטישער פאַקט: ביי בראָד געפינט זיך אַ גרויסער פאָלוואַרק מיט פיל גוט איינגעאָרדענטע קוואַרטירען, וועלכע וואָלטען זיין זעהר צוגעפאַסט פאַר מיליטערישע אַנשטאַלטען. דער פאָלוואַרק געהערט אַ רייכען דייטשען שמיד, וועלכער איז מיט אַ גאַנצען שטאַט אָנגעשטעלטע אָבגעפאָהרען ביים אָנפאַנג קריג, קיין עסטרייך. דער פאָלוואַרק איז פאָלקאָם פוסט, נאָר די מיליטערישע מאַכט פערנעהמט איהם נישט. איין שטאַב האָט זיך געפרובט איהם פערנעהמען, נאָר עס האָט זיך באַלד בעקומען אַ שטרענגער בעפעהל אָבצודייניגען איהם. ווייזט אויס, דער שמיד האָט אַ גרויסע פראָטעקציע אין די העכערע ספערען.

איך האָב פונאַנדערגעפרעגט דעם ד״ר קאַלאַק וועגען דער לאַגע פון דער יודישער בעפעלקערונג און האָב איהם איבערגעלאָזען דרייהונדערט רובל אויף די ערשטע הצטרכות.

אין בראָד בין איך געקומען פרייטאָג און פערבליבען איבער שבת. איך האָב בעזוכט די אַלטע בראָדער שוהל, וועלכע האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין אַמאָליגען יודישען קולטורלעבען. דאָ זענען געזעסען די „חכמי-הקלויז״, די העכערע

פאָרשטעהער פון דער יודישער אינטעליגענץ פון יענער צייט, ר׳ יחזקאל לאַנדא, ר׳ מאיר מארגליות און אַנדערע. דאָ האָט זיך קאָנצענטרירט דער קאַמף קעגען דער חסידישער בעוועגונג. אַהער איז געפאָהרען ר׳ גרשון קיטעווער צו פערטיידיגען דעם בעל-שם, בעת מען האָט זיך געקליבען אַריינלעגען איהם אין חרם. אַ גאַנצע עפּאָכע פון יוּדישען לעבען איז צוזאַמענגעבונ-דען מיט בראָד און מיט איהר קלויז. די שוהל איז אַנ׳אַלטע און אינעווייניג זעהר אַ הערליכע. די גבאים פון שוהל האָבען מיר בעוויזען פיל אַלטע, זילבערנע אַנטיקען, כתר׳ס, מנורות, לייכטער פון 16—17-טען יאָהרהונדערט, ווי אויך טייערע פרוכת׳ן.

ווען איך האָב אויפגעוויזען די גבאים, אַז ביי איצטיגער צייט איז געפעהרליך צו האַלטען דאָ אין שוהל אַזעלכע טייערע חפצים, האָבען זיי מיר געענטפערט מיט אַ שמייכעל:

—זאָרגט נישט! מיר בעהאַלטען די חפצים אין אַזאַ אָרט, וואו קיינער וועט זיי נישט געפונען.

האָט זיך איינגעגעבען צו בעהאַלטען די אַלע זעלטענע אַנ-טיקען פון יודישען אַלטערטום בעת די צעהנדליגער פּאָגראָמען, וואָס זענען פאָרגעקומען אין בראָד ביז דער לעצטער צייט! דאָס איז מיר אונבעוואוסט.

ביים אַרויסגעהן פון שוהל האָב איך זיך אָנגעשטויסען אויף אַזאַ סצענע: אַנ׳אַלט אויסגעמאָגערט פערדעל האָט קוים גע-שלעפּט אַ גרויסען וואָגען, אַ הויך אָנגעפּאַקטען מיט אַלעריי אָרימע הויז-חפצים: בעטגעוואַנד, אַלטע, צובראָכענע מעבעל, גע-שיר. נאָכ׳ן וואָגען זענען נאָכגעגאַנגען, אַנ׳אַלטער יוד מיט אַ יודענע און אונטערגעשטופּט דעם וואָגען מיט אַלע כחות. דאָס האָט זיך אַרויסגעפיהרט פון זיין וואוינונג אַ יוד, וועלכען מען האָט אין פיראונצוואַנציג שעה אַרויסגעטריבען פון זיין דירה. די אַרויסגעהענדיגע יודען פון שוהל האָבען מיט אַ טיפען טרויער אָנגעקוקט די אונגעוועהנליכע סצענע, ווי אַ יוד קלייבט זיך אום שבת אַריבער פון זיין דירה. אָבער איך האָב ביי קיינעם אין די בליקען נישט געפונען דעם אויסדרוק פון אַ פאָרוואורף דעם אָרימען יוד, פאַר דעם חלול שבת בפרהסיא.

מיר איז אויסגעקומען צו פערבלייבען אין בראָד עטליכע טעג, ווייל עס איז געווען נויטיג איבערצולאָדען די מעדיקאַמענטען, וועלכע איך האָב געבראַכט, אין אַנדערע אָרטיגע וואַגאָנעס. די עסטרייכישע אייזענבאַהן-ליניע איז שמעלער ווי די רוסישע און אויף איהר קאָנען קיין רוסישע וואַגאָנעס נישט געהן. פאַר די זעקס חדשים, זינט די רוסען זענען אַריין אין גאַליציע, האָט מען בעוויזען איבערצומאַכען די עסטרייכישע ליניע אויף ברייטער, בלויז אויף אַ שטח פון צעהן-פופצעהן וויאָרסט פון גרענעץ. אויף אַזאַ אופן האָט מען געמוזט אַלע טראַנספּאָרטען און סאָלדאַטען-עשאַלאָנען, וועלכע זענען געגאַנגען אין אַ גרויסער צאָהל פון רוסלאַנד קיין גאַליציע און צוריק, איבערפּאַקען און אַריבערזעצען יעדען מאָל ביי בראָד אין אַנדערע וואַגאָנען. מען קאָן זיך פאָרשטעלען, אויף וויפיל דאָס האָט געשטערט דער נאָרמאַלער בעוועגונג.

האָבענדיג צו טהון מיט די וואַגאָנעס אויפ׳ן באַהן-הויף, האָב איך זיך דאָרט בעקענט מיט צוויי יודישע דאָקטוירים, וועלכע האָבען געאַרבייט אין די גרויסע לאַזאַרעט-באַראַקען, וואָס האָבען זיך געפונען ביים וואָקזאַל. די דאָקטוירים האָבען מיר דערצעהלט, אַז דורך זייער פונקט זענען דורכגעגאַנגען הונדערטער טויזענדער פערוואונדעטע. איצט קומען אויך אָן יעדען טאָג טויזענדער סאָלדאַטען פון דעם קאַרפּאַטען-פראָנט. צווישען זיי זענען דאָ מעהר מיט אָבגעפרוירענע הענד און פיס, ווי פערוואונדעטע.

די דאָקטוירים, ווי דער גרעסטער טייל אַנדערע יודישע דאָקטוירים, וואָס האָבען געאַרבייט אויפ׳ן פראָנט, האָבען זיך וועניג אינטערעסירט מיט דער לאַגע פון דער אָרטיגער יודישער בעפעלקערונג און האָבען מיר נישט געקאָנט געבען קיין שום קאָנקרעטע ידיעות וועגען די פערפאָלגונגען, וואָס די יודען שטעהען אויס. דערפאַר האָבען זיי מיר דערצעהלט וועגען די צרות, וואָס די אָרטיגע פויערים שטעהען אויס פון די רוסישע גלחים. ווי נאָר די רוסען האָבען פערנומען אַ טייל גאַליציע, זענען אָנגעפאָהרען גאַנצע מחנות גלחים אונטער דער אָנפיהרונג פון

בעוואוסטען שוואַרץ-מאה׳דיגען אַרכימאַנדריט יעוולאָגי. די שוואַרצע מחנה האָט זיך גענומען ווירקען אויף די רוטענישע פויערים, וועלכע געהערען צו דער אוניאַטישער קירכע, זיי זאָלען זיך אומקעהרען צוריק אין פּראַוואָסלאַוויע. די ווירקונג איז געווען נישט נאָר מיט ווערטער נאָר אויך מיט מעשים. מען האָט געדראָהט ביי די האַרטנעקיגע אָבצונעהמען די ערד און איבערגעוואַלד צונעהמען ביי זיי די קינדער, כדי אַריינצוברענגען זיי אין פּראַוואָסלאַווענעם גלויבען. מען האָט עס נישט אויסגעפיהרט, נאָר די בעפעלקערונג איז געוואָרען שטאַרק טעראָריזירט און פיל פויערים זענען געגען זייער ווילען אַריבער אין פּראַוואָסלאַוויע. איינער פון די דאָקטוירים האָט מיר דערצעהלט, אַז די ווירטין, וואו ער קוואַרטירט, אַ רוטענערין, האָט די טעג פערשפּאַרט זיך אין הויז און קיינעם נישט אַריינגעלאָזען. עס האָט זיך פערשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דעם טאָג וועט מען ביי די אוניאַטען אָבנעהמען די קינדער. זי האָט בעשטימט בעסער אומקומען פער-שפּאַרטערהייד פון הונגער, איידער געבען די קינדער, מען זאָל זיי אָב׳שמד׳ען אין פּראַוואָסלאַוויע.

## ט

פון בראָד קיין לעמבערג בין איך געפאָהרען מיט דעם עקסטרע צוג, וועלכער האָט דאָרט קורסירט טעגליך און געווען בעזאָרגט מיט אַלע בעקוועמליכקייטען. די נסיעה אַהין האָט געדויערט אָנדערטהאַלבען שעה. אויפ׳ן וועג קיין לעמבערג איז נישט געווען צו בעמערקען קיין שום שפורען פון מלחמה. די אָפיצירען, וועלכע זענען מיט מיר צוזאַמען געפאָהרען, האָבען, אָנקוקענדיג די בערג, וועלכע געפינען זיך ביים צוטריט צו לעמבערג, שטאַרק געוואונדערט זיך, ווי אַזוי די עסטרייכער האָבען פערלאָזט די שטאָדט כמעט אָהן אַ ווידערשטאַנד.

לעמבערג האָט אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק פון אַן עלעגאַנטער, קולטורעלער, אייראָפּעאישער שטאָדט. אין איניגע

אופנים האָט זי מיר דערמאָהנט קיעוו. אויף יעדען טריט טרעפען זיך אַלטע היסטאָרישע געביידעס פון פוילישע הערשאַפט. מען קאָן זאָגען, אַז די שטאָדט איז אינגאַנצען דורכגעדרונגען מיט פוילישער קולטור. דער גרעסטער און הערליכסטער בנין אין שטאָדט איז געווען דער וואָקזאַל, איינער פון די שענסטע אין גאַנץ אייראָפּא. אָבטרעטענדיג פון לעמבערג האָבען די רוסען איהם אויפגעריסען און אינגאַנצען חרוב געמאַכט.

אין שטאָדט איז נישט געווען צו בעמערקען קיין שום שפורען פון מלחמה: קיין צושטערטע אָדער פערברענטע הייזער. די שטאָדט איז געווען שטאַרק בעלעבט, אין די גאַסען איז גע-ווען אַ גרויסע בעוועגונג פון פוסגעהער, אויטאָמאָבילען און פוה-רען, נאָר דערהויפּט פובליקום איז בעשטאַנען פון רוסישע מי-ליטערלייט. אין צענטער שטאָדט זענען געווען אָפען אַלע קראָ-מען און עס האָבען זיך געוואָרפען אין די אויגען פיל קראָ-מען מיט לוקסוס-הפצים, גאָלד און בריליאַנטען. ווי מען האָט מיר שפּעטער איבערגעגעבען, האָבען אין לעמבערג די הענדלער געמאַכט זעהר גוטע געשעפטען מיט די רוסען.

אין קיעוו האָט מען מיר אָנגעוויזען, אַז אין לעמבערג זאָל איך זיך בעקענען מיט דעם אַדוואָקאַט דיאַמאַנט און דעם ראַבינער ד״ר הויזנער, וועלכע בעשעפטיגען זיך מיט דער אָר-גאַניזירונג פון הילף פאַר דער אָרטיגער בעפעלקערונג.

איך בין אַוועק צום אַדוואָקאַט, ד״ר יעקב דיאַמאַנט. מיין אַריינקומען האָט אַרויסגערופען אַ שטאַרקען טומעל אין הויז. ד״ר דיאַמאַנט איז געווען פאַר צייט דריי מאָל אַרעסטירט. צום לעצטען מאָל איז ער געווען גענומען צוזאַמען מיט דריי-סיג אַנדערע ערוב׳ניקעס, צווישען וועלכע עס זענען געווען יו-דען און קריסטען. די קריסטען האָט מען אויפ׳ן צווייטען טאָג בעפרייט. די יודען זענען געזעסען עטליכע וואָכען און בלויז מיט עטליכע טעג צוריק בעפרייט געוואָרען. קיין חדוש נישט, אַז דערהערענדיג, דאָס אַ רוסישער אָפיציר וויל מיט איהם ריידען, האָט ה׳ דיאַמאַנט אַ טראַכט געטהון, אַז מען איז געקומען איהם ווידער אַרעסטירען.

ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, איז ה׳ דיאַמאַנט אַ פער־ביסענער אַסימילאַטאָר און אַ פייערדיגער עסטרייכישער פּאַטריאָט. איך האָב פון דער ערשטער מינוט אָן דערפיהלט אַ קאַלטקייט, כּמעט אַ פיינדליכקייט, אין זיין בעציהונג צו מיר ווי צו אַ ביר־גער פון רוסלאַנד, נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס ער האָט גוט געוואוסט, אַז איך בין ווייט פון אַ וועלכען-עס-איז שאָוויניזם און אינטערעסיר זיך אויסשליסליך נאָר מיט דער לאַגע פון דער יו־דישער בעפעלקערונג. איבעריגענס איז ער, ווי אַ קולטורעלער מענש, געווען זעהר העפליך מיט מיר און אויסגעדריקט זיין גרייטקייט בעהילפיג זיין אין אַלץ, וואָס וועט מיר נויטיג זיין.

ער האָט מיר מיטגעטיילט, אַז דאָ איז עטליכע מאָל גע־ווען ד״ר לאַנדער פון פעטערבורג און פאָרגעלעגט אָרגאַניזירען אַ הילפס-קאָמיטעט פאַר דער נויטבעדערפטיגער יודישער בעפעל־קערונג אין לעמבערג און, אויף וויפיל עס איז מעגליך, אויך פאַר אַנדערע ערטער פון גאַליציע. ד״ר לאַנדער האָט דערוויייל איבערגעלאָזען אַ געוויסע סומע געלד אויף הילפס-צוועקען. מיט עטליכע וואָכען צוריק איז דאָ געווען דער בעוואוסטער פעטער־בורגער עסקן דוד פיינבערג, וועלכער האָט געהאַט אַן אוידיענץ ביים גענעראַל-גובערנאַטאָר פון גאַליציע, גראַף באָברינסקי, און האָט ביי איהם אויסגע׳פּועל׳ט אַנ׳ערלויבעניש צו אָרגאַניזירען אַ יודישען קאָמיטעט.

—איך רעכען דעם גאַנצען אויפטהו וועגען אַ הילפס-קאָ־מיטעט פאַר אַבסאָלוט איבעריג און אפילו שעדליך,—האָט מיר געזאָגט ה׳ דיאַמאַנט.—די הילפס-אַקציע קאָן גוט געפיהרט ווע־רען דורך דער גמינע-פערוואַלטונג, וועלכע האָט שוין פריהער אָרגאַניזירט הילף פאַר דער בעפעלקערונג. איהר דאַרפט פער־שטעהן, אַז אָרגאַניזירען אַ רוסישען קאָמיטעט מיט דער אָפיציע־לער בעשטעטיגונג פון דער רוסישער מאַכט, איז פאַר אונז אונ־מעגליך. מיר זענען געווען און מיר פערבלייבען עסטרייכישע בירגער. מיר זענען טריי אונזער פאָטערלאַנד און אונזער גנע־דיגען קעניג, וועלכען מיר, יודען, האָבען איבערהויפּט זעהר פיל צו פערדאַנקען. ווען מיר וואָלטען אָנעהמען דעם פּאָרשלאַג

צו גרינדען אַ רוסיש-יודישען קאָמיטעט און דערביי אַריינטרע-טען אין אָפיציעלע בעציהונגען מיט דער רוסישער מאַכט, וואָלט עס פון אונזער צד זיין אין יעדען פאַל אַ טיפע אונדאַנקבאַר-קייט, אויב נישט קיין פעראַט, געגען אונזער רעגירונג.

איך האָב אויפגעוויזען דיאַמאַנט׳ן, אַז נאָך מיין מיינונג איז דאָ נישטאָ קיין שום אונדאַנקבאַרקייט בנוגע צו עסטרייך. דער הילפס-קאָמיטעט האָט אבסאָלוט נישט צו טהון מיט פּאָלי-טיק און האָט נאָר דעם ציל צו העלפען דער רואינירטער יודי-שער בעפעלקערונג, וועלכע וועט אָהן אַזאַ הילף זעהר פיל ליי-דען. פערביייטען דעם קאָמיטעט מיט דער גמינע-פערוואַלטונג איז אַן׳אונמעגליכע זאַך. ביי דער פערדעכטיגער בעציהונג פון דער רוסישער רעגירונג צו יודען און ביי די בלבולים, וואָס ווע-רען אויף זיי געמאַכט, קאָן דער פּעטערבורגער יודישער הילפס-קאָמיטעט בשום אופן נישט אַרויסגעבען געלד, איבערהויפּט נאָך גרויסע סומען, אויפ׳ן פּריוואַטען שטייגער אַ יודישער גמינע, וועלכע בעשטעהט פון אונטערטאַנען פון פיינדליכען לאַנד. דאָס וואָלט געוויס אַרויסגערופען דעם חשד, אַז יודען גיבען גרויסע סומען געלד דער פיינדליכער מאַכט, וועגען וואָס מען האָט שוין גערעדט און אין וואָס מען האָט שוין בעשולדיגט יודען. גענוג מיה האָט געקאָסט, ביז מען האָט איבערצייגט די פאָרשטעהער פון דער רוסישער מאַכט, אַז אין דעם גרינדען פון אַ הילפס-קאָמיטעט פאַר דער בעפעלקערונג אין דעם בעזיגטען קאַנט, איז נישטאָ קיין שום פעראַט קעגען רוסלאַנד.

—דאָס אַלץ האָב איך געהערט פון ה׳ פיינבערג,—האָט מיר געענטפערט ה׳ דיאַמאַנט.—ראַבינער הויזנער איז אינגאַנצען איינשטימיג מיט פיינבערג׳ן און זיי האָבען איבערגעצויגען אויף זייער זייט אויך אַנדערע, אָרטיגע יודישע כלל-טהוער. ענדליך, האָב איך נישט דאַגעגען, אַז אַזאַ קאָמיטעט זאָל אָרגאַניזירט ווערען. אָבער פיינבערג, ווי אויך די אָרטיגע כלל-טהוער, פאָדערן נישט אַנדערש, איך זאָל זיין דער פאָרזיצענדער פון דעם קאָמיטעט און זאָל געהן זיך פאָרשטעלען צו באָברינסקי׳ן. און דאָס וויל

איך בשום אופן נישט. איך קאָן עס פשוט נישט, ווי אַנ׳עסטרייכישער פּאַטריאָט.

פון דיאַמאַנט׳ן בין איך אַוועק צום ראַבינער ד״ר הויזנער. איך האָב איהם געטראָפען אין דער גמינע-פערוואַלטונג. די לעמבערגער גמינע האָט איהר אייגען הויז, אַ היבשער מויער. אין זאַל, וואו איך האָב זיך בעגעגענט מיט הויזנער׳ן, איז געבליבען הענגען אויפ׳ן וואנד אַ פּאָרטרעט פון פראַנץ-יאָזעף אין נאַטירליכער גרויס. די רוסישע מאַכט האָט נישט געפאָדערט מען זאָל איהם אַראָבנעהמען, כאָטש אין אַנדערע אָפיציעלע אַנשטאַלטען זענען פראַנץ-יאָזעפ׳ס פּאָרטרעטען געווען אַראָבגענומען.

אין געגענטייל פון ה׳ דיאַמאַנט, האָט ראַבינער ד״ר הויזנער זיך אַרויסגעוויזען אַלס אַ ציוניסט און הייסער נאַציאָנאַליסט. עס פערשטעהט זיך, אַז ער האָט זיך גאַנץ אַנדערש בעצויגען צו דער הילפס-פראַגע.

—מיר האָבען שוין בעצייטענס געוואוסט, מיט וואָס פאַר אַנ׳אכזריות דאָס רוסישע מיליטער בעגעהט זיך מיט דער יודישער בעפעלקערונג אין אונזער לאַנד און ווער עס האָט נאָר געקאָנט, איז אַנטלאָפען, פערלאָזענדיג אויף הפקר דאָס גאַנצע האָב און גוטס. מען האָט מיך אויך שטאַרק צוגערעדט אָבצופאָהרען פון דאַנען. עס איז אפשר מיין חוב געווען צוליב דער פרוי מיט די קינדער צו אַנטלויפען פון דאַנען, נאָר נאָך אַ לאַנגען ישוב-הדעת האָב איך זיך געזאָגט, אַז מיין פליכט איז צו פערבלייבען דאָ צוליב דער אָרימער אונבעהאָלפענער בעפעלקערונג און איך בין געבליבען. פאַר די עטליכע חדשים בין איך אויסגעשטאַנען גענוג צרות. געוויס וועל איך אויסשטעהן נאָך מעהר. איך בין זיכער, אַז מען וועט מיך נעהמען פאַר אַ זאַקלאַדניק און עס קאָן זיך גרינג מאַכען, מען זאָל מיך שיסען אָדער הענגען. נאָר איך האָב קיין חרטה נישט, וואָס איך בין פערבליבען: עס איז דאָ גענוג וואָס צו טהון פאַר דער יודישער בעפעלקערונג. איך בין אַנ׳אויסגעשפּראָכענער עסטרייכישער פּאַטריאָט, איך האָב עס אָפען אַרויסגעזאָגט דעם גראַף באָברינסקי. באַ מיר איז פרעמד דער שטאַנדפונקט פון ה׳ דיאַמאַנט: אוני-

זערע ברידער פון רוסלאַנד האָבען זיך דערמאָהנט וועגען אונז און געהען אונז אַנטקעגען מיט הילף, דאַרפען מיר עס אָנעהמען מיט דער גרעסטער דאַנקבאַרקייט און בעגייסטערונג און נישט רעכענען זיך מיט אַנ׳איבערגעטריבענעם געפיהל פון לאָיאַליטעט. איך וועל אייך זאָגען דעם אמת: ווען מען וואָלט אפילו געקאָנט איינזעהן אין דעם אַוועלכע-עס-איז אונדאַנקבאַרקייט בנוגע צו אונזער רעגירונג, וואָלט איך זיך אויך נישט אָבגעשטעלט אַנטקעגען ז׳עם, נעהמענדיג אין אַכט די גרויסע נויט פון דער יודישער בעפעלקערונג און דאָס, וואָס מיט דער הילף פון רוסישע יודען קאָן מען ראַטעווען טויזענדער מענשען פון הונגער-טויט. אָבער איך האָב קיין שום מורא נישט, אַז די עסטרייכישע רעגירונג וועט איינזעהן אין דעם קאָמיטעט אַנ׳אונלאָיאַלען שריט פון אונזער זייט. אונזער רעגירונג איז גענוג קלוג און קולטורעל, צו פערשטעהן, אַז דאָ איז נישטאָ קיין שום זינד פון אונזער זייט.

ווייטער האָט מיר ד״ר הויזנער דערצעהלט וועגען זיין בעזוך ביים גראַף באָברינסקי. דער גענעראַל-גובערנאַטאָר האָט איהם אויפגענומען פריינדליך, האָט אַרויסגעזאָגט זיין צופרידענקייט מיט דער לאָיאַלער בעציהונג פון דער יודישער בעפעלקערונג צום רוסישען מיליטער און האָט פערשפראָכען צו ערלויבען אַ יודישען הילפס-קאָמיטעט. אין אַלגעמיין האָט באָברינסקי אויף איהם געמאַכט דעם בעסטען איינדרוק, דעם איינדרוק פון אַנ׳אייראָפּעאישען קולטורעלען מענש, וועלכער שטרעבט צו לעבען בשלום מיט דער בעפעלקערונג פון אָקופּירטען קאַנט.

אַזאַ מיינונג וועגען גענעראַל-גובערנאַטאָר פון מזרח-גאַליציע איז מיר אויסגעקומען צו הערען אויך פון אַנדערע מענשען, וועלכע האָבען זיך מיט איהם געטראָפען. גראַף באָברינסקי איז באמת געווען אַ הויך-געבילדעטער און גוטמוטיגער מענש, וועלכער האָט געשטרעבט אויסצומיידען גוואַלדטהאַטען, אפילו בנוגע צו יודען, וועלכע ער האָט אפשר טיף אין האַרץ נישט זעהר ליב געהאַט. ליידער אָבער איז זיין מאַכט געווען זעהר בעגרענעצט. ער האָט זיך געמוזט רעכענען מיט אַלערליי מעכטיגע איינפלוסען און שטימונגען פון אַנדערע מאַכט-האָבער. פון אייז

צד האָט ער געהאַט נעבען זיך די אָרטיגע מיליטערישע מאַכט. די קאָמאַנדירען און גענעראַלען, וועלכע האָבען זיך לחלוטין נישט גערעכענט מיט זיינע בעפעהלען און פעראָרדנונגען און אָפטמאָל אפילו געטהון איהם צו להכעיס אַזעלכע זאַכען, וואָס זענען אינגאַנצען געווען געגען זיין פּאָליטיק. פון דער צווייטער זייט איז ער געווען אָבהענגיג פון דער רעגירונג, פון מיניסטאָ-רען-ראַט און בכלל פון דער פעטערבורגער ביוראָקראַטיע, וועל-כע האָט דורכגעפיהרט אין גאַליציע איהר בעשטימטע פּאָליטיק. ווייטער האָט ער געמוזט ערפילען די פעראָרדנונגען פון דער „סטאווקע", וואו עס זענען געזעסען די ערגסטע צוררי היהודים, ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש מיט יאַנושקעוויטש׳ן, ענדליך, האָט ער זיך געדאַרפט שטאַרק רעכענען מיט די אָרטיגע „רוסאָפילען", וועלכע האָבען געבילדעט אין לעמבערג און אין אַנדערע ער-טער אַ שוואַרץ-מאה׳דיגע גרופּע אונטער דער אָנפיהרונג פון אַ געוויסען דודיקעוויטש׳ן און האָבען טעראָריזירט נישט בלויז די אָרטיגע, איבערהויפט די יודישע בעפעלקערונג, נאָר אפילו די רוסי-שע מאַכט, נישט אויסשליסענדיג דעם גענעראַל-גובערנאַטאָר אַליין.

באָברינסקי האָט געמוזט לאַווירען צווישען די אַלע שטראָ-מען, ווי ער האָט געקאָנט. עס האָט עטליכע מאָל געהאַלטען נאָהנט דערצו, ער זאָל זיך אָנגעבען אין דימיסיע. פונדעסטווע-גען איז ער געבליבען אויף זיין פּאָסטען ביז׳ן סוף. אָבער דורכ-פיהרען אַ זעלבשטענדיגע פּאָליטיק האָט ער נישט געקאָנט. אי-בערהויפט נאָר דערפאַר, ווייל כמעט אַלע זיינע מיטהעלפער, די בעאַמטע, וואָס האָבען פערנומען אָפיציעלע פּאָסטענס, סיי אין לעמבערג, סיי אין אַנדערע ערטער פון גאַליציע, זענען הויפּט-זעכליך בעשטאַנען פון די נידעריגסטע עלעמענטען פון דער רו-סישער ביוראָקראַטיע, כאַבאַרניקעס און גנבים, זעהר אָפט אַזעל-כע, וועלכע זענען אין רוסלאַנד געווען צוגעצויגען צום געריכט פאַר שווערע פערברעכענס. עס האָט זיך געשאַפען אַ מין סיסטעם צו שיקען אין אָקופּירטען לאַנד אַלערליי אויסוואורפען, וועלכע זענען אין רוסלאַנד געווען אַרויסגעשטויסען אפילו פון דער פּאָ-ליציי און זשאַנדאַרמעריע.

ווענען דעם פּאָגראָם אין לעמבערג האָט מיר ד״ר הויזנער דערצעהלט פאָלגענדעס: דער אַריינטריט פון דער רוסישער אַר- מעע אין לעמבערג איז פאָרגעקומען אָהן שום גוואַלדטהאַטען קעגען יודען, זעהר אַ זעלטענע ערשיינונג, וועלכע עס האָבען זוכה געווען בלויז די גרויסע שטעדט, ווי לעמבערג און שפּע- טער טשערנאָוויץ. אינגיכען נאָך דער אָקופּאַציע, ערב יום-כּפור האָט זיך מיט אַמאָל אָנגעהויבען אַ שיסעריי אין שטאָדט. עס האָט זיך פערשפּרייט אַ קלאַנג, אַז אַ יודיש מיידעל האָט געשאָ- סען פון פענסטער אין רוסישען מיליטער און עמיצען פערוואונ- דעט אָדער גע׳הרג׳עט. אַ בּוכשטעבּליכע איבּער׳חזר׳ונג פון דער בּראָד׳ער לעגענדע. עס האָט אויסגעבּראָכען אַ בּלוטיגער פּאָגראָם, בּיי וועלכען אַכצעהן יודען זענען דער׳הרג׳עט געוואָרען און עס זענען בּערויבּט געוואָרען פיל צעהנדליגער קראָמען. אויף דער יודישער בּעפעלקערונג איז אָנגעפאַלען אַזאַ פּחד, אַז קיינער האָט נישט געוואַגט בּעווייזען זיך אויפ׳ן גאַס צו געהן אין שוהל צו כּל-נדרי. די הונדערטער יודישע סאָלדאַטען פון דער רוסישער אַרמעע, וועלכע האָבען זיך געפונען אין לעמ- בּערג, זענען געגאַנגען אין שוהל. געפינענדיג זי געשלאָסען, האָבען זיי געמיינט, אַז דאָס האָט די רוסישע מאַכט פערוועהרט צו דאַוונען אין שוהל און זיי האָבען וועגען דעם געשיקט אַ דעלעגאַציע צום גענעראַל-גובּערנאַטאָר. דאָס איז געווען נאָך איי- דער בּאָבּרינסקי איז געקומען אין גאַליציע. דער גענעראַל-גו- בּערנאַטאָר האָט גלייך גערופען דעם רב און גענומען שרייען אויף איהם, וואָס מען האָט אַלס פּראָטעסט קעגען פּאָגראָם גע- שלאָסען די שוהלען. דער רב האָט געענטפערט, אַז קיינער האָט דאָ נישט געהאַט אין זין קיין פּראָטעסטען, נאָר פּשוט די יודי- שע בּעפעלקערונג האָט מורא אַרויסצוגעהן אויפ׳ן גאַס. דער גע- נעראַל-גובּערנאַטאָר האָט אַוועקגעשטעלט בּיים שוהל און אַלע בּתי-מדרשים מיליטערישע פּאַטרולען און פּערזיכערט, אַז דער פּאָגראָם וועט זיך נישט איבּער׳חזר׳ן. אויף מאָרגען זענען יודען געגאַנגען דאַוונען. פון דעמאָלט אָן זענען קיין פּאָגראָמען נישט פאָרגעקומען.

די בעציהונגען צווישען די נאַציאָנאַליטעטען אין לעמבערג און, בכלל, אין גאַליציע, זענען אָהן אַנ׳ערך בעסערע, ווי אין פוילען. דאָ האָט מען נישט געוואוסט פון באָיקאָט. די בעפעלקערונג הערט זיך וועניג צו צו די בלבולים אויף יודען און, בכלל, לעבען דאָ די פּאָליאַקען מיט די יודען גאַנץ פרידליך, איבערהויפּט איצט, בשעת דער רוסישער אָקופּאַציע. ביי די אונטערהאַנדלונגען מיט דער רוסישער מאַכט, האַלט מען זיך צוזאַמען און סיי די פּאָליאַקען, סיי די יודען, מאַכען נישט קיין שריט אָהן דעם, מען זאָל זיך נישט בעראַטען מיט איינאַנדער.

## ו

ד״ר הויזנער האָט מיר מיטגעטיילט אַ שוידערליכען פאַקט: עס איז שווער איהם צו דערצעהלען, נאָר פערשווייגען איהם איז אויך אונמעגליך.

איינמאָל קומט מען צו איהם פון אַ רוסישען לאַזאַרעט און מען רופט איהם צו אַ שטערבליך-פערוואונדעטען יודישען סאָלדאַט, וועלכער וויל זיך מתודה זיין. ער איז אַוועק אין לאַזאַרעט און געפונען דעם סאָלדאַט שוין אַ שטאַרבענדיגען.

—רבי!—האָט איהם געזאָגט דער סאָלדאַט,—איך קאָן נישט שטאַרבען... איך האָב אויף זיך אַ גרויסע זינד און בעט אייך געבען מיר אַ תשובה אויף איהר...

—אין וואָס בעשטעהט אייער זינד?—האָט געפרעגט דער ראַבינער.

—אונזער פּאָלק האָט פערנומען אַ יודיש שטעדטעל.—האָט גענומען דערצעהלען דער שטאַרבענדיגער.—ווי געוועהנליך, האָט זיך אָנגעהויבען אַ פּאָגראָם. די סאָלדאַטען האָבען אויפגעבראָכען אַ וויין-קעלער און גענומען טרינקען. איך האָב צוזאַמען מיט זיי אויך געטרונקען, האָב זיך אָנגע׳שכור׳ט און אַוועק מיט זיי איבער׳ן שטאָדט ראַבירען יודען. איך בין אַריינגעלאָפען אין אַ

הויז אין געטראָפען דאָרט אַן'אַלטען מאַן מיט אַ שטריימעל און מיט לאַנגע פאות. ווי איך האָב שפעטער זיך דערוואוסט, איז דאָס געווען דער רב. איך האָב איהם אָנגעכאַפּט פאַר'ן „גרוד" און אויסגעשריען:

—זשיד! דאַוואַי האָראָשי!

ער האָט געענטפערט, אַז ער האָט נישט קיין געלד...

דער שטאַרבענדיגער איז אַנטשוויגען געוואָרען.

—וואָס איז געווען ווייטער?—האָט געפרעגט דער ראַבינער.

דער סאָלדאַט האָט אַ ווײלע געשוויגען און נאָכדעם שטיל אַרויסגערעדט:

—איך האָב איהם דערשטאָכען...

ער האָט אָנגעהויבען כליפּען און בעטען:

—רבי, גיט מיר אַ תשובה, איך זאָל קאָנען רוהיג שטאַרבען...

ראַבינער הויזנער איז געווען אַזוי ערשיטערט, אַז ער האָט נישט געוואוסט, וואָס צו ענטפערן. ער האָט צוגעזאָגט דעם שטאַרבענדיגען בעטראַכטען זיך און געבען איהם שפּעטער אַן-ענטפער. נאָר אין אַ פּאָר שעה אַרום האָט מען איהם אָנגעזאָגט, אַז דער סאָלדאַט איז געשטאָרבען.

דער שוידערליכער פאַקט, וועלכען מיר האָט מיטגעטיילט ראַבינער הויזנער איז, פערשטעהט זיך, אַן'אויסערגעוועהנליכער, ליידער אָבער נישט קיין איינצעלנער. אין דער שרעקליכער אַט-מאָספערע פון צעווילדעוועטע מלחמה-אינסטינקטען האָבען נישט געקאָנט נישט פאָרקומען אויך אַזעלכע קאָשמאַרען, אַז די שוואַכערע און מאָראַליש הינטערשטעליגע יודישע סאָלדאַטען זאָלען זיך נישט אונטערגעבען דער אַלגעמיינער רציחה-פער'שכור'טקייט און זאָלען נישט אָבטהון צוזאַמען מיט זייערע רוסישע חברים די שענדליכסטע מעשים אפילו איבער יודען. מיר האָט דערצעהלט ד"ר לאַנדער אַזאַ פאַקט: אין אַ שטעדטעל, וואו זייער פּאָלק איז אַריין, האָט זיך אָנגעהויבען אַ פּאָגראָם. לאַנדער איז אַוועק צום פּאָלקאָווניק און געפאָדערט, ער זאָל אָנעהמען מיטלען אָבצושטעלען דעם פּאָגראָם. דער פּאָלקאָווניק האָט געשיקט

צוזאַמען מיט לאַנדער׳ן אַנ׳אָפיציר מיט עטליכע סאָלדאַטען. זיי זענען אַוועק אין שטאָדט. דערהערענדיג פון אַ הויז קולות, זענען זיי אַריין אַהין און בעגעגענט צוויי סאָלדאַטען, וועלכע זענען אַרויסגעלאָפען פון הויז מיט אָנגעראַבירטע זאַכען. די סאָלדאַטען זענען גלייך אַרעסטירט געוואָרען. צו זיין גרויסער ערשיטערונג האָט לאַנדער דערזעהן, אַז די ביידע סאָלדאַטען זענען יודען!

נאָר וויפיל אַזעלכע פאַקטען זענען נישט פאָרגעקומען, שטעלען זיי פאָר מיט זיך, פערשטעהט זיך, אַ זעלטענעם אויסנאַהם. פון אַלץ, וואָס איך האָב געהערט און געזעהן בשעת מיין אַרומפאָהרען איבער גאַליציע, קאָן איך מיט אַ פאָלקאָמער זיכערקייט בעשטעטיגען, אַז די בעציהונג פון יודישען סאָלדאַט צו דער יודישער בעפעלקערונג אין גאַליציע איז כמעט שטענדיג געוועזען אַ ברודערליכע און אָפט אַדורכגעדרונגען מיט אַנ׳אמת׳ן מסירת-נפש. דער יודישער סאָלדאַט איז געוועזען דער איינציגער עלעמענט, וועלכער האָט זיך געקאָנט שטעלען פאַר די בערויבטע און בעגזל׳טע יודען בשעת׳ן אַריינטריט פון רוסישען מיליטער. און, ווי רעכטלאָז עס זענען געוועזען די יודישע סאָלדאַטען אין דער רוסישער אַרמעע, האָבען זיי דאָך אָפט בעוויזען אָבצוראַטעווען אַ שטעדטעל, אָדער איינצעלנע פערזאָנען פון פאָגראָמען און גוואַלדטהאַטען. אין דער אַטמאָספערע פון העכסטער פערצווייפלונג האָט דער יודישער סאָלדאַט געבראַכט דער בעפעלקערונג אַ געוויסע מאָראַלישע שטיצע, אָפטמאָל אויך אַ מאַטעריעלע. נישט קוקענדיג אויף דעם שטרענגען פערבאָט צו בעגעגענען זיך און האָבען בעציהונגען מיט דער אָרטיגער יודישער בעפעלקערונג, האָבען דאָך די יודישע סאָלדאַטען, ריזיקירענדיג מיט׳ן לעבען, שטילערהייד בעזוכט יודען, פונאַנדערגעפרעגט וועגען זייער לאַגע, געגעבען זיי עצות ווי אויפצופיהרען זיך און בעוויזען זיי הילף אין וואָס נאָר עס איז געוועזען מעגליך. אין פיל ערטער זענען יודישע סאָלדאַטען געוואָרען היימישע מענשען אין יודישע געזינדען. מיר זענען בעוואוסט פאַקטען, ווען יודישע סאָלדאַטען האָבען זיך מוסר-נפש געוועזען פאַר זייערע גאַ-

ליציאַנער ברידער. ווען די צעווילדעוועטע קאָזאַקען האָבען אין אַ שטעדטעל אין מיטען גאַס געשענדעט יודישע פרויען, האָבען די עטליכע צעהנדליג יודישע סאָלדאַטען, וועלכע האָבען זיך דאָרט געפונען, פונאַנדערגעשאָטען זיך הינטער די הייזער, האָבען פון דאָרט בעשאָסען די קאָזאַקען און פיל אַוועקגעלעגט אויפ׳ן אָרט. אַ צווייטער פאַקט: בעת דעם פאָגראָם אין סאָקאָל האָבען יודישע סאָלדאַטען, אָדער צוגלייך מיט די קאָזאַקען געשלעפּט סחורה פון די קראָמען, אָדער ביי די קאָזאַקען אויסגעבעטען אַ טייל פון די אָנגעראַבירטע און שטילערהייד דורך הינטערגעסלעך אָבגעטראָגען עס צוריק צו די בערויבטע בעלי-בתים. אין איינעגע ערטער, וואו די בעפעלקערונג האָט שטאַרק געליטען פון הונגער, האָבען יודישע סאָלדאַטען געטיילט זיך מיט זייער אָרימען שטיקעל ברויט מיט די אָרטיגע יודען. אין שטעדטעל סוכאַטאָוו האָט מען מיר פיל דערצעהלט וועגען אַ יודישען סאָלדאַט מיט׳ן נאָמען ישראל׳יק ווייסבאַרד, וועלכער האָט אין משך פון אַ האַלב יאָהר אויפגעהאַלטען כמעט דאָס גאַנצע שטעדטעל, געשטיצט זי מיט געלד און שפּייז-פּראָדוקטען. וועגען דעם סאָלדאַט זענען אין שטעדטעל געשאַפען געוואָרען גאַנצע לעגענדעס. איינע האָבען דערצעהלט, אַז זיין פאָטער איז געקומען איהם צו חלום און האָט איהם בעפוילען אַלץ, וואָס ער האָט, אויסגעבען אויף אויפצוהאַלטען דאָס שטעדטעל. אַנדערע האָבען פשוט אַרויסגעזאָגט אַ מיינונג, אַז דאָס איז געווען אליהו הנביא.

מיר איז אויסגעקומען נאָהנט צו קענען זיך מיט איינעם פון די יודישע סאָלדאַטען, וועלכער האָט בלב ונפש אָבגעגעבען זיך מיט די אינטערעסען פון דער יודישער בעפעלקערונג אין גאַליציע. איך האָב זיך בעקענט מיט איהם נאָך פאַר דער מלחמה. ווען איך בין אַרומגעפאָהרען זאַמלען עטנאָגראַפישע מאַטעריאַלען, האָב איך איהם בעגעגענט עטליכע מאָל אין די שטעדטלעך פון וואָלינער גובערניע און ער האָט מיר מיטגעהאָלפען אין מיינע זאַמלונגען. דאָס איז אַ יונגערמאַן מיט׳ן נאָמען אבא לעוו, אַ יודע ספר, ער האָט אויך אַ שטיקעל שייכות צו דער

ליטעראַטור, האָט געדרוקט איינִיגע אַרטיקלען אין יודישע ציי-טונגען. אויף דער מלחמה איז ער, פערשטעהט זיך, פיל אויסגע-שטאַנען, נאָר איהם האָט געלונגען אַרויסצורופען ביים קאָמאַנדיר פון פּאָלק אַ טיפען צוטרוי צו זיך און דער קאָמאַנדיר האָט זיך מיט איהם בענוצט אויף פערשידענע שליחות קיין קיעוו, מאָסקווע און פעטערבורג, ווען מען פלעגט דאַרפען איינקויפען פּראָדוק-טען פאַר׳ן פּאָלק. דעם אבא לעווין האָב איך פינף–זעקס מאָל בעגעגענט אין אַלערליי שטעדטלעך אין גאַליציע און כ׳בין גע-ווען איבעראַשט פון זיין מסירת-נפש פאַר דער יודישער בעפעל-קערונג. אומעטום האָט ער פערקניפּט נאָהנטע בעציהונגען מיט די אָרטיגע יודען, האָט געוואוסט וועגען אַלע זייערע הצטרכות, האָט וועגען דעם מיטגעטיילט אין קיעוו, געפאָדערט הילף פון די קאָמיטעטען און אָפט פון דאָס לעצטע אַליין אויסגעהאָלפען די נויטבעדערפטיגע. איינמאָל האָב איך איהם געטראָפען, ווי ער האָט זיך נאָר-וואָס אומגעקעהרט פון קיעוו, וואוהין ער איז גע-פאָהרען מיט אַ שליחות פון זיין קאָמאַנדיר. איידער ער איז נאָך געגאַנגען צום קאָמאַנדיר מיט אַ דין-וחשבון, איז ער אַוועק אין שטעדטעל, וועלכעס האָט זיך געפונען פינף–זעקס ווערסט פון זיין לאַגער. אַ מידער פון וועג, ריזיקירענדיג אָבגעשטעלט און אַרעסטירט צו ווערען דורך אַ פּאַטרול, איז ער אום האַלבער נאַכט אַוועק אין שטעדטעל, טראָגענדיג אויף די פּלייצעס אַ זאַק פון עטליכע פּוד. אין זאַק האָבען זיך געפונען מעדיקאַמענטען, שפּייז-פּראָדוקטען און אויך ציצות, מזוזות און סדורים. דאָס אַלץ האָט ער געזאַמעלט אין קיעוו און געבראַכט דעם פעראָרימטען שטעדטעל אַ מתנה. אין אָנפאַנג פון דער רוסישער רעוואָלוציע האָט ער זיך געפונען אין רומעניע און אויך דאָרט געפיהרט דיזעלבע הילפס-טעטיגקייט, איז געפאָהרען קיין פעטערבורג מיט אַ בעריכט וועגען די צרות, וועלכע די יודישע בעפעלקערונג איז דאַן אויסגעשטאַנען אין רומעניע א. אַ. וו.

אַזעלכע איבערגעגעבענע טהוער, ווי אבא לעוו, זענען צווישען יודישע סאָלדאַטען געווען נישט פיל, אָבער אין אַלגע-מיין האָט דער יודישער סאָלדאַט אַריינגעטראָגען אין דער ער-

שיטערטער און פעראָרימטער יודישער סביבה אין גאַליציע אַ שטראַהל פון הילף און ברודערליכקייט. און דאָס איז געווען זעהר וויכטיג פאַר דער יודישער בעפעלקערונג, וועלכע האָט זיך געפונען אין דער העכסטער פערצווייפלונג.

---

צו מיין גרויס בעדויערן, האָב איך נישט די מעגליכקייט צו זאָגען זועגען יודישע מיליטער-דאָקטוירים דאָסזעלבע, וואָס וועגען יודישע סאָלדאַטען. אין דער רוסישער אַרמעע האָבען זיך געפונען עטליכע טויזענד יודישע דאָקטוירים. זייער לאַגע איז געווען אָהן אַנ׳ערך אַ מעהר פריווילעגירטע, ווי די לאַגע פונ׳ם יודישען סאָלדאַט. נישט וועניג פון די יודישע דאָקטוירים זענען געווען אין דעם טשין פון פּאָלקאָווניקעס און גענעראַלען. האָבען זיך שטענדיג געפונען אין דער סביבה פון אָפיצירען און געהאַט אַ צוטריט צו די קאָמאַנדירען. זיי האָבען באמת געקאָנט פיל העלפען דער פערפאָלגטער און אונבעשיצטער יודישער בע־פעלקערונג. ליידער אָבער, ווי איך האָב זיך געקאָנט איבערצייגען אין פיל פאַלען, האָבען זיי אַרויסגעוויזען אַ מורא׳דיגען אינדיפע־רענטיזם צו זייערע גאַליציאַנער ברידער. איך וויל, פערשטעהט זיך, נישט בעשולדיגען אַלע יודישע דאָקטוירים. געגנוג צו דערמאָהנען דעם נאָמען פון ד״ר לאַנדער, וועלכער האָט גאַנצע פיר יאָהר מיט דער גרעסטער מסירת נפש געאַרבייט לטובת דער גאַליציאַנער יודי־שער בעפעלקערונג, כדי צו זעהן, אַז אין דעם אופן זענען געווען אויסנאַהמען. חוץ ד״ר לאַנדער האָב איך געטראָפען אין גאַליציע נאָך צוויי-דריי דאָקטוירים (ד״ר העלמאַן, ד״ר שאבאד און נאָך איינינגע), וואָס האָבען זיך, מעהר אָדער וועניגער, אינטערעסירט מיט דער לאַגע פון די אָרטיגע יודען. אַלע אַנדערע יודישע דאָקטוירים, מיט וועלכע איך האָב זיך געטראָפען פאַר די עטלי־כע יאָהר אין גאַליציע, האָבען לחלוטין נישט אינטערעסירט זיך מיט יודען. אַ געוויסע טייל פון די דאָקטוירים, האָבען פשוט בע־מיהט זיך צו בעהאַלטען דאָס זיי זענען יודען און שווייגענ־דיג פערשלונגען אַלע בעליידיגונגען און בלבולים, וואָס האָבען

זיך אין זייער געגענוואַרט געשאָסן אויף יודען. איך האָב זיך בעגעגענט מיט אַ יודישען מיליטער-אַרצט שאַבשאייעוו, פון אָרען-בורג. ער האָט מיט גרויס התלהבות דערצעהלט וועגען זיי-נע מיליטערישע העלדענטהאַטען. ער האָט געראַטעוועט אַ גאַנצע דיוויזיע פון פלען און אויסגעפיהרט אַנדערע העלדישע מעשים. דער קאָמאַנדיר האָט איהם זעהר ליב און געגעבען איהם עטלי-כע מעדאַלען. מען האָט וועגען איהם אפילו אין די צייטונגען געשריבען. ווען איך האָב איהם געפרעגט וועגען דער בעציהונג פונם מיליטער צו יודען, האָט ער מיר געענטפערט, אַז איהם זענען נישט בעוואוסט קיין שרעקליכע פאַקטען אין דער הינזיכט, נאָר ער האָט גלייך צוגעגעבען:

—איבעריגענס, האָב איך ווייניג געקאָנט וויסען וועגען דעם, ווייל איך האָב אויסגעמידען צו בעגעגענען זיך מיט אָר-טיגע יודען אין אָקופירטען קאַנט. איך בין אפילו געווען שטרענ-גער צו יודען, ווי צו קריסטען, כדי מ׳זאָל מיך נישט חושד זיין אין מיטגעפיהל צו יודען.

קיין „שרעקליכע פאקטען" זענען איהם נישט געווען בע-וואוסט און דאָ גופא האָט ער מיר דערצעהלט, אַז ביי זיי האָט מען דערוואייטערט פון די קאָנצעלאַריעס, לאַזאַרעטען, אָבאָזען און אַנדערע אַנשטאַלטען, אַלע יודען און אָבגעשיקט אויפ׳ן פראָנט אין די אָקאָפּעס. מען האָט געמאַכט וועגען יודישע סאָל-דאַטען אַנ׳אַנקעטע און עס פערשטעהט זיך, אַז עס האָבען זיך געפונען וועניג אָפיצירען, וועלכע האָבען געהאַט מוטה צו זאָגען אַ גוט וואָרט וועגען יודען. אין דער אַנקעטע זענען געווען פראַגען: צי האָבען יודישע סאָלדאַטען נאָהנטע בעציהונגען מיט די אָרטיגע יודען? וויפיל זענען צווישען די גע׳הרג׳עטע, פער-וואונדעטע און פערנומענע אין פלען סאָלדאַטען געווען יודען? אין שאַבשאַייעווס פאָלק זענען געווען צעהן גע׳הרג׳עטע, פער-ציג פערוואונדעטע און הונדערטניינציג אין פלען פערנומענע יו-דען. פראָפּאָרציאָנעל איז די צאָהל אַריינגעפאַלענע אין פלען ביי יודען געווען נישט גרעסער, ווי צווישען די רוסען. נאָר ביי די לעצטע האָט מען קיין אַנקעטע נישט געמאַכט און די ציפער,

הונדערטניינציג יודען, וואָס האָבען זיך אונטערגעגעבען אין פלען, האָט אַלעמען איבעראַשט. עס איז פאָרגעקומען אַזאַ פאַקט: מ׳האָט געשיקט צעהן סאָלראַטען אויף אַ ראַזוויעדקע און אַלע זענען אַריינגעפאַלען אין פלען. אַ געוועהנליכע זאַך. נאָר צווישען די צעהן סאָלדאַטען איז געווען איין יוד—האָט מען די גאַנצע שולד אַרויפגעוואָרפען אויף איהם און דער ראָטני קאָמאַנדיר האָט געזאָלט שווער בעשטראָפט ווערען, וואָס ער האָט געשיקט אַ יוד אויף אַ ראַזוויעדקע. צום סוף פון אונזער געשפרעך האָט ד״ר שאַבשאַייעוו מיך געבעטען:

—דערצעהלט קיינעם נישט וועגען דעם, וואָס איך האָב אייך מיטגעטיילט. דערצעהלט אפילו נישט, אַז איהר האָט זיך מיט מיר בעגעגענט און איבערהויפט, גערעדט וועגען יודען. דאָס קאָן מיר שאָדען.

אַנדערע דאָקטוירים האָבען נישט אויסבעהאַלטען זייער יודישקייט, נאָר זיי האָבען זיך אויף אַזויפיל נישט אינטערעסירט מיט דער לאַגע פון דער יודישער בעפעלקערונג, אַז איך האָב ביי זיי נישט געקאָנט בעקומען וועלכע-עס-איז ידיעות וועגען דעם. איינציגע דאָקטוירים האָבען פיל חדשים פערבראַכט אין יודישע שטעדטלעך, וואו עס זענען געשטאַנען זייערע לאַזאַרעטען און האָבען פאַר דער צייט נישט פעראינטערעסירט זיך מיט דער לאַגע פון דער אָרטיגער יודישער בעפעלקערונג. מיט גרויס מיה האָט זיך מיר איינגעגעבען אַרויסצובעקומען פון איינציגע יודישע דאָקטוירים קאָפּיעס פון אָפּיציעלע בעפעהלען וועגען גזירות אויף יודען. וויסענדיג אויף וויפיל עס איז וויכטיג בעקאַנט צו מאַכען די יודישע כלל-טהוער אין פעטערבורג מיט אַזעלכע בעפעהלען, האָבען זיי מורא געהאַט אַרויסצולאָזען זיי פון האַנד, טאָמער, חס ושלום, דערוויסט מען זיך, ווער עס האָט מיטגעטיילט וועגען דעם דאָקומענט. נאָך מעהר: בעגעגענענדיג זיך מיט איינציגע דאָקטוירים, וועלכע זענען געשטאַנען מיט זייערע לאַזאַרעטען אין פערוואָרפענע יודישע שטעדטלעך וואו די נויט איז געווען גרויס און וואוהין איך האָב נישט געקאָנט פאָהרען,—האָב איך זיי געבעטען נעהמען ביי מיר צו עטליכע הונדערט רובל אַבצופיהרען

אין זייער שעדטעל און פונאַנדערטיילען דאָרט די נויטבעדערפ־טיגע, אָדער איבערגעבען דעם דאָרטיגען קאָמיטעט, אָדער דעם רב. מעהרסטענטייל האָבען די דאָקטוירים זיך אָבגעזאָגט פון דעם. און די, וואָס האָבען שוין איינגעוויליגט מיטצונעהמען די עטליכע רובל, האָבען עס געטהון נישט זעהר גערן, ווי זיי וואָלטען ברענגען דערמיט דעם גרעסטען אָפּפער.

## ז

איך האָב זעהר געוואָלט זעהן זיך מיט ד"ר לאַנדער. ער האָט זיך געפונען אין זשאַלקיעוו, נאָר מען האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז ער איז אויף עטליכע טעג אָבגעפאָהרען פון זשאַלקיעוו.

איך בין אָבגעפאָהרען פון לעמבערג קיין טאַרנאָוו איבער יאַראָסלאַוו און רזשעשאָוו. מיט מיר צוזאַמען אין וואַגאָן זענען געפאָהרען אָפיצירען און דערצעהלט איינינע פאַקטען וועגען דער בעציהונג פון די סלאַווישע סאָלדאַטען פון עסטרייכישען מילי־טער צו דער מלחמה.

—מיר האָבען גענומען אין פלען עטליכע צעהנדליג סלאַ־ווישע סאָלדאַטען,—האָט דערצעהלט איין אָפיציר.—איינער פון זיי האָט מיטגעטיילט, אַז זיין גאַנצע ראָטע איז גרייט איבערצו־געבען זיך אונז אין פלען. ער האָט געבעטען, אַז איך זאָל איהם ערלויבען אומקעהרען זיך צו זייערע אָקאָפּעס, וועט ער מיט זיך מיטברענגען צוריק די גאַנצע ראָטע. איך האָב איהם, פערשטעהט זיך, נישט אָבגעלאָזען. האָט ער מיר פאָרגעשלאָגט, אַז אונזערער אַ סאָלדאַט זאָל אָבטראָגען זיינעם אַ בריף דורך אַ געהיימען וועג אין די עסטרייכישע אָקאָפּעס און אַוועקלעגען אויף אַ בעשטימטען אָרט. אויף דעם האָב איך מסכים געווען. ער האָט אָנגעשריבען אַ בריף, וואו ער האָט הייס צוגערעדט זיינע חברים איבערצוגעהן צו אונז דערצעהלענדיג, אַז דאָ איז אַ גן-עדן פאַר די געפאַנגענע. ער האָט אויפגעוויזען אונזערן אַ סאָל־דאַטיק, וועלכער האָט זיך אַרויסגערופען אָבצוטראָגען דעם בריף,

וויאַזוי אומבעמערקט צו דער קלויבען זיך צו די עסטרייכישע אָקאָ-פּעס און וואו אַוועקלעגען דעם בריף. דער סאָלדאַט האָט אויס-געפיהרט גוט די שליחות און האָט זיך בשלום אומגעקעהרט צו-ריק. דער געפאַנגענער האָט איהם געפרעגט:

—וואָס האָסטו בעמערקט דאָרט, וואו דו האָסט אַוועקגע-לעגט דעם בריף?

—בעמערקט האָב איך גאָרנישט, נאָר געווען איז דאָרט זעהר אַ שווערער גערוך, אַז איך בין קוים אַ לעבעדיגער אַוועק.

—הייסט דאָס, האָסטו געטראָפען אַקוראַט וואוהין איך האָב דיך געשיקט און האָסט אַוועקגעלעגט דעם בריף אויף דעם גע-העריגען אָרט,—האָט זיך בערוהיגט דער געפאַנגענער.

און וואָס מיינט איהר, אין צוויי טעג אַרום זענען צו אונז אַריבער צוויי ראָטעס סלאַווישע סאָלדאַטען מיט זייערע אָפיצי-רען און מיט דער גאַנצער אַמוניציע.

נאָך אַנ'אָפיציר האָט די גאַנצע צייט גערעדט וועגען די גענעראַלען און קאָמאַנדירען, בעשולדיגענדיג זיי אין פעראַט. ער האָט גערעדט אָפען און נישט אָנגעשטויסען זיך אויף קיין פראָטעסט פון ווען-עס-איז פון די איבעריגע מיליטער-לייט. פערקעהרט, כמעט אַלע האָבען איינגעשטימט מיט איהם.

—רוסלאַנד האָלט מלחמה מיט דריי געפעהרליכע שונאים. דאָס איז: ערשטענס—דער דייטש, צווייטענס—די לייז און, דריי-טענס—אונזערע גענעראַלען. דער לעצטער שונא איז דער גע-פעהרליכסטער.

מיר איז שוין פריהער אויך אויסגעקומען עטליכע מאָל צו הערען שאַרפע אויסדרוקען וועגען די רוסישע גענעראַלען און קאָמאַנדירען. מען האָט זיי פשוט בעשולדיגט אין פעראַט, אַז זיי זענען אונטערגעקויפט דורך די דייטשען. אָט די שווערע בעשולדיגונגען האָבען געהאַט אַ געוויסען באָדען. אויב די גע-נעראַלען זענען נישט געווען קיין פערעטער אין איינפאַכען זין פון וואָרט, האָבען זיי מיט זייער טאַלאַנטלאָזיגקייט, גלייכגיל-טיגקייט און מחלוקת'ן צוליב כבוד און צלמ'לעך געבראַכט דער אַרמעע גרעסערע מפּלות, ווי דורך דירעקטען פעראַט.

דער חשד, אַז גענעראַלען, אפילו די גרעסטע און פּאָפּו-
לערסטע, זענען פערעטער, איז פון לאַנג אָן פערשפּרייט ביים
רוסישען פאָלק. לעגענדעס וועגען פעראַט חזר'ן זיך איבער ביי
יעדער מלחמה. אין די צייטען פון יעקאַטערינע, האָט דאָס
פאָלק בעשולדיגט דעם פירשט פאַטיאָמקין, אַז ער האָט פער'-
שכור'ט, פערשפּילט אין קאָרטען און פערקויפט די רוסישע אַר-
מעע דעם שונא. דיזעלבע בעשולדיגונג אין פעראַט איז אין
1812 יאָהר, בעת דער רוסיש-פראַנצויזישער קריג, געווען אַרויס-
געשטעלט קעגען קוטוזאָוו'ן. ביי דער רוסיש-טערקישער קריג איז
דערזעלבער חשד געווען אַרויפגעוואָרפען אויף אַ גאַנצער רייה
גענעראַלען. ביי דער יאַפּאַנישער קריג האָט זיך אין פאָלק גע-
שאַפען אַ לעגענדע אפילו וועגען דעם טראַגיש-אומגעקומענעם
גענעראַל מאַקאַראָוו, אַז ער איז נישט דערטרונקען געוואָרען
אויף דער אויפגעריסענער שיף „פעטראָפּאַוולאָווסק", נאָר ער
האָט זיך פערקויפט די יאַפּאַנער און אַריבער צו זיי.

איבערהויפּט שטאַרק האָבען זיך פערשפּרייט לעגענדעס
וועגען פעראַט, אין דער איצטיגער מלחמה. די מעשה וועגען דעם
וואַרשאָווער גובערנאַטאָר, באַראָן קאָרף, וואָס איז אַריינגעפאַלען
אין פּלען צו די דייטשען, האָט געגעבען שטאָף פאַר אַ גאַנצער
רייה לעגענדעס, אין וועלכע עס דערצעהלט זיך, ווי ער האָט
אַריבערגעפיהרט צו די דייטשען אַלע פּלאַנען און מיליאָנען רובל
אין גאָלד. אַ סאָלדאַט האָט מיר דערצעהלט אַ לעגענדע וועגען
גענעראַל רענענקאַמף, אַז זיינער אַ ברודער איז געווען אַ דיי-
טשער גענעראַל און זיי פלעגען זיך יעדע נאַכט שטילערהייד
צוזאַמענקומען און דער רוסישער רענענקאַמף פלעגט מיטיילען
דעם ברודער אַלע מיליטערישע סודות. ביז מען האָט וועגען
דעם זיך דערוואוסט און מען האָט איהם געהאָנגען.

דער שריפטשטעלער און סאָציאַליסט רעוואָלוציאָנער רוסאַ-
נאָוו, (פּסעוודאָנים קודרין), האָט מיר דערצעהלט, אַז בעת ער
האָט געוואוינט אין אַ דאָרף אין יאַראָסלאַווער גובערניע, איז
איהם אויסגעקומען צו הערען, ווי די פּויערים האָבען שאַרף
בעשולדיגט די גענעראַלען אין פעראַט. ווען ער האָט גע-

פּרובט פּערטיידיגען איינציגע פון די גענעראַלען, האָט אַ פויער אויסגעשריען:

—און אין יאַראָסלאַוו ביזטו געווען?

—ניין!

—טאָ פאָהר אַריבער אַהין, וועסטו זעהן, אַז די גענעראַלען זענען פערעטער.

—וואָס-זשע וועל איך דאָרט זעהן?

—וועסט דאָרט זעהן, ווי אין מיטען מאַרק שטעהט אַ סלופּ און צום סלופּ זענען צוגעשמידט אויף קייטען אַכט גענעראַלען, פער׳משפ׳טע פאַר פעראַט. און ביי יעדען אויפ׳ן ברוסט הענגט אַ ברעטעל מיט אַנ׳אויפשריפט: שפּייען אין פּנים—„שפּייט, נאָר נישט שלאָגט״.

---

דער צוג איז געגאַנגען זעהר לאַנגזאַם און כמעט די גאַנצע צייט זענען פון ביידע זייטען צוג נאָכגעלאָפען פויערשע קינדער און דערוואַקסענע פויערים, באָרוועסע, אָבגעצעהרטע, אמת׳ע סקעלעטען און אויסשטרעקענדיג די הענד צו די פענסטער, געצויגען אַ מאָנאָטאָנעם געשריי: „ברויט!״ „אַ קאָפּיקעלע!״

אָבפאָהרענדיג עטליכע סטאַנציעס פון ראַווא-רוסקאַ, איז אונזער צוג געבליבען שטעהן אַ לאַנגע צייט ביי אַ קליינער סטאַנציע אָלעשניצאַ. איך האָב זיך דערוואוסט, אַז די סבה פון אָבשטעלען זיך איז, וואָס דער לאָקאָמאָטיוו האָט קיין קרעפטען נישט צו ציהען דעם צוג באַרג-אַרויף און דער מאַשיניסט האָט זיך אויפ׳ן לאָקאָמאָטיוו אומגעקעהרט קיין ראַווא-רוסקאַ נאָך אַן אַנדער לאָקאָמאָטיוו, אַ שטאַרקערן. אַזוי ווי דאָס האָט געדאַרפט דויערן עטליכע שעה, האָב איך אויסגענוצט די צייט, כדי אַרויסצוגעהן אָנקוקען דאָס שטעדטעל.

פון וואָקזאַל צום שטעדטעל איז געווען אַ וויאָרסט צוויי. אַ טיפּיש יודיש שטעדטעל, אָרים און פערוואָרפען. ביים אַריינגעהן האָב איך בעגעגענט אַ בחור און געבעטען אָבפיהרען מיך צום רב.

דער בחור האָט מיך אַריינגעפיהרט אין אַ קליין הייזעל פון צוויי חדרים. אין ערשטען איז געלעגען אַ קראַנקע יודע-נע, דעם רב׳ס ווייב און נעבען איהר זענען געזעסען עטלי-כע פרויען. אין צווייטען חדר האָט מען געדאַווענט מיט אַ מנין מנחה...

דאָס אַריינקומען פון אַ מענש אין אַ רוסיש-מיליטערישען מונדיר האָט, פערשטעהט זיך, דערשראָקען די יודען, וואָס האָ-בען זיך געפונען אין הויז. נאָר ווען זיי האָבען זיך דערוואוסט, אַז איך בין אַ יוד, האָבען זיי זיך באַלד בערוהיגט.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דער רב אַליין איז אָפּ-געפאָהרען מיט די עסטרייכער (און אפשר האָבען איהם די רו-סען גענומען פאַר אַנ׳ערוב׳ניק). די רבי׳צין, וועלכע איז געבלי-בען אָהן מיטלען צום לעבען און דערצו—מיט צוויי טעכטער,—ליגט די גאַנצע צייט קראַנק. פון צווייטען חדר איז אַרויס דער דיין און נאָך עפּעס אַ משונה געקליידעטער ארץ-ישראל-יוד, וועלכער איז דאָ פערבליבען פון אָנפאַנג פון דער מלחמה. נאָך זיי זע-נען אַרויסגעגאַנגען איינציגווייז די איבריגע יודען, וואָס האָבען געדאַווענט מנחה. זיי האָבען מיר דערצעהלט, אַז דאָס גאַנצע שטעדטעל איז רואינירט, קיין פרנסה איז נישטאָ און די סאָל-דאַטען הערען נישט אויף צו ראַבירען דאָס, וואָס איז פער-בליבען.

איך האָב געדאַרפט איילען, כדי נישט אָנצעווערן דעם צוג. איך האָב איבערגעלאָזען דעם דיין פופציג רובל, וועלכע זענען אָנגענומען געוואָרען ווי אַ גרויסע מתנה. אין אַלגעמיין זענען די מענשען געווען שטאַרק געריהרט, וואָס זייערע רוסלענ-דישע ברידער טראַכטען וועגען זיי און קומען אפילו אויסצופאָר-שען זייער לאַגע. דאָס האָט אויף זיי געמאַכט אַ גרעסערן איינ-דרוק, ווי די עטליכע רובל. איך האָב זיך מיט זיי זעהר וואַ-רים אָבגעזעגענט, צוזאָגענדיג בעטען דעם לעמבערגער קאָמיטעט ער זאָל אַהער אַרויסשיקען אַ רעגולערע מאָנאַטליכע הילף. אויפ׳ן סמך פון מיין צוזאָג איז מיט עטליכע וואָכען שפּעטער אַראָבגעפאָהרען קיין לעמבערג אַ שליח פון אָלעשניצער קהילה

און בעקומען פון דאָרטיגען קאָמיסאַר אַ שטיצע.

דער צוג, מיט וועלכען איך בין געפאָהרען און צו וועל-כען עס זענען געווען צוגעקייטעלט די וואַגאָנען מיט מעדיקאַ-מענטען, וואָס איך האָב געפיהרט, איז געגאַנגען נאָר ביז זשע-שאָוו. עס איז אויסגעקומען צו נעכטיגען אין זשעשאָוו און וואַרטען אויף אַ צוג, וועלכער זאָל אָבפיהרען מיך מיט די וואַ-גאָנען קיין טאַרנאָוו.

זשעשאָוו, אַ שעהנע שטאָדט מיט אַ היבשער יודישער בע-פעלקערונג, האָט ווענינ געליטען פון דער מלחמה. אַ פּאָגראָם, פערשטעהט זיך, איז געווען. דער אייגענטימער פון קראָם ביים האָטעל וואו איך האָב גענעכטיגט, האָט מיר בעוויזען פיל סחורה, וואָס די סאָלדאַטען האָבען בעת דעם פּאָגראָם צוריסען, צוטראָטען אָדער בעגאָסען מיט נאַפט.

זעהן זיך מיט וועמען עס איז פון די שטאָדטישע כלל-טהוער האָב איך קיין צייט נישט געהאַט. וויסענדיג, אַז אין שטאָדט געפינט זיך אַן'אַלטע געמויערטע שוהל, בין איך אַוועק אַהין. אין שוהל האָט געהערשט אַ שטאַרקער טרויער און אַ פערלאָזענקייט. עס איז געווען מנחה-צייט, נאָר אין שוהל איז קיינער נישט געווען חוץ דעם אַלטען שמש, אַ זקן פון אַ יאָהר אַכציג, נאָך אַ שטאַרקער און ביי אַלע חושים. ער האָט אין מיר גלייך דערקענט אַ יוד און זיך געווענדעט צו מיר ווי צו אַנ'-אַלטען בעקאַנטען:

—איהר זעהט די שוהל? דאָ איז מען געזעסען יום ולילה און געלערנט. עס איז געווען ענג, נישט דורכצושטופען זיך. מען האָט געהאַלטען די גמרות איינער ביי דעם אַנדערן אויפ'ן רוקען. און אַצינד איז דאָ פּוסט און וויסט, ווי אין אַ חורבה. מיט גרויס מיה גיט זיך איין צונויפצוקלויבען אַ מנין.

—ווי האָבען זיך דאָ אויפגעפיהרט די רוסישע סאָלדאַטען? האָבען זיי אייך קיין בייז נישט געטהון?—האָב איך איהם גע-פרעגט.

דער אַלטער האָט אַ ווײַלע געשוויגען און נאָכדעם שטיל, דיפּלאָמאַטיש געענטפערט:

—פאַרהאַן שלעכטע מענשען צווישען אייערע סאָלדאַטען און פאַרהאַן שלעכטע צווישען אונזערע...

און שווייגענדיג אַ ווײלע האָט ער צוגעגעבען פּערטראַכט:

—איהר פרעגט, צי האָט מען אונז נישט געטהון קיין בייזז? בייז טהון קאָן אַ מענש בלויז זיך, נישט דעם אַנדערן.

איך בין געוועזן איבעראַשט פון דער טיפקייט פון דער סענטענץ, וועלכע וואָלט געפּאַסט פאַר סאָקראַט'ן.

איך האָב געגעבען דעם אַלטען דריי רובל. ער האָט אפילו נישט קיין בליק געטהון, וויפיל איך האָב איהם געגעבען און מיט אַ טרויעריגען שמייכעל געזאָגט:

—פון זיך וועגען וואָלט איך ביי אייך נישט נעהמען קיין נדבה, איך דאַרף נישט, מיין שטיקעל ברויט בעקום איך פון די בעלי-בתים, נאָר אייער מתנה וועט צונוץ קומען פאַר די אָרי-מעלייט, וואָס זענען דאָ אין שטאָדט. אַ נויט איז דאָ אַ מורא'-דיגע, מען שטאַרבט פון הונגער.

פון זשעשאָוו בין איך אָבגעפאָהרען מיט אַ צוג פון אויפּרייס-סנאַריאַדען, צו וועלכען עס זענען געווען צוגעקייטעלט אונזערע צוויי וואַגאָנען מיט מעדיקאַמענטען. אין טעפּלושקע, אין וועלכער איך בין געזעסען, האָט זיך געפונען אַנ'אָפיציר, אַ יונגערמאַן מיט אַנ'אינטעליגענטען געזיכט. פונאַנדערגערעדט זיך מיט איהם. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז ער איז אַ גאַנץ געבילדעטער מאַן. נאָר דער שטאַרער, פיקסירענדער בליק פון זיינע פער'חלומ'טע, געלאַסענע אויגען און זיינע רייד, ווי ער וואָלט פריהער יעדעס וואָרט לאַנג אָבוועגען, איידער ער האָט עס אַרויסגערעדט—האָבען געמאַכט אַ ביסעל אַ מאָדנעם איינדרוק. אויפ'ן זינען איז אַרויף דער געדאַנק, צי איז ער נאָרמאַל.

—איהר ווייסט,—האָט ער זיך אָבגערופען, ווען מיר האָבען זיך נעהנטער בעקאַנט,—איהר ווייסט, אין דער יוגענד האָב איך געפיהרט זעהר אַ שענדליך לעבען: איך האָב גע'שכור'ט, בין געווען אויס-געלאַסען, האָב געשלאָגען די סאָלדאַטען און אָבגעטהון אַנדערע נבלות. צופעליג האָט זיך מיר געטראָפען לעוו טאָלסטאָיס בוך:

„אין וואָס איז מיין גלויבען?" איך האָב אידיש דורכגעלעזען און כ'בין ווי נייי געבוירען געוואָרען. איך האָב אָבגעוואָרפען אַלע שענדליכע מעשים און געוואָרען אַנ'אַנדער מענש. איך האָב אפילו אויפגעהערט עסען פלייש.

—און פונדעסטוועגען געהט איהר אויף מלחמה און הרג'עט מענשען,—האָב איך זיך אָבגערופען.—ווי אַזוי טהוט איהר עס ביי אייערע איבערצייגונגען?

ער איז אַ ווייל‍ע געזעסען מיט אַנ'אַראָבגעלאָזענעם קאָפּ, שטאַרק פערטיפט אין די געדאַנקען. לסוף האָט ער זיך אָבגערופען שטיל און לאַנגזאַם, מיט טיפער איבערצייגונג:

—די מלחמה איז גאָר אַנ'אַנדערע. די מלחמה וועט בעפּרייען די וועלט, וועט אַראָבוואַשען דעם גאַנצען שמוץ פון דער מענשהייט. צוליב אַזאַ ציל מעג מען ברענגען דעם גרעסטען קרבן.

אונזער צוג איז נישט דערגאַנגגען ביז טאַרנאָוו, ער האָט זיך אָבגעשטעלט אַ וויאָרסט זעקס פון וואָקזאַל, ווייל דער וואָקזאַל און דער צוטריט צו איהם זענען סיסטעמאַטיש געוועזען בעשאָסען פון אַ צוויאונפערציג-סאַנטימעטערדיגען קאַנאָן. דער וואָקזאַל און די אַרומיגע בנינים זענען שוין לאַנג חרוב און פערברענט. מיר איז אויסגעקומען געהן צו דער שטאָדט צופוס. מיינע זאַכען און די מעדיקאַמענטען האָט מען שפּעטער געבראַכט אין שטאָדט אויף אַנ'אויטאָמאָביל.

## ח

טאַרנאָוו—אַ היבש אייראָפּעאיש שטעדטעל מיט אַנ'אַלטען ראָטהויז און היסטאָרישע בנינים. די שטאָדט האָט ווייניג געליטען פון דער מלחמה און ווייזט אויס גאַנץ בעלעבט.

די פּאָזיציעס געפינען זיך בלויז זעקס–זיבען וויאָרסט פון שטאָדט, ביים טייך בזורא. דאָס רוסישע חיל איז שוין געווען פיל ווייטער, האָט פערנומען באָכני און געשטאַנען ביי קראָקא.

נאָר די עסטרייכער האָבען זיי אָבגעשטויסען צוריק צו טאַרנאָוו. דאָס איז געווען מיט אַ דריי חדשים צוריק און פון דעמאָלט אָן שטעהען ביידע פיינדליכע מחנות ביי ביידע זייטען טייך. צווישען זיי קומען פאָר בלויז לייכטע צוזאַמענשטויסען, אָבער צו קיין ערנסטע שלאַכטען דערגעהט נישט און עס זעהט אויס, אַז די ביידע מחנות האָבען נישט בדעה אָנצוהויבען אַן ערנסטען אָנגריף.

די בעפעלקערונג פון שטאָדט האָט זיך שוין צוגעוועהנט צו דער קאַנאָנאַדע, וועלכע הערט זיך פון צייט צו צייט פון די פּאָזיציעס און בעמערקט עס שוין כמעט נישט. דאָס לעבען אין שטאָדט איז כמעט אַ נאָרמאַלער. עס זענען אָפען צוויי קאַפעהייזער, וועלכע זענען שטענדיג אָנגעפּאַקט, איבערהויפּט מיט אָפיצירען. עס איז דאָ אין שטאָדט אַ קינעמאַטאָגראַף און בשעת איך בין געקומען זענען די ווענד געווען בעקלעבט מיט גרויסע אַפישען וועגען אַ סימפאָנישען קאָנצערט, וועלכען עס האָט זיך געגרייט צו שפּילען עפּעס אַ סמירנאָוו.

באַלד ווי די פּאָזיציעס האָבען זיך איינגעשטעלט ביי דער בזורא, האָבען די עסטרייכער גענומען בעשיסען דעם טאַרנאָווער וואָקזאַל פון אַ צוויי און פערציג-סאַנטימעטערדיגען קאַנאָן, וועלכער מאַכט די שרעקליכסטע צושטערונגען. מען האָט דערצעהלט, אַז דער קאַנאָן איז דאָ צופעליג פערבליבען, ווייל מען האָט איהם נישט געקאָנט פיהרען ווייטער. די בעשיסונג פון וואָקזאַל האָט געהאַט דעם ציל צו שטערען דעם צופיהר פון אַמוניציע צו די פּאָזיציעס. די איינוואוינער פון שטאָדט, זעהענדיג, אַז דער שונא בעשיסט בלויז דעם וואָקזאַל און די אייזענבאַהן-ליניע, האָט זיך בערוהיגט. נאָר מיט אַ פּאָר וואָכען פאַר מיין קומען האָט מען בעשאָסען די שטאָדט, אַלץ פון דעם צוויי און פערציג-סאַנטימעטערדיגען קאַנאָן. צוויי הייזער זענען געווען צושטערט, נאָר קיין מענשליכע קרבנות זענען נישט געווען. אַזוי ווי מעהר האָט מען די שטאָדט נישט בעשאָסען, האָט זיך די בעפעלקערונג ווידער בערוהיגט.

די אָבטיילונג, צו וועלכער איך בין געפאָהרען, איז געווען איינגעאָרדענט אויף די הוצאות פון אַ טייל מיטגלידער פון „גאָסודאַרסטווענע דומע״. אלס אָנפיהרער פון איהם איז געווען בעשטימט דער מיטגליד פון „גאָסודאַרסטווענע דומע״, אַנ׳אָנגעזעהענער קאַדעט, איגאָר פלאַטאָנאָוויטש דעמידאָוו. דאָס איז געווען אַ מאַן פון אַ יאָהר פערציג, אַ מאָגערער, אַ נערוועזער, מיט אַ שטאַרק בעוואַקסענעם געזיכט, מיט גרויסע, מיסטישע, פער׳חלומ׳טע אויגען. אויף זיין גאַנצער פיגור איז געלעגען דער חותם פון אַריסטאָקראַטיזם און אין דער זעלבער צייט האָט זיך אין זיין פנים און אין די בעוועגונגען אויסגעדריקט אַ מאָדנע, כמעט אַ פויערשע פראָסטקייט, וועלכע מען קאָן טרעפען ביי סעקטאַנטען.

אַז איך האָב זיך נעהנטער בעקענט מיט דער אָבטיילונג, האָב איך בעמערקט, אַז אויף איהר האָט זיך אָבגעשפּיגעלט די פּערזענליכקייט פון דעמידאָוו׳ן. די מיטגלידער פון דער אָבטיילונג זענען מעהרסטענטייל בעשטאַנען פון פריייוויליגע, מיטגלידער פון אַריסטאָקראַטישע פאַמיליעס. מענשען, דורכגעדרונגענע מיט אַ פּאַטריאָטישען געפיהל, מיט אַ בעגעהר צו דינען דעם רוסישען סאָלדאַט און זיין בעהילפיג אין דער מלחמה. צוזאַמען מיט דעמידאָוו׳ן איז דאָרט געווען, אַלס עלטסטע פון די בארימהערציגע שוועסטער, אַנ׳אַלטע אָבער זעהר ענערגישע פרוי, גרעפין באָברינסקאַיאַ און איהרע צוויי פּלימעניקעס יונגעלייט, אויך פון דער פאַמיליע באָברינסקי. געווען עפּיס נאָך איינער, אַ פירשט. אָט די אַלע טיטולירטע יונגעלייט און פריילינס האָבען זיך געפיהרט זעהר פּראָסט, זענען געווען קאַנטאָרשטשיקעס און קלאַדאָוושטשיקעס, האָבען געגעסען דיזעלבע אכילות, וואָס די סאָלדאַטען און מיט דיזעלבע הילצערנע לעפעל.

די אָבטיילונג האָט געהאַט ביי זיך אַ לאַזאַרעט אויף פערציג בעטען, ביי וועלכע עס האָבען געאַרבייט צוויי דאָקטוירים. חוץ דעם האָט ער געהאַט צוויי בעוועגליכע אָבטיילונגען אויך מיט לאַזאַרעטען. איינע פון זיי, אונטער דער אָנפיהרונג פון דעמידאָוו׳ס פרוי, איז געשטאַנען אין שטעדטעל טוכאָוו. די

צווייטע איז געווען ערגעץ אין די קאַרפּאַטען. חוץ דעם האָט די אָבטיילונג געהאַט איהרע פיהרלעך, אויף וועלכע זי פלעגט צו-פיהרען פערוואונדעטע פון די פּאָזיציעס.

די אַרבייט אין אָבטיילונג איז געווען אַ גרויסע און אַ שווערע. די מיטגלידער האָבען געלעבט צווישען זיך פריינדליך, אָהן קליינליכע רייבונגען.—אַ זעלטענע ערשיינונג אין דעם לעבען פון די סאַניטאַרע אָבטיילונגען, וואו עס פלעגען שטענדיג פאָר-קומען צאַנקערייען און אינטריגעס.

נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס די פּאָזיציעס זענען געווען זעהר נאָהנט פון טאַרנאָוו, איז אין שטאָדט געווען קאָנ-צענטרירט אַ היבשע צאָהל לאַזאַרעטען און אָבטיילונגען. חוץ דעמידאָווס לאַזאַרעט, האָט זיך דאָרט געפונען די אָבטיילונג מיט'ן לאַזאַרעט פון שטאָדטישען פערבאַנד אונטער דער אָנפיה-רונג פון דעם פירשט פ. צ. דאָלגאָרוקאָוו, אַ לאַזאַרעט פון רוי-טען קרייץ און צוויי אָדער דריי מיליטערישע לאַזאַרעטען.

קומענדיג קיין טאַרנאָוו, האָב איך נישט געטראָפען דעמי-דאָוו'ן. ער איז געווען אָבגעפאָהרען אין דער סטאַווקע פון דעם הויפּט-קאָמאַנדיר פון דער דריטער אַרמעע, צו וועלכער עס זע-נען געווען צוגערעכענט דעמידאָווס און דאָלגאָרוקאָווס אָבטיי-לונגען. דער הויפּט-קאָמאַנדיר פון דער אַרמעע איז געווען דער בעוואוסטער בולגאַרישער גענעראַל ראַדקאָ-דימיטריעוו. דעמידאָוו איז מיט איהם געווען בעפריינדעט, פלעגט אָפט פאָהרען צו איהם און ברענגען פון דאָרט די לעצטע נייעס.

די איבריגע מיטגלידער פון אָבטיילונג האָבען מיך און מיין מיטרייזענדען ב. ראַטנער'ן בעגעגענט זעהר פריינדליך און האַרציג. מען האָט זיך זעהר דערפרעהט מיט די מעדיקאַמענטען, וואָס מיר האָבען געבראַכט. מען האָט אונז פערשאָטען מיט פראַגען וועגען די געשעהענישען אין לאַנד און איבערהויפּט וועגען דער שטימונג, וואָס דאָרט הערשט. ווען איך האָב גע-זאָגט, אַז אין מאָסקווא הערשט אַ געדריקטע פעסימיסטישע שטי-מונג, האָט די אַלטע גרעפין באָברינסקאַיאַ אויפגערעגט אָבגע-רופען זיך:

—וואָס פאַר אַ רעכט האָבן זיי דאָרט אַזוי צו באַציהען זיך צו דער מלחמה? מיר דאָ, אונטער׳ן פייער, גלויבען אין אַנ׳ענטגילטיגען נצחון און זיי דאָרט, קרעכצען און זיפצען! אַ שאַנדע!

איך האָב בעמערקט פון ערשטען בליק, אַז אין דער אָב-טיילונג איז נישטאָ קיין אַנטיסעמיטיזם. אפשר אין טיפען האַרץ האָבען די גרעפין באָברינסקאַיאַ און אַנדערע מיטגלידער פון אָב-טיילונג נישט געהאַט קיין איבריג וואַרימע געפיהלען צו יודען. אָבער איך בין געווען זיכער, אַז דאָ וועט עס קיינער נישט אַרויסווייזען. די גאַנצע שטימונג פון אָבטיילונג איז געווען אַ ליבעראַלע, אַ קאַדעטישע. אין אָבטיילונג האָבען זיך געפונען עטליכע יודישע סאַניטאַרען און שוועסטער.

אויף מאָרגען איז געקומען דעמידאָוו. איך האָב זיך מיט איהם בעגעגענט אין קאָמיטעט פון אָבטיילונג, נאָר ער איז גע-ווען שטאַרק פערנומען און צוגעזאָגט קומען אין אָווענד צו מיר אין האָטעל.

—איך האָב מיט אייך פיל צו רעדען וועגען וויכטיגע ענינים,—האָט ער מיר געזאָגט.

אין אָווענד איז ער געקומען צו מיר.

—איך מוז אייך זאָגען פּאָראויס,—האָט ער אָנגעהויבען מיט אַ נערוועזען קול, אין וועלכען עס האָט זיך געפיהלט אַ טיפע איבערצייגונג,—אַז איך בין נישט נאָר אַ יודען-פריינד, נאָר איך פערגעטער דאָס יודישע פאָלק, ווי אַ גאָט-טרעגעריש פאָלק. איך בין אַ מיסטיק און אַ טעאָזאָף און אינטערעסיר זיך זעהר מיט אַלץ, וואָס יודען האָבען געשאַפען אויפ׳ן באָדען פון מיסטיק און רעליגיעזע געדאַנקען. אָבער איך מוז אייך זאָגען, אַז קו-מענדיג אַהער אין גאַליציע, האָב איך איבערגעביטען די מיי-נונג וועגען יודען...

—פאַרוואָס?

—מיינט נישט, אַז אויף מיר האָבען געמאַכט אַ וועלכען-עס-איז איינדרוק מעשיות וועגען יודישען פעראַט. איך ווייס, וואָס פאַר אַ ווערט עס האָבען די אַלע לעגענדעס. איך ווייס

זעהר גוט וואָס עס בעדייט, אַז כמעט אין יעדער שטאָדט שיסט אַ יודיש מיידעל פון פענסטער איבער'ן רוסישען מיליטער און זי שיסט אַקוראַט פון אַזאַ הויז, וואו עס געפינען זיך רייכע מאַגאַזינען און וואוינונגען. דעמזעלבען ווערט האָבען אויך אַנדערע בלבולים אויף יודען. אָבער איהר קאָנט זיך נישט פאָרשטעלען, וואָס פאַר אַ שרעקליכע שטימונג עס הערשט אין דער אַרמעע בנוגע צו יודען. מען נעהמט אָן די געמיינסטע בלבולים אָהן שום קריטיק...

—איגאָר פלאַטאָנאָוויטש,—האָב איך זיך אָבגערופען,—איהר האָט אָנגעהויבען דערמיט, אַז איהר האָט אַליין אויך אומגעביטען אייער מיינונג וועגען יודען. איך וואָלט וועלען וויסען, וואָס האָט געווירקט אויף אייך אין דעם אופן?

דעמידאָוו האָט זיך אַ ביסעל צומישט, ווי ער וואָלט נישט וויסען וואָס צו ענטפערן.

—פערשטעהט איהר מיך, די גאַליציאַנער יודען זענען נישט עהנליך צו אונזערע רוסישע יודען. זיי האָבען זעהר נישט סימפּאַטישע מדות...

—דהיינו?

—זייער בעציהונג צו אונז איז אַ פיינדליכע און גיט אַ געוויסען באָדען אויף צו חושד זיין זיי. איך זאָג נישט—אין פעראַט, אָבער אין אַנ'אונלאָיאַלער בעציהונג צו אונזער מיליטער.

—פערגעסט נישט,—האָב איך זיך אָבגערופען,—אַז די אָרטיגע יודען זענען עסטרייכישע אונטערטאַנען און אויב זיי זענען טריי זייער פאָטערלאַנד אפילו ביי אַזעלכע שווערע בעדינגונגען, פערדינען זיי דערמיט די העכסטע אַכטונג.

—יאָ, יאָ, יאָ!—האָט געאיילט איינגעשטימט דעמידאָוו, נישט קוקענדיג מיר אין די אויגען.—דאָס אַלץ איז ריכטיג, זעהר ריכטיג. אָבער איהר ווערט דאָס נישט אַריינשלאָגען אין זינען אונזערע מיליטער-לייט. זיי וויסען נאָר איין זאַך: פעראַט און שפּיאָנאַזש... און דערצו מוז מען מודה זיין, אַז די אַרטיגע יודען, פערשטעהט זיך נישט אַלע, בערייסען אָפּט

דעם סאָלדאַט, נעהמען געוואַלדיגע מקחים און דאָס רעגט שטאַרק אויף געגען זיי. עס פערשטעהט זיך, דאָס איז אַ קליינינקייט, בפרט ווען מען זאָל נעהמען אין אַכט, וויפיל מען האָט בע־רויבט און רואינירט די אָרטיגע יודען.

איך האָב געוואָלט עפּעס בעמערקען, נאָר ער האָט גע־שווינד צוגעגעבען:

—נו, גענוג וועגען דעם! אויף דער טעמא וועלען מיר נאָך צייט האָבען צו רעדען. דערצעהלט מיר בעסער, ווי אַזוי איהר זענט דערפאָהרען און וואָס איהר רעכענט דאָ ווייטער צו טהון? ווי רעכענט איהר זיך דאָ איינצואָרדנען?

איך האָב איהם געזאָגט, אַז מיין ערשטע אויפגאַבע איז געווען אַריינצוקלייבען זיך אין גאַליציע און בעדאַנקט איהם, וואָס ער האָט מיר געגעבען די מעגליכקייט דאָס אויסצופיהרען.

—איצט איז מיר נויטיג צו בעקומען,—האָב איך געזאָגט,—אַ מעגליכקייט לעגאַל אַרומצופאָהרען איבער גאַליציע, אויסצו־פאָרשען די לאַגע פון דער יודישער בעפעלקערונג, כדי צו אָר־גאַניזירען פון איהרטוועגען הילף. מיין גאַנצע האָפנונג איז אויף אייך, אַז איהר וועט מיר געבען די מעגליכקייט דאָס אויסצו־פיהרען.

געוויס! געוויס!—האָט ער זיך אָבגערופען געאיילט.—מען וועט דאַרפען בעטראַכטען, ווי אַזוי דאָס צו מאַכען. איך רע־כען, אַז דער פירשט דאָלגאָרוקאָוו וועט אין דעם קאָנען בע־הילפיג זיין. ער איז אַ גוטער מענש און בעציהט זיך פריינד־ליך צו יודען. איך וועל אייך בעקענען און איהר וועט אַליין דורכשמועסען מיט איהם וועגען דעם ענין. איך וועל מיט איהם אויך רעדען, נאָר ערשט אין עטליכע טעג אַרום. איצט בין איך זעהר פערנומען. איך דאַרף ווידער פאָהרען אין סטאַווקע וועגען איינינע וויכטיגע ענינים.

איך האָב געפרעגט דעמידאָוו'ן וועגען קאָמאַנדיר פון דער דריטער אַרמעע, ריאַדקאָ דימיטריעוו, וואָס פאַר אַ מענש ער איז און ווי ער בעציהט זיך צו יודען. דעמידאָוו האָט זיך אָבגערו־פען וועגען ריאַדקאָ'ן זעהר וואַרים, כאַראַקטעריזירט איהם, ווי אַ

קלוגען, אינטעליגענטען מענש און אַ פעהיגען מיליטער-מאַן. ער האַלט זיך זעהר פראָסט און די סאָלדאַטען פערגעטערן איהם. ער איז בלב ונפש איבערגעגעבען רוסלאַנד, נאָר זיין לאַגע איז זעהר אַ קאָמפּליצירטע, ווייל ער איז אַ בולגאַר. געגען איהם ווערען געפיהרט שאַרפע אינטריגעס. זיין בעציהונג צו יודען? אין טיפען האַרץ איז ער געוויס נישט קיין אַנטיסעמיט, נאָר ער קאָן אין דעם אופן נישט אַרויסטרעטען געגען דער שטימונג פון דער אַרמעע.

מיר האָבען נאָך אַ היבשע צייט געשמועסט. דעמידאָוו האָט מיט אַ מיסטישען טאָן גערעדט וועגען דער איצטיגער מלחמה און אַרויסגעזאָגט אַ טיפע איבערצייגונג, אַז זי וועט בעניי̆ען די גאַנצע מענשהייט. ער האָט כּמעט איבערגע׳חזר׳ט דיזעלבע ווערטער, וואָס מיר האָט געזאָגט אין צוג דער טאָלסטאָיאַנער אָפיציר.

—איגאָר פלאַטאָנאָוויטש,—האָב איך זיך אָבגערופען,—שוין דריי חדשים, ווי איך געפין זיך נאָהנט צו דער מלחמה. פאַר דער צייט האָב איך געזעהן זעהר פיל מיליטערלייט. איך האָב געזעהן מענשען, וועלכע זענען צו עטליכע מאָל געווען אין שלאַכט, האָבען געקוקט דעם טויט אין די אויגען, גע׳הרג׳עט מענשען און אַליין אויך געווען פערוואונדעט. צווישען זיי האָב איך נישט געטראָפען נישט איין „בענייטען מענשען”. דער, וואָס איז פריהער געווען אַ ליגנער, איז געבליבען אַ ליגנער, ווער עס איז געווען אַ גנב, איז געבליבען אַ גנב, אָדער געוואָרען נאָך אַ גרעסערער. קליינליכע ברומערייען און קליינליכע אינטריגעס הערשען ווי פריהער אין דער אַרמעע. אַ מעדאַל, אַ צלמ׳ל איז איצט אויך דער העכסטער ציל, צו וועלכען עס שטרעבען די גענעראַלען און אָפיצירען. ניין, איגאָר פלאַטאָנאָוויטש, דורך בלוט-פערגיסונג וועט די מענשהייט נישט בענייען זיך!

דעמידאָוו איז געזעסען אונבעוועגט און שווייגענדיג גע-קוקט אויף מיר מיט זיינע מיסטיש-פער׳חלומ׳טע אויגען. ענדליך האָט ער אַרויסגערעדט, ווי פאַר זיך:

—פאַרוואָס רעכענט איהר, אַז דורך בלוט-פערגיסונג קאָן די מענשהייט נישט בענייט ווערען? ווי וועט איהר מיר דער

ווייזען, אַז בלוט־פערגיסונג איז אַ זינד און נישט דער העכסטער טהאַט פון העראָאיזם?

איך האָב איהם געענטפערט:

—מיר האָבען דערגרייכט צו אַזאַ פונקט, וואו מיר קאָ-נען אָבשטעלען אונזער געשפרעך, ווייל מיר רעדען אויף צוויי פערשידענע לשונות.

אויף וויפיל די מלחמה האָט „אָבגעוואַשען דעם שמוץ פון דער מענשהייט" און „בענייט די מענשליכע נשמה" האָבען אונז קלאָר בעוויזען די שרעקליכסטע פּאָגראָמען, רציחות און גוואַלד-טהאַטען, וואָס זענען פאָרגעקומען בעת און נאָך דער מלחמה. טרעפענדיג זיך שטענדיג מיט די העכערע פאָרשטעהער פון דער אַרמעע און די געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס, האָב איך געהאַט די מעגליכקייט צו בעמערקען, ווי אפילו זיי זענען פון טאָג צו טאָג אַלץ מעהר פערווילדעוועט געוואָרען, האָבען פערלאָרען דעם מאָראַלען באָדען פון אונטער די פיס און דורכגעדרינגען זיך מיט דער שטימונג פון פּאָגראָם און ווילקיר.

אין אָנפאַנג פון דער מלחמה האָט די אינטעליגענץ נישט אויפגעהערט צו שרייען וועגען די אכזריות פון די דייטשען און אַרויסגעשטעלט געגעז דעם די הויך מענשליכע הומאַניטאַרע בעציהונג צום פיינד מצד דעם רוסישען סאָלדאַט. אינגיכען אָבער האָבען זיך אָנגעהויבען הערען גאָר אַנדערע רייד.

—איך פערשטעה נישט אונזערע סענטימענטען און צערעמאָ-ניעס מיט'ן שונא.—האָט גע'טענה'ט אין קופּע פון שלאָף-וואַגאָן אַנ'-אַלטער מאַן, אַנ'אַדוואָקאַט, וועלכער איז געווען אַ בעפולמעכטיגטער פון אַ געזעלשאַפטליכער אָרגאַניזאַציע.—שיסט מען אין אונז מיט אויפרייס-קוילען, דאַרפען מיר אויך שיסען מיט אַזעלכע קוילען. הרג'עט מען אונזערע געפאַנגענע און מען מאַכט חרוב אונזערע שטעדט און דערפער, דאַרפען מיר אויך טהון דאָסזעלבע. מיר דאַרפען זיך לערנען פון דייטש און נאָך אַריבערשטייגען איהם אין אכזריות.

—איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, אַז אייער טעאָריע איז מיר נישט גאָר צום האַרצען,—האָט איהם געענטפערט זיין

שכן אין קופּע, אַ מיליטער-אַרצט, אויך אַנ׳עלטערער מענש.—און נישט מחמת מאָראַלע מאָטיוון. ביי מיין העכסטער אויפרעגונג געגען די דייטשען, קאָן איך פונדעסטוועגען נישט פערגעסען, אַז מיין גאַנצע קולטורעלע ענטוויקלונג האָב איך צו פערדאַנקען בלויז דייטשען און יודען. מיינע לעהרער און פּראָפעסאָרען אין אוניווערזיטעט זענען געווען כמעט דורכאויס דייטשען, מיינע בעסטע חברים זענען געווען יודען. די ביכער, אויף וועלכע איך האָב זיך ענטוויקעלט, האָבען פערפאַסט דייטשען אָדער יודען. קאָן איך פשוט נישט פּרעדיגען אַנ׳אויסראָטונג פון די דייטשען און קאָן נישט מיטפיהלען דער אַנטיסעמיטישער העצע.

אינגיכען נאָכדעם איז מיר אויסגעקומען צו הערען אַ וכוח צווישען צוויי יונגע רוסישע אינטעליגענטען, מיטגלידער פון דעמי-דאָווס אָבטיילונג, אַ זוהן פון אַ בעוואוסטען רוסישען פּראָפעסאָר, נאָסאָנאָוו און אַ סטודענט מעדיק פון פערטען קורס, קופּטשיקאָוו.

נאָסאָנאָוו האָט הייס בערעכטיגט אַלע רציחות און גוואַלד-טהאַטען איבער דער פרידליכער בעפעלקערונג בשעת דעם אָב-טרעטען פון אונזער אַרמעע. עס געהט אַ קאַמף אויף לעבען און טויט צווישען צוויי פעלקער,—איז נישטאָ וואָס צו זשענירען זיך. קומט אויס אָבצוטרעטען, דאַרף מען איבערלאָזען דעם שונא אַ מדבר, אַ פערוויסטען קאַנט, מיט אַ רואינירטער הונגעריגער בעפעלקערונג.

—איך האָב דאָס רעכט אַזוי צו רעדען!—האָט ער גע-שריען.—איך קוק אויף זיך אויך, ווי אויף אַ מערדער, כאָטש איך האָב קיין בלוט נישט פערגאָסען. ווער עס איז נאָהנט צו-געגאַנגען צו דער מלחמה, דער האָט זיך טובל געווען אין בלוט. און ווי באַלד איך האָב אָנערקענט מערדעריי, האָב עכ אויפגענומען אין מיין נשמה—מוז איך זיין לאָגיש ביז׳ן סוף.

—די אָבטיילונגען פון די געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס,—האָט איהם געענטפערט אויך אַזוי היציג קופּטשיקאָוו,—געהען אויף דער מלחמה נישט כדי צו פערגיסען בלוט, נאָר כדי אַרויסצורייסען ביים טויט וואָס מעהר לעבענס, כדי אין דעם גיהנום אַבהיטען דעם פונק פון מענשליכקייט. און איהר, ווי

אַנדערע מיטגלידער פון די אָבטיילונגען, האָט זיך אונטערגעגע-בען דעם איינפלוס פון די ערגסטע עלעמענטען פון אָפיצירטום. איהר זענט געוואָרען אַנטיסעמיטען, איהר בערעכטיגט יודישע פּאָגראָמען, בעגעהט אַליין גוואַלדטהאַטען, ווי די ערגסטע מאַ-ראָדערען.

אַ ביסעל שפּעטער האָב איך זיך געטראָפען מיט אַן'אינ-טעליגענטען לופט-פליהער. ער איז געווען פערוואונדעט און גע-פאָהרען מיט אונזער סאַניטאַר-צוג. איינמאָל האָט ער מיר דער-צעהלט אַ שרעקליכען פאַקט, ווי מען האָט אַ יוד חושד געווען אין שפּיאָנאַזש און אויפגעהאָנגען. נאָכדעם האָט זיך אַרויסגע-וויזען, אַז ער איז להלוטין אונשולדיג.

—איהר דערצעהלט וועגען דעם אַזוי רוהיג.—האָב איך זיך פערוואונדערט.

—וואָס-זשע,—האָט ער געענטפערט,—אַזעלכע פאַקטען מו-זען פאָרקומען בעת אַ מלחמה. איך רעכען, אַז עס איז בעסער הענגען אומזיסט ניין אונשולדיגע, איידער בעפרייען איין שול-דיגען.

דאָס האָט אַרויסגעזאָגט אַן'אינטעליגענטער מענש! און צו אַזאַ שטימונג האָט איהם געבראַכט די מלחמה.

מיט פיל הדשים שפּעטער האָב איך זיך אָבגעשטעלט אויף אַן'ערשיינונג, וועלכע האָט מיך דערמאָהנט וועגען מיין גע-שפּרעך מיט דעמידאָוו'ן. איך האָב בעמערקט, אַז יענע אָפיצי-רען, וועלכע האָבען גענומען אַ דירעקטען אָנטייל אין שלאַכטען, האָבען זיך בעגעגענט פנים אל פנים מיט'ן שונא, פערגאָסען בלוט און אַליין אַריינגעקוקט דעם טויט אין די אויגען,—אַז אָט אָ די אָפיצירען זעהען אויס און פיהרען זיך אויף גאָר אַנדערש. איך האָב בעמערקט ביי זיי אַ מיסטישע רוהיגקייט. זיי האָבען גערעדט שטיל, לאַנגזאַם, האָבען זיך נישט אויפגערעגט. ס'האָט אויסגעוויזען, אַז דאָס זענען גאָר אַנדערע מענשען, וועלכע האָ-בען בעגריפען עפּעס אַ גרויסען אמת, אויף וועלכען זיי האָבען זיך בערוהיגט. מיר איז איינגעפאַלען אין זינען, אפשר זענען דאָס טאַקי יענע „בענייטע מענשען", וועגען וועלכע דעמידאָוו

האָט געדערדט. נאָר שפּעטער בין איך געקומען צו אַנ׳אַנדער אויספיהר. ביי מיר האָט אַ בליץ געטהון אַ שוידערהאַפטער גע-דאַנק. דער מענש האָט אין כאַראַקטער שטריכען, פערבליבענע פון אור-אור-אַלטע דורות, פון די צייטען, ווען ער איז נאָך געווען אַ חיה און געהאַט אַ שטאַרקע ליידענשאַפט צו בלוט. ווער ווייסט, אויב די ליידענשאַפט איז בעהאַלטענערהייד נישט פערבליבען ביים מענשען, בעאונרוהיגט איהם, מאַכט איהם נער-ווענז און ער זוכט אונבעוואוסטזיניג צו שטילען זיין בלוט-ליי-דענשאַפט. און אפשר שטאַמט די מאָדנע רוהיגקייט ביי מענשען, וועלכע האָבען פערגאָסען בלוט, דערפון וואָס זיי האָבען אָנגע-זעטיגט און געשטילט די בלוט-ליידענשאַפט? דער געדאַנק האָט מיך אַליין ערשיטערט. נאָר וואָס מעהר איך האָב זיך בעגעגענט מיט שלאַכט-אָפּיצירען, האָב איך זיך אַלץ מעהר איבערצייגט, אַז דער געדאַנק איז נישט אינגאַנצען אַ פאַלשער...

## ט

אין לעמבערג האָט מען מיר אָנגעוויזען, איך זאָל זיך זעהן אין טאַרנאָוו מיט׳ן ד״ר אדער, וועלכער וועט מיך בעקענען מיט דער לאַגע פון דער אָרטיגער יודישער בעפעלקערונג. אויף מאָרגען נאָך מיין קומען האָב איך אויפגעזוכט דעם ד״ר אדער. ער האָט מיר דערצעהלט וועגען די טרויעריגע געשעהענישען, וואָס זע-נען פאָרגעקומען אין טאַרנאָוו. די רוסען האָבען ביים אַריינטריט אין שטאָדט געמאַכט אַ פּאָגראָם, ביי וועלכען עטליכע יודען זע-נען געהרג׳עט געוואָרען. די רייכערע לייט זענען פריהער אַנט-לאָפען פון טאַרנאָוו און די, וואָס זענען פערבליבען, זענען גענצליך רואינירט. קיין פרנסות זענען נישטאָ און די יודישע בעפעלקערונג שטאַרבט פון הונגער. עס זענען פערבליבען פיל רייכע קראָמען, וואָס זייערע ווירטען זענען אין עסטרייך. די רוסישע מאַכט האָט די קראָמען איבערגעגעבען אין רשות פון מאַגיסטראַט. ער האָט זיי געעפענט און אַריינגעזעצט אין זיי

קריסטליכע פערקויפערינס, וועלכע ער צאָהלט אַ הויכען געהאַלט, פערשטעהט זיך אויפ׳ן חשבון פון די קראָמען. דאָס געלייזטע געלד ווערט איבערגעגעבען אין מאַגיסטראַט און פערשריבען אויפ׳ן חשבון פון די בעלי־בתּים. נאָר דאָס ווערט געפיהרט אָהן אַ שום קאָנטראָל. מען קאָן זיך פאָרשטעלען, וואָס פאַר אַ תּכלית עס ווערט פון די אַלע קראָמען. מיט דעם אָנקומען פונ׳ם רוסישען מיליטער איז די יודישע גמינע געוועזן פונאַנדערגעלאָזען (אונלעגאַל פונדעסטוועגען האָט זי עקזיסטירט) און אַלע יודען זענען געוועזן אַרויסגעיאָגט פון די אַדמיניסטראַטיווע און געזעלשאַפטליכע אַנשטאַלטען. די עטליכע אינטעליגענטען און חשוב׳ערע בעלי-בתּים, וואָס זענען פערבליבען, האָט מען פערנומען ווי ערוב׳ניקעס. יעדען טאָג כאַפּט מען צעהנדליגער יודען און מען שיקט אויף צוואַנגס-אַרבייט. בקיצור, דאָס יודישע לעבען דאָ איז אונערטרעגליך.

ווי ד״ר אדער האָט מיר דערצעהלט, האָבען יודען נאָך אויסצושטעהן פיל צרות פון אַ מלמד אַ מסור, וועלכער שאַנטאַזשירט די רייכערע יודען, דראָהענדיג זיי, אַז ער וועט זיי מסר׳ן פאַר׳ן קאָמענדאַנט.

האָבענדיג בּיי זיך אַ קליינע סומע, וועלכע מיר האָט געגעבען אין קיעוו דער באַראָן גינצבורג און געפּנער, האָב איך געהאַט די מעגליכקייט איבערצוגעבען ד״ר אדער בלויז דריי-הונדערט רובל אויף צוטיילען די מעהר נויטבעדערפטיגע.

אין טאַרנאָוו האָב איך זיך בעגעגענט מיט ד״ר העלמאַן, וועלכער איז געגאַנגען מיט די ערשטע פאָלקען, וואָס זענען אַריינגעדרינגען אין גאַליציע. ער האָט דערצעהלט וועגען שוידערהאַפטע מעשים, וואָס קאָזאַקען זענען בעגאַנגען איבער דער יודישער בעפעלקערונג, וועגען פּאָגראָמען איז שוין אָבגערעדט. חוץ פּאָגראָמען, האָט מען געטהון די שרעקליכסטע ענוים איבער דער יודישער בעפעלקערונג, געשלאָגען, גע׳הרג׳עט, געשאָסען און געהאָנגען אָהן וועלכען עס איז משפט, אפילו אָהן אַ מאָטיוו. כמעט אין יעדער שטאָדט האָט מען געשענדעט פרויען.

—דעם שרעקליכסטען איינדרוק האָבען אויף מיר געמאַכט די גוואַלדטהאַטען אין יאַראָסלאַוו. בייטאָג איז געווען אַ פּאָגראָם. ביינאַכט, ווען די גאַסען זענען געווען פוסט און אין די הייזער איז געוואָרען פינסטער, האָבען זיך אָנגעהויבען הערען דאָ פון איין הויז, דאָ פון דעם אַנדערן, שרעקליכע האַרצרייסענדיגע געשרייען פון פרויען. עס דערהערט זיך אַזאַ געשריי און ווערט מיטאַמאָל אָבגעהאַקט, איבערגעריסען, ווי מען וואָלט פערשטאָפּט דער שרייענדער דאָס מויל. וואָס האָב איך געקאָנט טהון? וואו-הין ווארפען זיך צו-הילף, אַז מען האָט נישט געקאָנט וויסען, פון וועלכער וואוינונג דאָס געשריי טראָגט זיך? און דאָס האָט געדויערט אַ גאַנצע נאַכט! איך וואונדער זיך, וואָס איך בין פון זינען נישט אַראָב די נאַכט!

אין גאַליציע, וואו יודען האָבען געהאַט דאָס רעכט צו בעזיצען אייגענע גיטער, איז געווען אַ היבשע צאָהל יודישע גוטס-בעזיצער אָדער אַרענדאַטאָרען. איבער זיי האָט דאָס רוסי-שע מיליטער מעהר ווי איבער אַלעמען נוקם געווען זיך. מען האָט זיי אַלעמען רואינירט ביז דעם לעצטען פאָדעם, צוגענומען די פערד, די בהמות, תבואות און מאַשינען. פיל פון די גוטס-בע-זיצער האָט מען גע׳הרג׳עט אָז׳ער אַוועקגעשיקט קיין רוסלאַנד. אין גאַליציע איז דאָ אַנ׳אַלטער מנהג, אַז פויערים קושען די הענד ביי די גוטס-בעזיצער, דאָס האָט זיך געפיהרט אויך בנוגע צו יודען גוטס-בעזיצער. דאָס האָט איבערהויפּט אויפגערעגט די רוסישע זיגער.—סטייטש, אַ קריסטליכער פויער זאָל קושען די הענד ביי אַ יוד! אין אייניגע ערטער הז׳ט מען זיך נוקם גע-ווען אָן יודישע גוטס-בעזיצער פאַר די הענד קושען דערמיט, וואָס מען פלעגט הייסען פויערים ענטבלויזען דעם רוקען און געניט דעם יודישען גוטס-בעזיצער און זיין פרוי מיט די קינדער, זיי זאָלען קושען דעם פויער אין הינטען.

—אין דעם שטעדטעל בזשאָסטעק,—האָט ווייטער דער-צעהלט ד״ר העלמאַן,—איז פאָרגעקומען אַזאַ שרעקליכער פאַקט: קאָזאַקען האָבען אַרעסטירט צוויי יודען, אַ פאָטער מיט אַ זוהן. זיי האָבען זיי חושד געווען אין שפּיאָנאַזש און אָהן אַ וועלכער

עס איז אויספאָרשונג אָדער משפט אַוועקגעפיהרט העגגען. אין וועג האָבען זיי זיך מישב געווען און פאָרגעלעגט דעם זוהן, ער זאָל אַליין מיט די אייגענע הענד אויפהענגען דעם פאָטער, ווע־לען זיי איהם דערפאַר שענקען דאָס לעבען. דער זוהן האָט זיך אָבגעזאָגט, נאָר דער פאָטער האָט איהם שטאַרק געבעטען ער זאָל עס טהון און דערמיט ראַטעווען זיך דאָס לעבען און דער זוהן האָט געהאָנגען דעם פאָטער, נאָכדעם האָבען זיך די קאָזאַ־קען אויסגעלאַכט און איהם אויך אויפגעהאָנגען.

און נאָך פיל שוידערהאַפטע פאַקטען האָט מיר מיטגעטיילט ד״ר העלמאַן.

בעגעגענט האָב איך אין טאַרנאָוו אויך דעם ווילנער ד״ר שאַבאַד, וועלכער איז געפאָהרען אויפ׳ן פראָנט, דוכט זיך מיט דעם ציל, צו בעקענען זיך מיט דער יודישער לאַגע אין גאַלי־ציע. נאָר ער איז נישט לאַנג פערבליבען אין גאַליציע און אומ־געקעהרט זיך צוריק אין ווילנא.

איך בין אַרומגעגאַנגען איבער דער שטאָדט, בעזוכט עט־ליכע בתי־מדרשים. מען האָט מיר אָנגעוויזען אויף דער נייער שוהל. אַ גרויסער געמויערטער בנין, פון זעהר אַן׳אָריגינעלער אַרכיטעקטור. ד״ר אדער האָט מיר דערצעהלט, אַז מען האָט די שוהל אָנגעהויבען בויען מיט פופציג יאָהר צוריק. מען האָט דאַן מכבד געווען אַ קריסטליכען גענעראַל מיט לעגען דעם ערשטען שטיין. דאָס האָט אַרויסגערופען אַ שטאַרקע אויפרעגונג ביי די אָרטאָדאָקסישע יודען און זיי האָבען געלעגט אַן׳אסור אויף דער שוהל. עס האָט אויפגעפלאַקערט אַ שרעקליכע מחלוקה און אין משך פון פופציג יאָהר איז די שוהל געשטאַנען געשלאָסען און מען האָט אין איהר נישט געדאַווענט. בלויז מיט אַ פאָר וואָכען פאַר דער מלחמה האָט מען די שוהל געעפענט. איצט זענען די אָרטאָדאָקסען איבערצייגט, אַז דאָס איז געווען די סיבה, וואָס די מלחמה האָט זיך אָנגעפאַנגען.

זינט איך בין געקומען אין טאַרנאָוו, האָט זיך סיי ביי־טאָג, סיי ביינאַכט געהערט פון דערווייטען אַ קאַנאָנען-שיסעריי: „בוך! בוך! בוך!״ די שיסעריי איז געווען אַזאַ סיסטעמאַטישע,

אַז איך בין באַלד צוגעוועהנט געוואָרען צו איהר און האָב זי כמעט נישט בעמערקט. דעם ערשטען אָווענד בין איך אַ זייגער ניין אַרויסגעגאַנגען אין דרויסען און מיטאַמאָל דערהערט אַ האַס־טיגע שיסעריי, ווי אַרבעס וואָלט זיך געשאָטען אויף אַ בלעך. דאָס האָט מען געשאָסען פון פולעמיאָטען און עס האָבען זיך אויסגעטיילט בעזונדערע ביקסענשאָסען. די שיסעריי האָט זיך גע־טראָגען פון די פּאָזיציעס פון הינטער'ן שטאָדט. דאָס האָב איך דאָס ערשטע מאָל געהערט אַנ'אָבקלאַנג פון שלאַכט און אין מיין פאָרשטעלונג האָט זיך אויסגעמאָלט אַ בילד, ווי גאַנץ נאָהענט קומט פאָר אַ בלוט-פערגיסונג: בעוואָפענטע מענשען ווארפען זיך איינער אויפ'ן צווייטען, עסען זיך איין מיט די ציין און נעגעל איינער דעם אַנדערן אין האַלז און אַ גאַנצער פעלד איז פער־גאָסען מיט בלוט און פערזייט מיט גע'הרג'עטע און פערוואונ־דעטע גופים.

אויף מאָרגען האָב איך זיך דערוואוסט, אַז קיין שום שלאַכט איז אין אָווענד נישט פאָרגעקומען, אַז די שיסעריי קומט פאָר גלאַט אַזוי, כדי אָבצושרעקען דעם אַנדערן צד, ווייזען איהם, אַז מען איז וואַך.

אויפ'ן צווייטען טאָג בין איך אַוועק מיט דעמידאָוו'ן צום פּירשט דאָלגאָרוקאָוו, מיט וועלכען איך האָב זיך מיט עטליכע חדשים פריהער בעקענט אין מאָסקווא. דאָס איז אַ מאַן פון אַ יאָהר עטליכע און פערציג, אַ ברייטביינינגער, אַ שווערער, מיט גרויסע אויסגעקייקעלטע אויגען און אַנ'אַריסטאָקראַטישען פּנים. ער איז געווען געקליידעט זעהר איינפאַך, געהאַלטען זיך פראָסט, ווי אַנ'אמת'ער אַריסטאָקראַט. אויף איהם איז געלעגען דער ציי־כען פון אַ תמימות'דיגער, נישט פערשפּיצטער אָרענטליכקייט, וועלכע פערשטעהט נישט קיין חכמות און קיין קונצען. ער האָט זיך געהאַלטען מיט אַלעמען גלייך, מיט'ן לעצטען סאַניטאַר, ווי מיט דעם הויפּט-קאָמאַנדיר.

בעת דעם יאַפּאַנער קריג האָט דאָלגאָרוקאָוו אָרגאַניזירט אַ סאַניטאַרע אָבטיילונג און מיט איהר געווען די גאַנצע צייט אויפ'ן פראָנט. אין אָנהויב פון דער איצטיגער מלחמה האָט ער

ווידער אָרגאַניזירט אַנ׳אָבטיילונג, (דוכט זיך אויף זיינע אייגענע קאָסטען) און געאַרבייט מיט איהר ביי די פּאָזיציעס, אָפטמאָל שטעלענדיג דאָס לעבען אין געפאַהר. ער איז געווען בעפריינדעט מיט ריאַדקאָ-דימיטריעוו׳ן און האָט פיל געהאַלטען פון איהם, ווי פון אַ מיליטער-אָנפיהרער. ער האָט וועגען איהם אָנגעשריבען אַ בעגייסטערטע קאָרעספּאָנדענץ אין „רוסקיע וויעדאָמאָסטי״. ביי דאָלגאָרוקאָוו׳ן האָב איך געטראָפען זיינע אַ פּלימעניצע מיט איהר מאַן, וועלכע האָבען אויך געאַרבייט אין אָבטיילונג און דעם קאָמענדאַנט פון שטאָדט, פּאָלקאָווניק מאַרקעוויטש. דער פּאָלקאָווניק האָט זיך בעצויגען צו דאָלגאָרוקאָוו׳ן און צו זיינע פּלימעניקעס מיט אַזאַ אונטערטעניגקייט און גערעדט צו זיי מיט אַזאַ חניפה׳דיגען טאָן, אַז מיך האָט אָנגענומען אַנ׳עקעל.

דאָלגאָרוקאָוו האָט מיך גלייך דערקענט און דערמאָנט זיך, אַז ער האָט זיך מיט מיר געטראָפען אין מאָסקווא ביים שטאָדט-גאָלאָוואַ, געגעבען מיר אַ רעקאָמענדאַציאָנס-בריף צו גוטשקאָוו׳ן און שפּעטער איינגעשטימט אַריינצונעהמען מיך אין זיין אָבטיילונג. ער האָט אויסגעדריקט זיין צופרידענקייט, וואָס מיר האָט זיך איינגעגעבען אַריינצוקומען קיין גאַליציע, האָט צוגעזאָגט מיטטיילען מיר אינטערעסאַנטע מאַטעריאַלען, וואָס האָבען אַ שייכות צו יודען און זיין מיר בעהילפיג, אין וואָס נאָר ער וועט קאָנען. ער האָט מיר מיטגעטיילט, אַז אין זיין אָבטיילונג געפינען זיך צוויי יודישע דאָקטוירים, פרויען, שאַפּיראָ און וואָלפזאָהן, וועלכע אַרבייטען מיט אַ גרויסער מסירת-נפש.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז פרוי ד״ר שאַפּיראָ איז מיינע אַנ׳אַלטע בעקאַנטע פון דער שווייץ, וואו זי האָט געשטודירט מעדיצין. זי האָט מיט בעגייסטערונג אָבגערופען זיך וועגען פירשט דאָלגאָרוקאָוו. זיין בעציהונג צו מענשען איז אַ הויך-אידעאַליסטישע. קיינער פון די בעפולמעכטיגטע און אַנדערע ציווילע לייט, וועלכע געפינען זיך אויפ׳ן פראָנט, אויסשליסענדיג די ראַדיקאַלסטע, האָבען נישט אַרויסגעוויזען אַזאַ זעלבסטשטענדיגקייט און אונאָבהענגיגקייט בנוגע צו דער העכ-

רער מיליטערישער מאַכט, ווי דאָלגאָרוקאָוו. ער רעכענט זיך נישט מיט דער אַנטיסעמיטישער שטימונג, וועלכע הערשט אין די מיליטערישע קרייזען.

פרוי ד״ר שאַפּיראָ האָט מיר דערצעהלט, אַז איידער זי איז אַריינגעטראָטען אין דער אָבטיילונג, האָט זי געאַרבייט אַלס אַרצט אין לאָדז און אין קעלץ און האָט זיך אָנגעזעהן גענוג ווילדע מעשים פון די פּאָליאַקען געגען יודען. איבערהויפּט זע־נען יודען פיל אויסגעשטאַנען פון די פּוילישע „סאָקאָלען״ ביי דער עסטרייכישער אַרמעע. בעת די עסטרייכער האָבען צייט־ווייליג פערנומען די אויבענדערמאָהנטע שטעדט, זענען מיט זיי צוזאַמען אָנגעקומען די „סאָקאָלען״. זיי האָבען מיט גוואַלד גע־נויט יודען אַריינצוטרעטען אין זייער אָרגאַניזאַציע, נאָר מען האָט געקאָנט אויסקויפען זיך ביי זיי פאַר פופציג אָדער הונ־דערט רובל. שפּעטער איז גענוג געווען אַ דרייערל אויף אויס־צוקויפען זיך. ווען די רוסען האָבען זיך אומגעקעהרט, האָבען די אָרטיגע פּאָליאַקען פער׳מסר׳ט פאַר דער רוסישער מאַכט, אַז די „סאָקאָלען״ זענען בעשטאַנען דורכאויס פון יודען.

אויפ׳ן דריטען טאָג נאָך מיין קומען קיין טאַרנאָוו, האָב איך, זיצענדיג אין האָטעל, דערהערט אַ נאָהנטען אויפרייס, וועלכער איז געווען אַ ביסעל שטאַרקער, ווי די געוועהנליכע קאַנאָנען-שיסעריי. אין אַ שעה אַרום האָט זיך דערהערט נאָך אַנ׳אויפרייס, אַ פיל שטאַרקערער. איך בין אַרויס אין גאַס און זיך דערוואוסט, אַז די שטאָדט ווערט בעשאָסען פון אַ צוויי־אונ־פערציג־סאַנטימעטערדיגען קאַנאָן. איך בין אַוועק אין אָבטיילונג פון דער גאָסודאַרסטווענע דומע, עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דער צווייטער סנאַריאַד האָט געטראָפען זעהר נאָהנט אין הויף פון אָבטיילונג. דאָס הויז, וואָס די אָבטיילונג האָט פער־נומען, אַ צווייגאָרענדיגער מויער, אין וועלכען עס איז פריהער געווען אַ גימנאַזיע, איז גאַנץ געבליבען, נאָר די עטליכע הונ־דערט שויבען פון אַלע פענסטער זענען געווען צופלאַצט און אויסגעבראָכען. אין הויז איז אַלץ געווען פונאַנדערגעוואָרפען און איבערגעקעהרט.

אויף דעם אָרט, וואו דער סנאַריאַד האָט געטראָפען, איז
געווען אַ גרויסער גרוב, אַ קלאַפטער פיר די טיפקייט און צוויי-
אונפופציג טריט רונד אַרום. פליהענדיג, האָט דער סנאַריאַד
אַראָבגעריסען פון אַ נישט דערבויטען הויז אַ דיקען קלאָץ און
נאָכגעשלעפט איהם מיט זיך. נישט ווייט פון אָרט, וואו דער
סנאַריאַד איז געפאַלען, איז געשטאַנען אַ פערד, האָט עס איהם
צוריסען אויף העלפט. איין העלפט איז געווען אַריבערגעוואָר-
פען איבער׳ן דאַך פון הויז און אָבגעוואָרפען פופציג קלאַפטער.
נעבען גרוב האָט מען געפונען אַ שטיק פערבלוטיגטען זשילעט
מיט אַ טאַש, אין וועלכען עס האָט זיך געפונען אַ סאָלדאַט-
ביכעל און נישט ווייט פון דאָרט, אויף אַ בוים, זענען געהאָנ-
גען קישקעס פון אַ מענשען. ווייזט אויס, דער סנאַריאַד האָט
צוריסען אויף שטיקער אַ סאָלדאַט און פון איהם איז מעהר
נישט געבליבען, ווי די אינגעווייט און דאָס שטיקעל זשילעט
מיט׳ן פאַס. בעקאַנטע האָבען מיר דערצעהלט, אַז זיי האָבען גע-
זעהן אַ נישט אויפגעריסענעם סנאַריאַד פון אַ צווייאונפערציג-
סאַנטימעטערדיגען קאַנאָן. ער האָט געהאַט אין דער הויך כמעט
צוויי ערטהאַלבען קלאַפטער און האָט געוואויגען זעכציג פוד.

אין וואוינונג, אין לאַזאַרעט פון אָבטיילונג האָב איך גע-
טראָפען אַ שטאַרקע צערודערונג. די אַלטע גרעפין באָברינסקאַ-
יאַ איז אַרומגעגאַנגען אַ פערצאָגטע, וואָס אַלע שויבען זענען
אויסגעבראָכען. אין שטאָדט איז נישט געווען צו קריגען קיין
גלעזער, און אויב אַ גלעזער וועט זיך שוין געפונען, וועט
דאַרפען זעהר פיל קאָסטען דאָס פערגלאָזען פון די פענסטער
און עס וועט לאַנג דויערן. ווי בלייבט מען דערווייל מיט אָפע-
נע פענסטער, בפרט אין לאַזאַרעט. די באַרימהערציגע שוועסטער
זענען געווען ביי די פערוואונדעטע און בערוהיגט זיי. איינ׳גע
פון אָבטיילונג זענען געווען פרעהליך געשטימט און מיט אַ גע-
לעכטער דערצעהלט, אַז דאָלגאָרוקאָווס אָבטיילונג, וועלכע קוואַר-
טירט אין דערבייאיגען הויז, איז פערבליבען אָהן וואַרעמעס.
דאָרט האָט דער אויפרייס דורכגעבראָכען די וואַנד פון קיך און
אין קעסעל, וואו עס האָט זיך געקאָכט דאַס וואַרעמעס, זענען

אָנגעפּאַלען ציגעל און ליים. קיין פּחדנות האָט קיינער נישט אַרויסגעוויזען, נאָר ביים אויפרייס האָט דער עלטערער פעלד-שער בעהאַלטען זיך אונטער׳ן טיש. דאָס האָט געגעבען פיל שטאָף צו לאַכען פון איהם. ער איז געווען שטאַרק פערשעמט, האָט געקוקט אויף אַלעמען מיט אַ תּמ׳עוואַטען בליק און פער-ענטפערט זיך:

—איך שווער אייך, אַז איך ווייס נישט, ווי אַזוי דאָס איז פּאָרגעקומען. איך האָב זיך נישט דערשראָקען און געדענק לחלוטין נישט, ווען איך בין אַרונטערגעקראָכען אונטער׳ן טיש.

אין אָוועגד האָב איך זיך געטראָפען מיט דעמידאָוו׳ן.

—איהר ווייסט פאַרוואָס דער סנאַריאַד האָט געטראָפען אַקוראַט אויף אונזער הויף?—האָט ער מיר געזאָגט,—ביינאַכט איז אָנגעקומען אַהער אַנ׳אַרטילערישער פּאַרק: קאַנאָנען און סנאַריאַ-דען. זיי האָבען זיך אָבגעשטעלט אויף אונזער הויף און דער שונא האָט זיך דאָס געצילט אין זיי. וואָלט דער סנאַריאַד גע-פאַלען מיט פינף קלאַפטער ווייטער און געטראָפען אין אונזער אַרטילעריע-פּאַרק, וואָלט אַ האַלבע שטאָדט חרוב געוואָרען. עס איז קלאָר, אַז פון דאַנען האָט מען געגעבען סיגנאַלען דעם שונא און אָנגעוויזען, וואוהין צו שיסען.

—ווי מיר דאַכט, איז די מעשה פיל פּראָסטער.—האָב איך זיך אָבגערופען.—אינדערפריה זענען איבער׳ן שטאָדט געפלויגען פיינדליכע אַעראָפּלאַנען. זיי האָבען געקאָנט זעהן די אַרטילעריע און אָנווייזען אויף איהר.

דוכט זיך, זעהר איינפאַך. נאָר צווישען מיליטער האָט זיך פערשפּרייט אַ קלאַנג, אַז מען האָט פון שטאָדט געגעבען סיג-נאַלען דעם שונא. ווער האָט סיגנאַליזירט?—פערשטעהט זיך יודען.

דער צווייטער סנאַריאַד, וואָס איז געפאַלען אין שטאָדט, האָט געטראָפען ביי אַ קאָרפּוס-לאַזאַרעט. פון דעם אויפרייס זע-נען געהרג׳עט געוואָרען זיבען סאָלדאַטען און צעהן פערד.

9

דעמידאָוו האָט געדאַרפט אָבפאָהרען אויף עטליכֿע טעג אין סטאַווקע פון הויפט-קאָמאַנדיר. ער האָט מיך געבעטען אי-בערפיהרען אַ טייל פון די געבראַכֿטע מעדיקאַמענטען דער אָב-טיילונג, וועלכֿע איז געשטאַנען אין שטעדטיל טוכֿאָוו און גע-אַרבייט אונטער דער אָנפיהרונג פון דעמידאָוו׳ס פרוי. אַזוי ווי איך האָב געהאַט בדעה צו בעזוכֿען טוכֿאָוו, האָב איך גערן אָנ-גענומען דעם פאָרשלאָג און בין אַהין אַוועקגעפאָהרען.

קיין טוכֿאָוו איז געווען אַ וויאָרסט אַכֿצעהן. דער וועג אַהין איז געווען אַ שרעקליכֿער, אַ פערגאָסענער מיט בלאָטע און אַ דורכֿגעלעכֿערטער פון סנאַריאַדען. דאָ זענען נאָך געווען פריש די שפורען פון די שלאַכֿטען. ביי די זייטען וועג זענען געווען האַלב-איינגעפאַלענע גראָבענס, צוריסענע דראָט-פערצוימונגען. עס האָבען זיך געוואַלגערט בלעכֿענע קעסטלעך פון קאָנסערוועו און שטיקער פון שראַפנעל-גלעזער. די פעלדער, ביי די זייטען וועג, זענען געווען פול מיט גריבער פון סנאַריאַדען.

דאָס שטעדטעל טוכֿאָוו האָט שטאַרק געליטען פון דער מלחמה. זי איז געווען עטליכֿע מאָל שטאַרק בעשאָסען דורך שווערע אַרטילעריע. פיל הייזער זענען דאָרט געווען פערברענט און צושעדיגט.

איבער׳ן מאַרק האָט זיך פונאַנדערגעלעגט אָברוהען אַנ׳-עסקאַדראָן קאָזאַקען. אין מיטען מאַרק זענען געשטאַנען געזאָ-טעלטע פערד, פונאַנדערגעלעגט פייער-שייטערס, איבער וועלכֿע עס זענען געהאָנגען קעסלען. די ראַטושע, ווייזט אויס, געווען אַ שענער און אָריגינעלער בנין, איז געשטאַנען מיט אַנ׳אַראָב-געריסענעם דאַך און דורכֿגעבראָכֿענע וועגד, ווי אַנ׳אַלטע רו-אינע. אין מאַרק איז נישט פערבליבען קיין איין קראָם, אַלע זענען געווען מיט אַראָבגעריסענע טהירען, פוסטע און אויסגע-רוימטע. איינינע זענען געווען פערוואַנדעלט אין שטאַלען און פון די טהירען האָבען אַרויסגעקוקט פערדישע קעפ. די גאַסען

זענען געווען גאַנץ בע׳עבס, נאָר אויסשליסליך פון מיליטער. קיין ציווילע, ובפרט יודען, האָב איך נישט געטראָפען אין גאַס.

די אָבטיילונג פון אָטריאַד האָט זיך געפינען אין אַ היב־שער געביידע אויף איינער פון די זייטיגע גאַסען. דער פּער־סאָנאַל איז בעשטאַנען פון אַ מענשען צוואַנציג העכערע סאַני־טאַרען און שוועסטער. צווישען זיי איז געווען אַ יודישער ד״ר טראַכטענבערג. די אָבטיילונג האָט געהאַט איהר לאַזאַרעט און אַנ׳איבערבינדונגס־פונקט.

דעמידאָווס פרוי, אין עלטער פון אַ יאָהר פערציג, האָט זיך אַרויסגעוויזען אַלס זעהר ענערגישע טהוערין. זי איז געווען פיל פּראַקטישער, ווי איהר מיסטיש געשטימטער מאַן. זעהר אַ לעבעדיגע, פרעהליכע און געפיהרט אַ בּרייטע בעקאַנטשאַפט מיט די אָרטיגע אָפיצירען און גענעראַלען, וועלכע פלעגען אָפט אַריינקומען אין אָבטיילונג. זי איז געווען אַריינגעטהון אין אַלע אינטימע אינטערעסען, מיט וועלכע עס האָט געלעבט דאָס אָפי־צירען־געזינדעל. זי האָט געוואוסט, ווער ס׳האָט בעקומען אַ מעדאַל אָדער אַ העכערונג נישט פערדינטערהייט און אויך פער־קעהרט, ווער עס האָט פערדינט און נישט בעקומען. זי האָט זעהר ליב געהאַט מיליטערישע פּאַראַדען און דעם גאַנצען אויסערליכען גלאַנץ פון מיליטער־לעבען.

זיצענדיג אין הויז פון דער אָבטיילונג, האָב איך דורכ׳ן פענסטער בעמערקט אויף דער צווייטער זייט גאַס אַ גרויסען בנין, אין וועלכען ס׳איז נישט שווער געווען צו דערקענען אַ שוהל. זי איז געווען גאָר אַ נייע און אויף דעם קאַלכנעם דאַך איז געווען אויסגעלעגט מיט רויטע קאַכלען דאָס יאָהר 1911.

איך בין אַוועק צו דער שוהל. פון דרויסען האָט זי אויסגעזעהן ווי אַ נישט דערבּויטע. געשטאַנען אָהן טהיר און פענסטער. נאָר ווען איך בין צוגעגאַנגען נעהנטער, האָב איך דערזעהן דאָס געוועהנליכע בילד פון חרוב׳ע שוהלען: די טהיר איז געווען אַראָבּגעריסען, די פענסטער אויסגעבּראָכען. אינעווייניג איז אַלץ געווען צובּראָכען און צוריסען. נאָר די פּאָגראָמ־

טשיקעס האָבען זיך נישט בענוגענט דערמיט, זיי האָבען נאָך די שוהל בעשמוצט, פערוואַנדעלט אין אַ בית-הכסא. אַז איך בין אַריין אין שוהל, האָב איך דאָרט געפינען אַ סאָלדאַט, וועלכער האָט געטהון זיין בעדערפעניש... איך האָב איהם אַרויסגעטריבען. אין די עטליכע מינוט, וואָס איך בין דאָרט געווען, זענען אַריין איינער נאָך דעם אַנדערן נאָך עטליכע סאָלדאַטען צו דער זעלבער בעדערפעניש.

אַז איך האָב זיך אומגעקעהרט, האָב איך בעגעגענט דעם גלח פון דער אָבטיילונג. איך האָב איהם אָבגעשטעלט און אָנווייזענדיג אויף דער שוהל, געפרעגט:

—איהר ווייסט, וואָס דאָס איז פאַר אַ בנין?

—דאָס איז אַ יודישע סינאַגאָגע.—האָט מיר ערנסט געענטפערט דער גלח.

—הייסט עס, דאָס איז גאָט דעם פאָטערס אַ טעמפעל?—האָב איך ווידער געפרעגט.—מוז ער זיין הייליג אויך פאַר קריסטען?

—געוויס!

—טאָ קומט און זעהט, וואָס מען האָט געמאַכט פון גאָט דעם פאָטערס טעמפעל.—האָב איך צוגעגעבען און צוגעפיהרט דעם גלח צו דער שוהל.

ער איז אַריינגעגאַנגען, אָנגעקוקט וואָס דאָרט טהוט זיך און אַרויסגערעדט צערודערט:

—שרעקליך! שרעקליך!

—איך רעכען, אַז אייער חוב איז צו זעהן מען זאָל אויסרייניגען די סינאַגאָגע און פערשליסען די טהיר מען זאָל דאָרט נישט קאָנען מעהר אָנשמוצען.—האָב איך געזאָגט.

—געוויס, געוויס! איך וועל דאָס מאָרגען, אפילו נאָך היינט טהון,—האָט ער מיר צוגעזאָגט.

איך בין אויף מאָרגען אָבגעפאָהרען פון טוכאָוו. אין אַ וואָכען צוויי אַרום האָב איך בעגעגענט דעם אַרצט פון דער אָבטיילונג און געפרעגט איהם וועגען דער שוהל, האָט ער מיר

געענטפערט, אַז זי איז געבליבען אין דעמזעלבען צושטאַנד וואָס געווען.

איך בין אַוועק אין שטאָדט זעהן, אפשר וועל איך קאָנען טרעפען אַ יוד און קאָנען דערוויסען זיך עפּעס וועגען דער לאַגע פון דער אָרטיגער יודישער בעפעלקערונג. די גאַסען זענען געווען פערגאָסען מיט אַ טיפער זומפּיגער בלאָטע און איך האָב זיך קוים דערקליבען צום מאַרק. קיין איין יוד האָב איך נישט בעגעגענט אין גאַס. ערגעץ איז נישט געווען אָנצוזעהן קיין קראָם. נאָר איך האָב בעמערקט, אַז אין איין הויז געהעט אָפּט אַריין סאָלדאַטען און געהען באַלד צוריק אַרויס. איך האָב אָבגעשטעלט אַ סאָלדאַט און געפרעגט, נאָך וואָס ער איז אַריינגעגאַנגען אינ׳ם הויז.

—געקויפט פּאַפּיראָסען, אייער בלאַהאָראָדיע!—האָט ער מיר געענטפערט.

איך בין אַריין אין הויז. דאָרט האָט געוואוינט אַ יוד וואָס האָט געהאַלטען אַ קראָם מיט אַלערליי סחורות פאַר סאָלדאַטען. די שטוב איז געווען נישט קיין גרויסע. כמעט אַ העלפט פון איהר איז געווען פערשטעלט און פערלעגט מיט קאַסטענס און פעק. חוץ דעם בעל-הבית, אַנ׳עלטערן יוד, וועלכער האָט פערקויפט פּאַפּיראָסען, בולקעס און אַנדערע סחורות פון ערשטען געברויך, זענען אין שטוב געווען נאָך עטליכע מענשען. אַ בחור פון אַ יאָהר אַכצעהן, אין תּפילין, איז געשטאַנען און געדאַוונט. אַנ׳אַלטער יוד, אַ קאַליקע מיט אַ קרומען פוס, איז געזעסען אין אַ ווינקעל און געזאָגט תּהילים. אַנ׳עלטערע יודענע מיט אַ פער׳הושכ׳טען פּנים איז געזעסען און געשיילט קאַרטאָפעל.

איך האָב אָבגעוואַרט ביז פון שטוב זענען אַוועק אַלע סאָלדאַטען און פונאַנדערגערעדט זיך מיט דעם בעל-הבית. ער האָט מיר דערצעהלט, אַז דאָס שטעדטעל האָט שרעקליך געליטען פון דער באָמבאַרדירונג און שפּעטער פון פּאָגראָם, וואָס די רוסען האָבען געמאַכט. אין שטאָדט זענען געווען ביי דרייהונדערט יודישע געזינדען, זענען פון זיי פערבליבען אפשר אַ פערציג נפשות. די איבריגע זענען אַנטלאָפען מיט דעם עסטריי

כּישען חיל. פערבליבען זענען מעהרסטענטייל די ביטערסטע זערימעלייט און קאַליקעס, וועלכע שטאַרבען פּשוט פון הונגער. ער, דער בעל-הבית, איז כּמעט דער איינציגער, וועלכער פערדינט אויף חיונה, נאָר ער איז אויך נישט צופרידען, וואָס ער איז פערבליבען, ווייל ער קאָן נישט צוקוקען דעם צער פון די הונגעריגע. די אַלע, וואָס האָבען זיך געפינען אין שטוב, זענען דאָס פון די שטאָדט-לייט, וועלכע האָבען זיך נישט וואו אַהינצוטהון און וואוינען ביי איהם אין הויז. די פּעק, וועלכע ליגען אָנגעלעגט, זענען אַלץ חפצים געראַטעוועטע פון די שרפות. איבערהויפּט חפצים פון שוהל. ער האָט מיר בעוויזען אין אַ קאַסטען פיל ספרי-תורות און אין נאָך אַ קאַסטען הענגלייכטער און אַנדערע שוהל-חפצים.

די יודענע, וואָס האָט געשיילט קאַרטאָפעל, האָט זיך צוגעהערט צו אונזער געשפּרעך און האָט זיך אָבגערופען:

—איך בין אַליין פון דעמביץ. געווען אַ בעל-הבית׳טע, געהאַט אַ קרעמעל אין מאַרק און דורכגעלעבט זיך מיט די קינדער. איך האָב צוויי זיהן, זענען זיי אין דער עסטרייכישער אַרמעע און איך ווייס נישט, אויב זיי לעבען נאָך. ווען די רוסען זענען אַריין, האָבען זיי אונטערגעצונדען די שטאָדט פון אַלע זייטען, איך האָב זיך קוים געראַטעוועט פון פייער און בין אַנטלאָפען אין איין אונטערקלייד. דאָס קאָפּטעלע, וואָס איהר זעהט אויף מיר, האָב איך אויפגעהויבען שוין דאָ פון אַ הויפען מיסט. איך בין געלאָפען צוזאַמען מיט אַלעמען און די כוואַליע האָט מיך פערטראָגען אַהער אין טוכאָוו. וואָס איז געוואָרען מיט דער שטאָדט, ווייס איך נישט. איך ווייס נישט וואו זענען אַהינגעקומען מיינע צוויי טעכטער מיט זייערע זיבען קינדער, מיינע אייניקלעך. אפשר זענען זיי אַלע פערברענט געוואָרען. אפשר האָבען זיי די סאָלדאַטען גע׳הרג׳עט. די מעשים, וואָס די סאָלדאַטען האָבען דאָרט אָבגעטהון, איז נישט צו דערצעהלען.

זי האָט גערעדט שטיל, מאָנאָטאָן, מיט אַנ׳אויסערליכער רוהיגקייט. כּמעט קאַלט האָט זי גערעדט וועגען די זיהן, טעכ-

טער און איינקלעך, וועלכע זענען אפשר געהרג׳עט אָדער פערברענט. און מיטאַמאָל האָט זי הויך אויפ׳ן קול אויסגערופען מיט אַ וויינענדיגען נגון:

—מען האָט געריסען ספרי־תורות און געוואָרפען די פערד אונטער די פיס. אוי! אוי! אוי! וועה איז מיר און ווינד איז מיר!

און זי האָט זיך צעוויינט אויפ׳ן קול.

איך האָב געלאָזען דעם בעל־הבית פופציג רובל אויף צוטיילען די נויטבעדערפטיגע. אויף מאָרגען אינדערפריה זענען צו מיר געקומען עטליכע יודען קלאָגען זיך, אַז ער האָט פערכאַפּט דאָס געלד, וועלכעס איך האָב געלאָזען און גיט קיינעם נישט. מיר האָט זיך נישט געגלויבט, אַז דאָס איז אמת, און איך האָב זיי גענומען גענויער פונאַנדערפרעגען. האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז ער טיילט דאָס געלד, נאָר נישט ווי עס בעדאַרף צו זיין.

—איך בין אַ בעל־הבית, האָב דאָ געהאַט אַנ׳אייגען הויז מיט אַ געשעפט,—האָט זיך אָבגערופען איינער,—גיט ער מיר צוויי רובל און אַ בעטלער, וועלכער איז שטענדיג אומגעגאַנגען איבער די הייזער, גיט ער אויך צוויי רובל. איז דאָס געהערט געוואָרען? ער דאַרף דאָך וויסען, וויפיל וועמען צו געבען.

איך האָב זיך געקליבען אומקעהרען צוריק אין טאַרנאָוו. נאָר אינדערפריה איז געקומען פון די פּאָזיציעס אַ פּאָלקאָווניק, פּרוי דעמידאָווס אַ פריינד און פערבעטען פרוי דעמידאָוו און דעם הויפּט־פּערסאָנאַל אויף אַ ספּעקטאַקל פון ליבהאָבער סאָלדאַטען, וועלכער איז איינגעאָרדענט אין דאָרף, וואו עס שטעהט זיין פּאָלק. דריי וויאָרסט פון די שלאַכט־פּאָזיציעס. בעקענענדיג זיך מיט מיר און דערוויסענדיג זיך דערצו, אַז איך בין אַ זשורנאַליסט, איז ער צוגעשטאַנען, איך זאָל, נישט אַנדערש, אויך מיטפּאָהרען אויפ׳ן ספּעקטאַקל. מיך אַליין האָט אויך אינטערעסירט צו זעהן אַ סאָלדאַטען־ספּעקטאַקל, דערצו נאָך ביי די רעכטע פּאָזיציעס אונטער׳ן קלאַנג פון קאַנאָנען־שיסעריי, און איך האָב איינגעשטימט מיטצופּאָהרען.

מיר זענען אַלע אַהינגעפאָהרען און פערבראַכט געמיטליך דעם אָוועגד. דער ספעקטאַקל איז דורכגעגאַנגען זעהר געלונגען און פערשאַפט פערגעניגען נישט נאָר די סאָלדאַטען, נאָר אויך די אָפיצירען און דעם פּאָלקאָווניק. נאָכ'ן ספעקטאַקל האָבען די אָפיצירען איינגעאָרדענט פאַר די געסט אַנ'אָוועגדברויט. געווען איז עס איינגעאָרדענט אין אַ פויערשער כאַלופּע, וואו עטליכע אָפיצירען האָבען געוואוינט. עס איז געווען זעהר ענג, עס האָבען אויסגעפעלט גאָפּלען, טעלער און גלעזער. דערפאַר איז געווען וויין און בראָנפען און די שטימונג איז געווען זעהר אַ געהויבענע. מען האָט גערעדט וועגען רוסלאַנד, וועגען גרויסען אָפּפער, וואָס מען ברענגט פאַר דעם פאָטערלאַנד און דער גאַנצער מענשהייט א. ד. ג. ביי איניגע אָפיצירען זענען געווען טרעהרען אין די אויגען. צום סוף איז מיט מיר פאָר־געקומען אַ קאָמישער עפּיזאָד. אַ יונגער אָפיציר איז צו מיר צוגעגאַנגען און מיט גרויס אָבשיי געפרעגט:

—איהר זענט דער שריפטשטעלער אַן־סקי?

—יאָ?

—אַך, איך בין זעהר צופרידען מיט אייך בעקאַנט צו ווערען! איך לעז שטענדיג אייערע אַרטיקלען מיט'ן גרעסטען אינטערעס... איך בעט אייך, אַז איהר וועט זיין אין פעטער־בורג, גיט דאָרט אָב אַ גרוס אַלע אייערע חברים, די מיט־אַרבייטער פון „נאָוואָיע ווערמיאַ" און „וויעטשערנאָיע ווערמיאַ" (דאָס זענען געווען די רוסישע אַנטיסעמיטישע צייטונגען).

ער האָט זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלען, אַז אַ זשורנאַ־ליסט, וועלכער געפינט זיך אויף די פּאָזיציעס, זאָל נישט זיין קיין מיטאַרבייטער פון „נאָוואָיע ווערמיאַ".

שפּעט ביינאַכט זענען מיר אָבגעפאָהרען אין טוכאָוו. איך האָב דאָרט איבערגענעכטיגט און אויף מאָרגען פריה אומגע־קעהרט זיך אין טאַרנאָוו.

## יא

מיין ערשטע אויפגאַבע, אַריינקומען אין גאַליציע, כּדי צו דערוויסען זיך וואָס דאָרט קומט פאָר מיט דער יודישער בע־פעלקערונג, איז געווען דערגרייכט. ווייטער איז מיר אויסגעקו-מען אַרומצופאָהרען איבער די אָקופּירטע שטעדט און שטעדטלעך און אויספאָרשען גענוי די לאַגע. איך האָב זיך אָבגעשטעלט אויף דעם פּלאַן,–פאָרלעגען דעם פירשט דאָלגאָרוקאָוו און דעמי־דאָוו׳ן, זיי זאָלען מיך קאָמאַנדירען אַרומפאָהרען איבער גאַליציע זוכען פעל און לעדער פאַר די אָבטיילונגען. באמת האָבען די אָבטיילונגען טאַקי שטאַרק גענויטיגט זיך אין לעדער. פון רוס־לאַנד איז געווען אונמעגליך צו בעקומען שוכוואַרג. אין גאַלי־ציע האָט מען די סחורה אויך נישט געקאָנט קריגען. די, וואָס האָבען געהאַט ביי זיך זאַפּאַסען פון לעדער אָדער שטיוועל, האָבען מורא געהאַט צו אַנטפלעקען, די מיליטערישע מאַכט זאָל עס נישט רעקוויזירען. מיר אָבער, אַ פאָרשטעהער פון אַ געזעל־שאַפטליכער אָרגאַניזאַציע און דערצו נאָך אַ יוד, וואָלט מען קיין מורא נישט געהאַט צו פערקויפען די סחורה.

כאָטש איך האָב בעזוכט בלויז עטליכע שטעדט, האָב איך פונדעסטוועגען שוין געהאט אַנ׳אַלגעמיינע פאָרשטעלונג וועגען דער לאַגע פון דער יודישער בעפעלקערונג אין אָקופּירטען קאַנט. ווייטער אַרומפאָהרען בלויז מיט אויספאָרשונגס־צילען האָט קיין צוועק נישט געהאַט. קומען אויף אַנ׳אָרט, וואו מען שטאַרבט פון הונגער, כּדי נאָר צו פערצייכענען די נויט און נישט האָ־בען דערביי די מעגליכקייט צו געבען דער בעפעלקערונג אַ וועל-כע עס איז הילף, וואָלט זיין זעהר פּיינליך. דערום האָט זיך אַרויסגעשטעלט נאָך אַנ׳אויפגאַבע: בעקומען אַ געוויסע סומע געלד, כּדי ברענגען כאָטש אַ קליינע שטיצע אין די ערטער, וואָס איך וועל בעזוכען. מיט דעם צוועק האָב איך בעשטימט פאָהרען קיין פּעטערבורג, מאָסקווע און קיעוו, דערצעהלען דאָרט וועגען די יודישע צרות אין גאַליציע און בעקומען פון קאַמיטעטען אַדער

פון פריוואַטע פערזאָנען עטליכע צעהנדליג טויזענד רובל. ווען איך האָב זיך אומגעקעהרט אין טאַרנאָוו, האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז איך מוז פאָהרען גלייך קיין פעטערבורג וועגען נאָך אַנ׳ענין.

באַלד נאָך מיין קומען קיין טאַרנאָוו, איז צו מיר געקומען ד״ר אדער און מיר דערצעהלט, אַז איבער דער שטאָדט זענען פונאַנדערגעקלעבט פלאַקאַטען פון דער מיליטער־מאַכט אין פויליש און דייטש, אין וועלכע די אַרמעע און די קריסטליכע בעפעלקערונג ווערען אויפגעהעצט געגען יודען. דאָס איז אַנ־איינפאַכער פאָגראָם־פלאַקאַט, וואָס קאָן אַרויסרופען די שרעקליכסטע געשעהענישען.

איך בין אַרויס אין גאַס און דורכגעלעזען די „מעלדונג״. יי האָט אויף מיר געמאַכט אַ שרעקליכען איינדרוק.

דער אינהאַלט פון דער מעלדונג איז געווען פאָלגענדער:

## מעלדונג.

„די ערפאַהרונג פון דער איצטיגער מלחמה האָט אַרויסגעוויזען די אָפען פיינדליכע בעציהונג צו אונז מצד דער יודישער בעפעלקערונג פון פוילען, גאַליציע און בוקאָווינע.

„ביי יעדען פערלאָזען דורך אונזער מיליטער אַ וועלכען עס איז אָרט און ביי דעם פערנעהמען דעם אָרט דורך אונזער פיינד, שיטען זיך אויף דער צו אונז פריינדליכער בעפעלקערונג אַלערליי שטראָפען, הויפטזעכליך לויט די מסירות פון יודען, וועלכע רייצען אָן די עסטרייכישע און דייטשע מאַכטהאָבער אויף דער בעפעלקערונג.

„כדי צו בעפרייען די בעפעלקערונג פון פערפאָלגונגען און דאָס מיליטער פון שפּיאָנאַזש, מיט וואָס עס בעשעפטיגען זיך יודען אויף אונזער גאַנצען פראָנט, האָט דער העכסטער הויפּטקאָמאַנדיר פערבאָטען יודען זאָלען זיך געפינען אין דעם ראַיאָן פון דער אַרמעע און פערבאָטען זייער אַריינפאָהר אין דעם ראַיאָן צו מערב פון דער שטאָדט יאַראָסלאַוו. און כדי צו פערהיטען די פרידליכע בעפעלקערונג פון פאַלשע מסירות און אויך, ווייל עס זענען ענטדעקט געוואָרען יודען-שפּיאָנען,

האָט דער העכסטער הויפּט-קאָמאַנדיר בעפוילען: נעהמען ערוב׳ניקעס... פאַר יעדען פרידליכען איינוואוינער אויף וועלכען עס וועט דערלאַנגט ווערען דעם פיינד אַ מסירה און אויך פאַר יעדען פערהאַלטענעם יודישען שפּיאָן, וועלען זיין פעראַנטוואָרטליך צוויי ערוב׳ניקעס און וועלען בעשטראָפט ווערען מיט טויט-שטראָף דורך הענגען.

„די פעראָרדנונג ווערט אָנגענומען אין די אינטערעסען פון דער פרידליכער, צו אונז פריינדליכער בעפעלקערונג, כדי אָבצוהיטען זי פון שטראָפען, וואָס קאָנען פאַלען אויף איהר מצד אונזערע פיינד. די פעראָרדנונג גרינדעט זיך אויפ׳ן סמך פון אַ זעקס-חדשים׳דיגער ערפאַהרונג, וועלכע האָט געבראַכט די מיליטער-מאַכט צו אַנ׳אונבעדינגטער איבערצייגונג, אַז יודען האָבען זיך בעצויגען און בעציהען זיך נישט לאָיאַל און אכזריות׳דיג צו דער אָרטיגער בעפעלקערונג.״

(קיין אונטערשריפט איז אויף דער מעלדונג נישט געווען).

איך האָב אין גאַס בעגעגענט פרוי ד״ר שאַפּירא. זי איז אויך געווען אויפגערעגט פון דער מעלדונג. זי האָט עס נאָך איידערפריה איבערגעשריבען און אַוועקגעטראָגען דעם פירשט דאָלגאָרוקאָוו. ער איז געווען אויסער זיך פון דער נבלה, האָט אָנגעשריבען אַ קאָרעספּאָנדענץ אין „רוסקיע וויעדאָמאָסטי״ וועגען דעם, נאָר ער האָט דערבײַ אַרויסגעזאָגט, אַז די צענזור וועט געוויס נישט ערלויבען עס צו דרוקען. ער איז געווען זיכער, אַז די מעלדונג שטאַמט פון דער הויפּט-סטאַווקע און דעריבער איז דאָ גאָרנישט צו מאַכען. שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דאָלגאָרוקאָוו, נישט האָבענדיג די מעגליכקייט עפּעס צו טהון געגען דער „מעלדונג״, האָט, ווי אַ פּראָטעסט אַנטקעגען דער אָפענער יודען-העצע, אַרויסגעהאַנגען אויף זיין אַמבולאַטאָריע אַ שילד אין יודיש: „אַמבולאַטאָריע פאַר קומענדע קראַנקע אָהן אונטערשיד פון נאַציאָנאַליטעט״.

כדי בעקאַנט צו מאַכען די פּעטערבורגער כלל-טוּער מיט דעם ענין, האָב איך געמוזט האָבען אַנ׳עקזעמפּליאַר פון דער „מעלדונג״. אָבער ווי בעקומט מען איהם? דער איינציגער מי־

טעל איז געווען אַראָבגעריסען איהם פון וואַנד. אויספיהרען עס האָב איך געדאַרפט זעהר פאָרזיכטיג, ווייל פאַר אַזאַ מעשה האָט מען געקאָנט איבערגעגעבען ווערען צום פעלד-געריכט. אַ זייגער צעהן ביינאַכט בין איך מיט׳ן ד״ר אַדער אַוועק איבער דער שטאָדט זוכען אַנ׳אָרט, וואו מען קאָן אונבעמערקט אַראָבגרייסען די „מעלדונג״. די פלאַקאַטען זענען געווען פונאַנדערגעקלעבט אין אַלע גאַסען און, צום גליק, צוגעקלעבט צו דער וואַנד בלויז מיט די ווינקלען, אַזוי, אַז עס איז גרינג געווען זיי אַראָבצו-רייסען. מעהר ווי אַ שעה זענען מיר אַרומגעגאַנגען, ביז מיר האָבען געטראָפען אַ פוסט געסעל, וואו קיין איין פאַרבייגעהער איז נישט געווען. איך האָב געשווינד אַראָבגעריסען די „מעל-דונג״ און אומגעקעהרט זיך אַהיים.

דעמזעלבען טאָג, אין אָוונד, האָב איך זיך געזעהן מיט׳ן פירשט דאָלגאָרוקאָוו און פאָרגעלעגט איהם דעם פלאַן וועגען אַרומפאָהרען זוכען לעדער. דער פלאַן איז איהם געפעלען גע-וואָרען און ער האָט מיר אַרויסגעגעבען אַנ׳אָפיציעלע בעפול-מעכטיגונג אַרומצופאָהרען איבער גאַנץ גאַליציע און אויפזוכען פאַר דער אָבטיילונג לעדער. איך האָב געוואָלט בעקומען אַנ׳-עהנליכע בעפולמעכטיגונג אויך פון דעמידאָוו׳ן, וועלכער האָט גע-דאַרפט קומען מאָרגען.

דאָס איז געווען דעם 12־טען פעברואַר. איך האָב בע-שטימט אָבצופאָהרען דעם 14-טען.

## יב

אויף מאָרגען אינדערפריה בין איך אַריינגעקומען צו ד״ר אַדער געזעגענען זיך. ער האָט געוואוינט אין אַנ׳אייגען דריי-שטאָקיג הויז, וועלכעס האָט זיך געפינען גאַנץ נאָהנט נעבען דער וואוינונג פון אונזער אָבטיילונג. נעבען אַדערס הויז, אין אַ קליין געסעל, איז געווען אַנ׳איינשטאָקיג הייזעל, וואו עס האָט גע-וואוינט אַ יודישער שניידער. אַזוי ווי איך האָב געדאַרפט מאַ־

כֿען אַ קלײנע רעפּעראַציע, בין איך אַרײַן צום שנײדער און בײַ אַ שעה געזעסען בײַ איהם, ביז ער האָט געמאַכֿט די רע-פּעראַציע.

די געשעהענישען, װעלכֿע זענען באַלד נאָכֿדעם פאָרגעקו-מען, האָבען אײַנגעקריצט אין מײַן זינען אַלץ, װאָס איך האָב געזעהן בײַם שנײדער, בשעת איך בין בײַ איהם געזעסען. דער שנײדער איז געשטאַנען בײַם טיש און צוגעשניטען געװאַנד אויף אַ בגד. אויפ׳ן טיש, די פיס אונטער זיך, װי עס זיצען גע-װעהנליך שנײדער, איז געזעסען אַ יונגערמאַן, אַ מיטאַרבײַטער און גענומען פּעריכֿטען מײַן שינעל. בײַם אויװען איז געשטאַ-נען אַ יונג װײַבעל. דאָס װײַבעל איז געװען דעם שנײדערס אַ שװעגערין. איהר מאַן האָט זיך געפינען אין אַמעריקא און זי מיט צװײ קינדער, יונגלעך, האָט זיך אויפגעהאַלטען בײַם שנײ-דער. די קינדער איהרע, צװײ יונגלעך פון פינף און זעקס יאָהר, האָבען זיך געפינען אין צװײטען װינקעל און איבערגע-לעגט קאַרטאָפעל פון אַ זאַק אין אַ קאַסטען. דער שנײדער האָט מיר דערצעהלט װעגען די געשעהענישען, װאָס זענען פאָרגעקו-מען אין שטאָדט, װעגען דער נויט און דחקות פון דער יודי-שער בעפעלקערונג. ער אַלײן האָט זיך נישט װאָס צו בעקלאָ-גען. הלואי אויף אַלע יודען געזאָגט געװאָרען. פון די רוסישע אָפיצירען פערדינט ער פיל מעהר און בעסער, װי פון די עסט-רײַכֿישע.

אַ זײגער צװעלף בין איך אַװעק צו דעמידאָװ׳ן, װעלכֿער האָט געװאוינט אין אַ קלײן הײזעל אויפ׳ן הויף פון דער אָפּ-טײלונג. מיר זענען געזעסען בײַם טיש און בעטראַכֿט דעם פּלאַן װעגען מײַן אַרומפאָהרען זוכֿען און אויפקויפען לעדער.

מיטאַמאָל האָט געגעבען אַ מורא׳דיגער דונער-קלאַפּ, אַקו-ראַט, װי אַ הויז װאָלט ערגעץ אין דער נאָהנט אײַנגעפאַלען. די שויבען פון הײזעל, װאו מיר זענען געזעסען, האָבען גע-פּלאַצט און צושאָטען זיך, מיר בײדע זענען געװאָרען אַראָפּ-געװאָרפען פון די שטולען, אויף װעלכֿע מיר זענען געזעסען.

—מען בעשיסט ווידער די שטאָדט!—האָט זיך אַרויסגעריסען בּיי מיר אַנ׳אויסגעשריי.

מיר זענען אויפגעשפּרונגען און בּיידע אַרויסגעלאָפען פון שטוב. דאָס ערשטע, וואָס איך האָבּ דערזעהן, איז געווען אַ וואָלקען געלער שטויבּ, וועלכער האָט געדיכט אַרומגערינגעלט ד״ר אַדערס הויז און שנעל געהויבּען זיך אין דער הויך. פון דאָרט האָבּען זיך געטראָגען פערצווייפעלטע געשרייען. איך בּין אַוועק צום הויז און בּאַלד דערזעהן, אַז די פאָדערשטע וואַנד פון אויבּערשטען און מיטעלסטען שטאָק איז אינגאַנצען דורכגעבּראָכען, דער דאַך—אַראָבּגעריסען. דערבּיי האָבּ איך בּעמערקט, אַז אין דעם הייזעל, וואו דער שניידער האָט געוואוינט, איז אויך דורכגעבּראָכען די פאָדערשטע וואַנד. פון ערשטען בּליק האָט מען געקאָנט פערשטעהן, אַז דער סנאַריאַד האָט געטראָפען אין אַדערס הויז, האָט דורכגעבּראָכען דעם דאַך, איז דורכגעפלויגען דעם אויבּערשטען שטאָק, דורכגעריסען זיך אין מיטעלסטען, אַרויסגעזעצט די פאָדערשטע וואַנד און, דורכפליהענדיג דאָס געסעל, אַריין אין שניידערס הייזעל.

אין אַדערס הויז זענען די טרעפּ גאַנץ געבּליבּען. איך בּין אַרויפגעלאָפען צו אַדער׳ן אין דירה, נאָר דאָרט קיינעם נישט געטראָפען. אין וואוינונג איז געווען אַ שרעקליכער חורבּן. דער ראָיאַל און דאָס איבּעריגע מעבּעל איז געווען צובּראָכען אויף קליינע שטיקלעך. די פּאָדלאָגע איז געווען דיק בּעדעקט מיט שטיקער ליים און ציגעל. אַלץ איז געווען בּעדעקט מיט אַ געדיכטען שטויבּ פון קאַלך און ליים. און אין דערזעלבּער צייט איז אויף דער הינטערשטער וואַנד געבּליבּען הענגען אונבּעריהרט אַ גרויס בּילד און אויף אַ טישעלע זענען געבּליבּען שטעהן גלעזערנע כּלים. נאָך אַ גרעסערער חורבּן איז געווען אויף דעם אויבּערשטען שטאָק, וואו די פּאָדלאָגע איז געווען דורכגעבּראָכען. אַהין האָט מען נישט געקאָנט אַרויפגעהן, ווייל די טרעפּ זענען געווען צושעדיגט. אויף דעם שטאָק זענען אין אַ זייטיג צימער געזעסען פיר-פינף רוסישע זעלנער און געשפּילט אין קאָרטען. זיי זענען געבּליבּען אונבּעריהרט און האָ־

בען אפילו אין דער ערשטער מינוט נישט פערשטאַנען, אַז דער סנאַריאַד האָט געטראָפען אין הויז, עטליכע אַרשין פון זייער צימער. איך האָב שוין פריהער אויך בעמערקט די אייגענשאַפט פון די סנאַריאַדען, אַז, מאַכענדיג די שרעקליכסטע צושטערונגען אין דער ריכטונג, אין וועלכער זיי פליהען, לאָזען זיי אומגעשעדיגט די זייטיגע ערטער.

מיך האָט זעהר בעאונרוהיגט דער שיקזאַל פון ד״ר אַדער, וועלכען איך האָב מיט אַ פּאָר שעה צוריק געלאָזען ביי זיך אין קאַבינעט. אַריינדרינגען איצט צו איהם אין קאַבינעט איז געווען אונמעגליך, ווייל די טהיר איז געווען פערוואָרפען מיט מעבעל און שטיינער. איך בין כמעט געווען זיכער, אַז הינטער דער פערשפּאַרטער טהיר פון קאַבינעט געפינט זיך ד״ר אַדער, אַ פערוואונדעטער, אָדער אַ גע׳הרג׳עטער. נאָר ווען איך בין אַראָב אונטען, האָב איך זיך צוזאַמענגעשטויסען מיט׳ן ד״ר אַדער, וועלכער איז נאָר-וואָס געקומען פון גאַס. מיט אַ האַלבע שעה צוריק האָט מען איהם אַרויסגערופען צו אַ קראַנקען—און דאָס האָט איהם געראַטעוועט. נאָר ער האָט איצט נישט געטראַכט וועגען נס, וואָס עס איז מיט איהם געשעהן. ער איז געווען ערשיטערט פון זיין אומגליק, וואָס זיין הויז און דירה זענען געשעדיגט און ער איז רואינירט.

איך בין אַריין אין הויף פון שניידערס הייזעל. דאָס ערשטע, וואָס האָט זיך מיר אַ וואָרף געטהון אין די אויגען איז געווען אַ פערד-שטאַל. די פאָדערשטע וואַנד איז געווען אויסגעריסען. אין שטאַל זענען געווען צוויי פערד. איינער אַ שוואַרצער, אינגאַנצען אָבגעגאָסען מיט בלוט, איז געשטאַנען און געציטערט, אָבער ער איז נישט געווען פערוואונדעט. נעבען איהם איז געלעגען אויף דער ערד אין די לעצטע קאָנוואולסיעס אַ ווייסער פערד, ביי וועלכען עס איז געווען אַרויסגעריסען די גאַנצע אינגעווייט.

סאַניטאַרען האָבען אויף טראָגבעטלעך אַרויסגעטראָגען פון הויז פערוואונדעטע. פריהער דעם אַרבייטער, וועלכער האָט מיט אַ שעה צוריק פעריכט מיין שינעל. ער איז געווען בלייך, ווי

קאַלך און מיט שטאַרע, ברייט-פונאַנדערגעעפענטע אויגען דערשראָ-קען געקוקט פאַר זיך. פון אונטער די טראָגבעטלעך האָט אַרויס-געטריפט בלוט. נאָך איהם האָט מען אַרויסגעטראָגען דאָס ווייבעל. ביי איהר זענען געוועזן אָבגעריסען ביידע פיס, פון וועלכע ס'זענען אַראָבגעהאַנגען שטיקער פלייש צוזאַמען מיט אָבגעריסענע שטיקלעך מאַטעריע, אויסגעמישט מיט פערבלוטיגט ליים. נאָכדעם האָט מען אַרויסגעטראָגען דעם יונגערן פון די צוויי קינדער, וועלכע איך האָב געזעהן. ער איז גע'הרג'עט געוואָרען אויפ'ן אָרט. אַ שטיק שראַפנעל האָט איהם דורכגעלעכערט די ברוסט.

איך בין אַריין אין הויז. דאָרט איז געוועזן אַ פולשטענדיגער חורבן. אַלץ איז געוועזן צובראָכען און אויסגעמישט מיט ליים און בלוט. אין צווייטען חדר, וואו די וואַנד איז אויך געוועזן צושעדיגט, איז אויפ'ן בעט געלעגען אַנ'אַלטע פרוי. אַרום איהר זענען געשטאַנען עטליכע סאַניטאַרען. די פרוי איז נישט געוועזן פערוואונדעט און די סאַניטאַרען האָבען איהר פאָרגעלעגט, זי זאָל אויפשטעהן און אַרויסגעהן, ווייל די וואַנד האָט געקאָנט יעדע מינוט איינפאַלען. די אַלטע האָט אָבער נישט פערשטאַנען, וואָס זיי רעדען צו איהר און זיך נישט געריהרט פון אָרט. האָבען זיי גענומען אַראָבנעהמען זי פון בעט און אַרויספיהרען. זי האָט אָנגעהויבען שרעקליך שרייען. אין דער צייט איז אַריין אַ שכן און ערקלערט, אַז די אַלטע איז אַ געלעהמטע און קאָן זיך פון אָרט נישט ריהרען. ענדליך האָט מען זי אויף אַ טראָגבעטעל אַריינגעטראָגען צו אַ שכן. אַרויסגעהענדיג פון הייזעל, האָב איך דערזעהן דעם שניידער, וועלכער איז אַרומגעגאַנגען ביים הויז הין און צוריק. ער איז גאַנץ געבליבען, נאָר האָט זיך געפינען אין אַ צושטאַנד נאָהנט צו משוגעת. ער האָט מיך אָנגעכאַפט פאַר דער האַנד און אָנגעהויבען שרייען בערוועז:

—איהר האָט געזעהן? איהר האָט געזעהן? אַ תכלית געמאַכט פון אַלעמען אין איין רגע! דאָס זענען אייך מיינע גליקען! וואָס וועל איך מודיע זיין דעם ברודער אין אַמעריקא?

דאָס ווייב מיט די קינדער—אַלע גע׳הרג׳עט.

די גאַס ביי אַדערס הויז איז געווען נישט צו דערקענען. אויף אַ שטח פון צוואַנציג–דרייסיג קלאַפטער איז זי געווען פער־וואָרפען מיט ציגעל, שפענער, צובראָכען גלאָז און דאָס אַלץ איז געווען אויסגעמישט מיט אַראָבגעריסענעם טעלעגראַפען-דראָט.

בסך הכל זענען פון דעם אויפרייס גע׳הרג׳עט געוואָרען ביים שניידער אין הויז דאָס יונגעל און אין אַ צווייטער גאַס, וואוהין עס איז פערפלויגען אַ שטיק סנאַריאַד, איז גע׳הרג׳עט געוואָרען אַ ווייבעל. פערוואונדעט זענען געוואָרען דעם שניי-דערס שוועגערין און דער מיטאַרבייטער.

איך בין אַוועק אין לאַזאַרעט, וואוהין מען האָט אַוועקגע-פיהרט דעם מיטאַרבייטער און דאָס ווייבעל.

איך האָב געפינען דעם מיטאַרבייטער אויף דעם איבער-בינטס-טיש אַ הוילען און נעבען איהם צוויי דאָקטוירים. דער-זעהענדיג מיך, האָט דער פערוואונדעטער אָנגעהויבען עטוואָס גיך צו רעדען, נאָר די דאָקטוירים האָבען מיר געגעבען אַ וואונק, איך זאָל אַרויסגעהן. באַלד נאָך מיר איז אַרויסגעאַנגען אַ דאָקטאָר.

—ביי איהם איז צובראָכען דער חוט־השדרה. איהם איז געבליבען צו לעבען אַ פּאָר שעה.

—און דאָס ווייבעל?

—איהר האָט מען אַראָפּגענומען ביידע פיס. הלואי זאָל זי דערציהען ביז מאָרגען פריה.

איך בין אַוועק צו זיך אין האָטעל. אין אונטערשטען שטאָק איז געווען די אַמבולאַטאָריע פון פירשט דאָלגאָרו-קאָוו. איך האָב אַריינגעקוקט אַהין און דערזעהן דאָרט דאָס צווייטע יונגעל פון שניידערס הויז. ער האָט זיך געפינען אַליין אין אַמבולאַטאָריע, איז געזעסען אויף אַ הויכער שטוהל און ביידע הענטלעך זענען ביי איהם געווען פערבינטעוועט אַזוי, אַז אָנשטאָט די פינגער, זענען געווען קנוילען פון מאַרלי. אפנים, ריטז האָט איהם איבערגעבונדען די הענטלעך און פשוט

פֿערגעסען דאָ. איך בין צוגעגאַנגען און גענומען איהם פֿונאַנדערפֿרעגען, ווי אַזוי ער קומט אַהער. ער האָט מיר רוהיג און צו דער זאַך געענטפֿערט. אָבֿער איך האָבֿ בעמערקט, אַז ער איז נאָך נישט אַרויס פֿון דער ערשיטערונג, וועלכֿע ער האָט מיט אַ פּאָר שעה צוריק איבֿערגעלעבֿט. איך האָבֿ איהם גענומען אויף די הענט, איבֿערגעטראָגען צו זיך אין צימער, אויסגעטהון איהם, אַריינגעלעגט אין בעט און געגעבֿען טעה און עסען. ער האָט אַלץ אויפֿגענומען רוהיג און גלייכֿגילטיג, ווי גאָר אַ געוועהנליכֿע זאַך. איך האָבֿ איהם געפֿרעגט, אויבֿ ער געדענקט, וואָס עס איז פֿאָרגעקומען. ער האָט מיר געענטפֿערט שטיל און זעהר רוהיג:

—איך געדענק אַלץ... עס האָט געגעבֿען אַ שטאַרקער קלאַפּ, ווי אַ דונער; איך בין אַנידערגעפֿאַלען. מיך האָט עפּעס אָבֿגעבֿריט און בעשאָטען מיט ציגעל. איך האָבֿ זיך אויפֿגעכֿאַפּט און דערזעהן, אַז נעבֿען מיר ליגט דאָס ברודערל מיט אַ דורכֿגעלעכֿערט האַרץ און איז אינגאַנצען פֿערגאָסען מיט בלוט און די מאַמע ליגט אויף דער ערד מיט אָבֿגעריסענע פֿיס און פֿון זיי גיסט בלוט. האָבֿ איך אָנגעהויבֿען שרייען. נאָכֿדעם זענען געקומען מענשען און האָבֿען אַלעמען צוגענומען און מיך אויך...

אין דער צייט, ווען ער האָט גערעדט, האָט ווידער אַ דונער געטהון אַנ׳אויפֿרייס זעהר נאָהנט, אַזוי, אַז די שויבֿען פֿון די פֿענסטער האָבֿען אַ שטאַרקען ציטער געטהון און איך האָבֿ בעמערקט, אַז דאָס יונגעלע האָט נישט געהערט דעם אויפֿרייס, אפֿילו נישט אַ ציטער געטהון.

איך בין צוגעגאַנגען צום פֿענסטער און האָבֿ דערזעהן, אַז אַקוראַט אַנטקעגען האָטעל, נאָר איבֿער דריי גאַסען, איז אַ גרויסער דרייגאָרענדיגער מויער, וואו עס האָט זיך געפֿינען דער אָפֿיצירען-קלובֿ, אינגאַנצען אַרומגערינגעלט מיט אַ וואָלקען געלען שטויבֿ. ווען דער וואָלקען איז אַ ביסעל פֿונאַנדערגעגאַנגען, האָבֿ איך דערזעהן, אַז דער מויער איז ביז אונטען צוהאַקט אויף דער העלפֿט. צום גליק, איז בעת׳ן אויפֿרייס קיינער נישט געוועזען אין הויז. אַנ׳אינטערעסאַנטער שטריך.

אין עטליכע מינוט נאָך דעם אויפרייס זענען פון אַלע גאַסען צעהנדליגער מענשען געלאָפען צום צושעדיגטען הויז, כדי צו קלויבען דאָרט האָלץ און שפענער.

איך האָב אָנגעזאָגט דעם שניידער, אַז דאָס יונגעלע גע-פינט זיך ביי מיר און מען איז שפּעטער געקומען און צוגענו-מען איהם.

## יג

אויף מאָרגען, דעם 14-טען פעברואַר אינדערפריה, ווען איך האָב זיך געגרייט אָבצופאָהרען, איז געקומען צו מיר דער קאָמענדאַנט פון שטאָדט, פּאָלקאָווניק מאַרקעוויטש. מיך האָט זעהר פערוואונדערט זיין וויזיט, ווייל איך האָב זיך מיט איהם נאָר איינמאָל בעגעגענט,ביים פירשט דאָלגאָרוקאָוו.

—איך בין געקומען צו אייך מיט אַ גרויסער בקשה,— האָט ער מיר ערקלערט דעם ציל פון זיין וויזיט.—מען האָט מיר געזאָגט, אַז איהר פאָהרט היינט אָב קיין קיעוו, ווייל איך אייך בעטען אָבפיהרען אין קיעוו אַ בריף צו מיין פרוי און אַ קליינינקע פּאָסילקע און, איבערהויפּט, אַ פּערזענליכען גרוס. איך האָב זעהר מורא, אַז ווען אַהין וועט אָנקומען די נאַכריכט וועגען דער בעשיסונג פון שטאָדט, וועט די פרוי מיינע זיך שטאַרק בעאומרוהיגען.

איך האָב איהם צוגעזאָגט ערפילען זיין בקשה.

—איך האָב זיך געקליבען רעדען מיט אייך, ווי מיט אַ זשורנאַליסט,—האָט ער ווייטער געזאָגט.—די אָרטיגע בעפעלקע-רונג קלאָגט זיך שטענדיג אויף דער מאַכט, מסתמא קלאָגט מען זיך אויף מיר אויך. נאָר מיין בעציהונג צו דער בעפעלקערונג איז זעהר אַ הומאַניטאַרע. מיט עטליכע חדשים צוריק, ווען איך בין בעשטימט געוואָרען פאַר אַ קאָמענדאַנט אַהער, אין טאַר-נאָוו, האָב איך פערזאַמעלט די פאָרשטעהער פון שטאָדט און געהאַלטען פאַר זיי אַ רעדע. איך האָב זיי געזאָגט, אַז איך

פערשטעה, אַז ווי אונטערטאַנען פון אַ פיינדליכער מלוכה, קאָן איך פון זיי נישט פאָדערן קיין איבערגעגעבענקייט צו דער רו-סישער מאַכט. דאָס איינציגע, וואָס איך פאָדער: זיי זאָלען זיך האַלטען נייטראַל און לאָיאַל... איך וואָלט זעהר וועלען, איהר זאָלט דורכלעזען מיין רעדע, וועלכע איז ביי מיר פערשריבען. אפשר וועט איהר געפינען פאַר אינטערעסאַנט אָבצודרוקען זי אין אַ קיעווער צייטונג.

—גיט מיר אויף יעדען פאַל די רעדע,—האָב איך איהם געזאָגט.

—זי געפינט זיך אין מיין קאַנצעלאַריע. איך וואָלט אייך זעהר בעטען צופאָהרען אויף מיין אויטאָמאָביל צוזאַמען מיט מיר צו דער קאַנצעלאַריע.

איך האָב איינגעשטימט.

דער קאָמענדאַנט איז אַריבער צו די נעכטיגע אויפרייסונ-גען. ער האָט גערעדט וועגען זיי זעהר אויפגערעגט. איך האָב בעמערקט פון דער ערשטער מינוט, אַז ער געפינט זיך אין אַ שטאַרק נערוועזען צושטאַנד.

—דאָס איז אַן׳אונגעהויערע נבלה: בעשיסען אַ שטאָדט, וועלכע איז נישט בעפעסטיגט, האָט נישט קיין מיליטער און וואו עס געפינט זיך ביי אַ צעהנדליג לאַזאַרעטען. איך האָב בעשטימט אָנצונעהמען אַנטקעגען דעם מיטלען!

—וואָס פאַר אַ מיטלען קאָנט איהר אָננעהמען געגען דעם?—האָב איך זיך פערוואונדערט.

—איך וועל געפינען אַ מיטעל, איבערגעבען אין פיינדלי-כען שטאַב אַ ידיעה, אַז אין שטאָדט איז נישטאָ קיין חיל און עס איז אַן׳עולה צו בעשיסען די פרידליכע בעפעלקערונג. איך וועל זעהן, אַז די ידיעה זאָל מיטיילען אַהין דער היגער ביר-גערמייסטער און דער יעפּיסקאָפּ. איך וועל פשוט בעפעהלען, זיי זאָלען אָנשרייבען אַזאַ בעריכט.

ער האָט אַ ווײלע געשוויגען און צוגעגעבען:

—איך בין זיכער, אַז די גאַנצע שיסעריי איז געווענדעט

אַנטקעגען מיר. זיי צילען זיך אין מיין וואוינונג... נאָר איך האָב שוין געפינען אַ גוטען מיטעל אַנטקעגען דעם.

מיר האָט אויסגעוויזען גאַנץ ווילד דער פּלאַן, ווענדען זיך צום שטאַב פון שונא. נאָר איך האָב נישט געענטפערט.

מיר זענען אויף דעם קאָמענדאַנטס אויטאָמאָביל צוגע-פאָהרען צו זיין קאַנצעלאַריע. בשעת מיר זענען אַרויסגעשטיגען פון אויטאָמאָביל, איז פאַרבייגעפאָהרען אַ קאַרעט געשפּאַנט מיט צוויי גוטע פערד. דער קאָמענדאַנט האָט אָבגעשטעלט די קאַ-רעט און פון דאָרט איז אַרויסגעשטיגען אַנ'עלעגאַנט געקליידע-טער מאַן פון אַ יאָר פערציג, וועלכער האָט קאַלט און מיט זעלבסטווירדע בעגריסט דעם קאָמענדאַנט.

דער קאָמענדאַנט האָט איהם מיר פאָרגעשטעלט:

—דער הער בירגערמייסטער פון טאַרנאָוו.

ער האָט אָנגעהויבען אויפגערעגט רעדען מיט דעם ביר-גערמייסטער אויף פויליש. דער לעצטער האָט איהם געענטפערט קאַלט און ענטשידען. איך האָב נישט פערשטאַנען, וואָס זיי האָ-בען גערעדט און האָב זיך נישט זעהר צוגעהערט צו זייער גע-שפרעך. נאָר פון איינינגע ווערטער האָב איך פערשטאַנען, אַז עס האַנדעלט זיך וועגען דעם פאָרשלאָג צו געבען אַ ידיעה אין פיינדליכען שטאַב.

ווען דער בירגערמייסטער האָט זיך געזעגענט, אַריינגע-זעצט זיך אין קאַרעט און אַוועקגעפאָהרען, האָט מיר דער קאָ-מענדאַנט געזאָגט מיט אַ זויערליכע גרימאַסע:

—איך האָב פאָרגעלעגט דעם בירגערמייסטער דאָס, וואָס איך האָב אייך געזאָגט. האָט ער מיר אויף דעם געענטפערט: „איהר קאָנט, פערשטעהט זיך, מיך אויפהענגען, נאָר איך וועל דאָס בשום אופן נישט טהון!"—„פאַרוואָס?"—האָב איך איהם גע-פרעגט.—„גאָר פשוט",—האָט ער געענטפערט.—ווייל ווען איך וואָלט שיקען אַזאַ בריף, וואָלט דער שטאַב פון דער עסטרייכי-שער אַרמעע געענטפערט אויף איהם מיט אַ סנאַריאַד צו מיר אין ראַטושע".—„און אויב איהר וועט נישט שרייבען, וועט מען די ראַטושע נישט בעשיסען?"—האָב איך איהם געפרעגט.—„איך

בין זיכער, אַז נישט"—האָט ער געענטפערט.—„אויב אַזוי,—האָב איך איהם געזאָגט—וועל איך זיך היינטיגען טאָג אַריינקלייבען צו אייך אין ראַטושע און וועל אייך בעטען בעזעצען זיך בײַ מיר אין קאַנצעלאַריע, וואָרום איך בין זיכער, אַז דאָס צילט מען זיך אין מיר." מיט דעם האָט זיך געענדיגט אונזער גע־שפּרעך.

מיר זענען אַריין אין קאַנצעלאַריע. אין ערשטען צימער האָב איך דערזעהן אויפ'ן טיש אַ גרויסען פּאַק פון דער „מעל-דונג" (אין פּויליש און דייטש), וועלכע איז געווען פונאַנדערגע-קלעבט איבער דער שטאָדט און וועלכע איך האָב די פאָריגע נאַכט מיט אַזאַ ריזיקע אַראָבגעריסען פון וואַנד.

—וואָס איז דאָס פאַר אַ מעלדונג?—האָב איך געפרעגט דעם קאָמענדאַנט.

—דאָס האָט מען מיר צוגעשיקט פון דער סטאַוּוקע פון הויפּט־קאָמאַנדיר פונאַנדערצוקלעבען אין דער גאַנצער געגענד.

—פאַרוואָס איז עס נישט אונטערגעשריבען דורך קיינעם?

—דאָס ווייס איך נישט. די גאַנצע מעלדונג איז מיר נישט געפעלען און איך האָב אַ היבשע צייט זי נישט פונאַנ-דערגעקלעבט. נאָר איך האָב געמוזט ערפילען דעם בעפעהל פון הויפּט־קאָמאַנדיר.

—קאָנט איהר מיר נישט געבען איינעם אָדער צוויי עק־זעמפּליאַרען פון דער „מעלדונג?"—האָב איך געבעטען.

—נעהמט, וויפיל איהר ווילט!

איך האָב גענומען עטליכע צעהנדליג עקזעמפּליאַרען. דער קאָמענדאַנט האָט אפילו נישט אַ פרעג געטהון, צו וואָס איך דאַרף עס, ער האָט מיר איבערגעגעבען דעם בריף מיט דער פּאָסילקע צו דעם ווייב און דעם טעקסט פון זיין רעדע און מיר האָבען זיך פריינדליך אָבגעזעגענט.

אַזוי ווי פון טאַרנאָוו זענען קיין צוגען נישט געגאַנגען, האָט די אָבטיילונג מיר געגעבען אַנ'אויטאָמאָביל ביז דעמביץ. איך האָב אין אויטאָמאָביל מיטגענומען אַ פערוואונדעטע באַרמ־הערציגע שוועסטער פון דאָלגאָרוקאָווס אָבטיילונג, וועלכע מען

האָט אָבגעשיקט אַהיים קיין רוסלאַנד. די „שוועסטער" האָט מיך געבעטען, אָבשטעלען זיך אויף אַ פּאָר שעה אין שטעדטעל פּיל-זנע, וועלכעס מיר זענען דורכגעפאָהרען. דאָרט האָט זיך געפי־נען דער שטאַב פון דער דריטער אַרמעע און אין דער אונ־טערזוכונגס־אָבטיילונג האָט געדינט דער פערוואונדעטער שוועס־טערס אַ ברודער. האָט זי זיך מיט איהם געוואָלט זעהן. אַזוי ווי פון דעמביץ נאָך לעמבערג איז דער צוג אָבגעגאַנגען שפּעט ביינאַכט און אונז וואָלט אַלצאיינס אויסגעקומען צו וואַרטען אַ פּאָר שעה, האָב איך גערן איינגעשטימט אויף דער שוועסטערס בקשה. דערצו האָב איך אַליין אויך געוואָלט זיין אין פּילזנע, אָנקוקען דאָס שטעדטעל.

מיר זענען צוגעפאָהרען צום שטאַב, וואוהין די שוועסטער איז אַריין און איך בין אַוועק איבער דער שטאָדט. דאָס שטעד־טעל, אַ קליינינקע, האָט אויסערליך וועניג געליטען פון דער מלחמה. די יודישע קראָמען זענען אַלע געווען אָפען, אָבער אויף די פנימ׳ער פון די קרעמער איז געווען צו בעמערקען, אַז זיי פיהלען זיך נישט גאָר רוהיג און היימיש.

איך בין אַריין אין אַ קרעמעל און פונאַנדערגערעדט זיך מיט דער קרעמערין. זי האָט מיר דערצעהלט, אַז אין שטאָדט איז געווען אַ בלוטיגער פּאָגראָם. כמעט אַלע יודען רואינירט. איצט, זינט עס געפינט זיך דאָ דער שטאַב, איז פיל רוהיגער. אָבער די אָרימקייט אין שטאָדט איז אַ שרעקליכע. איך האָב איהר געגעבען עטליכע רובל אויף צוטיילען אָרימעלייט. זי איז געווען שטאַרק איבעראַשט פון דער אונגעריכטער נדבה, האָט זיך צעוויינט און עטליכע מאָל איבערגע׳חזר׳ט:

—רבונו של עולם, וואָס יודען זענען! וואָס יודען זענען!

איך בין אַוועק צו דער שוהל. זי האָט זיך געפינען אין אַ קליין בלאָטיג געסעלע. אַנ׳אַלטע שוהל, אַ הילצערנע. די וויי־בערשע שוהל איז געווען פערנומען דורך סאָלדאַטען, וועלכע זענען געזעסען, פעריכט שטיוועל און געזונגען. די מאַנטבילשע שוהל איז געווען פריי, נאָר דאָרט זענען נאָך געווען פריש די שפּורען פון פּאָגראָם. אַלץ איז געווען צובראָכען און צוריסען.

בלויז דער אָרון-הקודש איז געווען גאַנץ. אין שוהל האָב איך געטראָפען אַנ׳אַלטען יוד, וועלכער האָט מיר דערצעהלט וויפיל צרות מען איז דאָ אויסגעשטאַנען. אין שוהל זענען געווען טייע-רע זילבערנע חפצים, האָט מען זיי אַוועקגערויבט. דער אַל-טער האָט פאָרגעלעגט, אַראָבצופיהרען מיך צום רב, ביי וועמען אין הויז עס איז איינגעאָרדענט געווען אַ קלויז און וואו מען וועט באַלד לייענען די מגילה (דעם טאָג איז געווען פורים). נאָו איך האָב געמוזט באַלד אָבפאָהרען און האָב אָבגעלעגט מיין וויזיט צום רב, ביז איך וועל צוריקומען.

איך בין אַריין אין שטאָב נאָך דער „שוועסטער״. זי האָט מיך בעקאַנט מיט איהר ברודער און איינגעלאַדען טרינקען טעה. בשעת׳ן טעה, האָט דער אָפיציר מיר דערצעהלט איניגע פרטים פון זיין אַרבייט אין אונטערזוכונגס-אָבטיילונג. איבערהויפט האָט ער צו טהון מיט געכאַפּטע שפּיאָנען, וועלכע ער פרעגט אויס. איך האָב איהם געפרעגט, פון וועלכע נאַציאָנאַליטעטען טרעפען זיך מעהר שפּיאָנען און בין געווען זיכער, אַז ער וועט אָנווייזען אויף יודען. נאָר ער האָט געענטפערט, אַז וויכטיג איז דאָ נישט די צאָהל פון די אַרעסטירטע, פון וועלכע ניין צעהנדליג ווייזען זיך אַרויס לחלוטין אונשולדיג, נאָר דער כאַראַקטער פון שפּיאָנאַזש. געפעהרליכע שפּיאָנען, ערפאַהרענע און פערביסענע, טרעפען זיך איבערהויפט צווישען די פּאָליאַקען.

ער האָט מיר געוויזען עטליכע פּראָקלאַמאַציעס, וועלכע די עסטרייכער וואַרפען אַראָב פון אַעראָפּלאַנען איבער די רוסישע פּאָזיציעס. מעהרסטענטייל זענען די פּראָקלאַמאַציעס פון אויסגע-טראַכטע רוסישע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס. אין אַ פער-גרייזטער, צוקאַלעטשעטער רוסישער שפּראַך, האָבען די פּראָ-קלאַמאַציעס גערופען די רוסישע סאָלדאַטען, אָבזאָגען זיך צו פאָל-גען זייערע קאָמאַנדירען און אַוועקגעהן פון פראָנט אַהיים. אי-בערהויפט אינטערעסאַנט איז געווען איין פּראָקלאַמאַציע, כלומרשט פון קיסר׳ס נאָמען, אין וועלכער ניקאָלאַי ווענדעט זיך צו דער אַרמעע מיט דער ערקלערונג, אַז ער איז געגען דער מלחמה, נאָר זיין פעטער, ניקאָלאַי-ניקאָלאַיעוויטש, האָט זי מיט געוואַלד

אָנגעהויבען און פיהרט זי געגען זיין ווילען. דעריבער בעט דער קיסר די סאָלדאַטען, זיי זאָלען זיך שטעלען פאַר איהם, זאָלען אָבשטעלען די מלחמה און פונאַנדערגעהן זיך אַהיים. אונטערגעשריבען איז געווען די פּראָקלאַמאַציע: „אייער אומגליקליכער קיסר ניקאָלאַי."

איך האָב געבעטען דעם אָפיציר, ער זאָל מיר געבען עטליכע פּראָקלאַמאַציעס פאַר אַ מוזיי אין פּעטערבורג.

—מיט׳ן גרעסטען פערגעניגען!—האָט ער זיך אָבגערופען.—איך וועל נאָר פרעגען דעם פערוואַלטער פון שטאַב.

ער איז אַרויסגעגאַנגען און באַלד אומגעקעהרט זיך מיט אַ פּאָלקאָווניק, אין וועלכען איך האָב דערקענט דעם מיטגליד פון דער פערטער גאָסודאַרסטווענער דומע, דעם אָקטיאַבריסט זוויאַגינצעוו.

—איהר ווילט בעקומען עטליכע עסטרייכישע פּראָקלאַמאַציעס פאַר אַ מוזיי,—האָט ער זיך ליבליך געווענדט צו מיר, נישט פּעראינטערעסירענדיג זיך אפילו, ווער איך בין און וואָס איך טהו דאָ אויפ׳ן פראָנט.—איך וועל אייך זעהר גערן געבען יענע פּראָקלאַמאַציעס, פון וועלכע ביי אונז זענען דאָ דובליקאַטען. איך וועל אייך געבען נאָך אַנ׳אינטערעסאַנטערע זאַך. אונזערע סאָלדאַטען האָבען אונטערגעשאָסען אַנ׳אַעראָפּלאַן, וועלכער איז געפלויגען פון בעלאַגערטען פּזשעמישל און געפיהרט טויזענדער בריף. צווישען די בריף זענען דאָ זעהר אינטערעסאַנטע, וועל איך אייך געבען אייניגע פון זיי.

און ער האָט געהייסען דעם אָפיציר מיר אַרויסגעבען אַלע פּראָקלאַמאַציעס, פון וועלכע עס זענען דאָ דובליקאַטען און עטליכע בריף פון פּזשעמישל.

איך בין באמת געווען ערשטוינט פון דעם לייכטזיניגען צוטרוי מצד דעם שעף פון אונטערזוכונגס-אָבטיילונג צו אַנ׳-אונבעקאַנטען מענשען.

אין צוג פון דעמביץ האָב איך זיך געטראָפען מיט אַ מאַשיניסט, וועלכער האָט געדינט אין טאַרנאָוו אויפ׳ן וואָקזאַל,

בעת מען האָט צום ערשטען מאָל איהם בעשאָסען פון אַ צוויי-אונפערציג-סאַנטימעטערדיגען קאַנאָן.

—דאָס איז געוועזן אין טאָג פון ניי-יאָהר. מיר האָבען זעהר לוסטיג בעגעגענט ניי-יאָהר און פערבראַכט ביז אַ זייגער פינף פאַרטאָג. איך בין אפשר אַ שעה געשלאָפען. מיטאַמאָל האָט מיך עפּעס אַראָבגעוואָרפען פון בעט און איך האָב דערהערט אַ שרעקליכען קלאַפּ, ווי פון אַ דונער. איך בין אַרויסגעלאָפען און דערזעהן, אַז די „וואָדאָקאַטשקע" איז צובראָכען און איינגעפאַלען. איך בין געוועזן זיכער, אַז דאָס האָט מען אַראָבגעוואָרפען אַ סנאַריאַד פון אַנ'אַעראָפּלאַן. אַזוי ווי אין לופטען איז נישט געוועזן צו בעמערקען קיין שום אַעראָפּלאַן, האָב איך זיך בערוהיגט און ווידער געלעגט שלאָפען. אין אַ מינוט צוואַנציג אַרום—ווידער אַ דונערענדער אויפרייס און ווידער קיין שום אַעראָפּלאַן אין דער לופטען. דאָ האָב איך פערשטאַנען, אַז מען בעשיסט דעם וואָקזאַל פון אַ ווייט-שיסענדען קאַנאָן. אויפ'ן וואָקזאַל זענען געשטאַנען עטליכע צוגען מיט סנאַריאַדען און אויפרייס-מאַטעריאַלען. ווען אַ סנאַריאַד וואָלט טרעפען אין זיי, וואָלט פאָרגעקומען די שרעקליכסטע קאַטאַסטראָפע. עס זענען געשטאַנען נאָך סאַניטאַר-צוגען מיט פערוואונדעטע. דאָס אַלץ האָט מען געדאַרפט שנעל עוואַקואירען, אַרויספיהרען פון דעם בעשיסונגס-שטח. און דאָ זענען קיין לאָקאָמאָטיווען נישט געוועזן. בקיצור, מיר איז אויסגעקומען אַ שעה פינף—זעקס פערבלייבען ביים וואָקזאַל, ביז אַלץ איז געוועזן אַרויסגעפיהרט. נאָך דעם דריטען אָדער פערטען שאָס האָב איך בעמערקט, אַז די שיסעריי קומט פאָר רעגולער אַלע צוואַנציג מינוט. אַז די צייט פלעגט זיך דערנעהנטערן צו די צוואַנציג מינוט, פלעגט ביי אַלע אָנוועזענדע אויפ'ן וואָקזאַל ווערען אַ שרעקליכע נערוועזע שטימונג. איינגיע האָבען זיך בעהאַלטען אונטער די וואַגאָנען, אַקוראַט, ווי דאָס וואָלט געקאָנט זיין אַ שיצונג פון אויפרייס. איך אַליין האָב בעמערקט אויף זיך, אַז יעדעס מאָל, ווען עס פלעגט זיך הערען דער שרעקליכער פייף פון פליהענדען סנאַריאַד, פלעג איך מעכאַניש אויפשטעלען

דעם קאָלנער פון פּאַלטאָ און אַריינציהען דעם קאָפּ אינעווייניג. איך האָב גוט געוואוסט, אַז דער בעסטער מיטעל איז פאַלען אויף דער ערד. נאָר אַרום איז געווען אַזאַ בלאָטע, אַז איך האָב נישט געקאָנט ביי זיך פועל'ן אַ וואָרף צו טהון זיך אין בלאָטע. אין דער צייט, וואָס איך האָב געאַרבייט, איז געווען אַרויסגעלאָזען איבער'ן וואָקזאַל ביי אַ צוואַנציג סנאַריאַדען, וועלכע האָבען חרוב געמאַכט דעם וואָקזאַל און די אייזענבאַהן-ליניע אַרום אויף אַ היבשע שטרעקע. ווען איך האָב אַלץ פערענדיגט און אָבגעפאָהרען פון דעם שרעקליכען אָרט, אַזוי, אַז איך האָב זיך געפינען שוין אויסער דער געפאַהר, האָט מיך אָנגעכאַפּט אַזאַ נערוועזע ציטערניש, אַז ביי מיר האָט אַ צאָהן אָן אַ צאָהן געקלאַפּט, היינט שטעלט אייך פאָר, אַז בשעת איך בין שוין געקומען אויף דער נאָהנטסטער סטאַציע און געגרייט לעגען זיך אָברוהען, גיט מען מיר איבער טעלעפאָניש אַ בעפעהל — גלייך פאָהרען צוריק און ברענגען אַ וואַגאָן מיט אַ קאַנצעלאַריע, וועלכע מען האָט פערגעסען מיטצוברענגען. איך האָב זיך געפיהלט אַזוי, ווי עמיצער וואָלט מיך האַלטען שטאַרק און בשום אופן נישט לאָזען פאָהרען, דעם גרעסטען כח האָב איך בעדאַרפט אָנטהון אויף זיך, כדי אומצוקעהרען זיך צום בעשלאָסענעם אָרט.

אין וואַגאָן זענען געווען דורכאויס מיליטער-לייט און די גאַנצע צייט האָט מען נישט אויפגעהערט צו דערצעהלען וועגען קאַמפּס-עפּיזאָדען. איינער אַנ'אָפיציר האָט דערצעהלט, אַז ער מיט אַנ'אָבטיילונג פון זעכציג סאָלדאַטען האָט זיך שטילערהייד אַוועקגעקליבען צו די עסטרייכישע אָקאָפּעס און אומגעריכט אָנגעפאַלען אויף זיי. דער עסטרייכישער אָפיציר איז געווען אַזוי איבערראַשט, אַז ער האָט אַרויסגעכאַפּט אַ ווייס טיכעל, געגומען מאַכען מיט איהר און שרייען, אַז זיי גיבען זיך אונטער. נאָר אַז עס איז געקומען צו אָבגעבען דאָס געוועהר און דער עסטרייכישער אָפיציר האָט בעמערקט, אַז זיי זענען אין אַ קליינער צאָהל, אין דער צייט, ווען ביי איהם זענען געווען ביי אַ פיר־הונדערט מאַן, האָט ער חרטה געהאַט, אַרויסגעכאַפּט די שווערד

און אָנגעהויבען עטוואָס שרייען צו זיינע סאָלדאַטען. דער רוסי־שער אָפיציר האָט איהם באַלד געשאָסען און געגעבען אַ בע-פעהל אָנפאַלען אויף די עסטרייכער. עס איז פאָרגעקומען אַ שרעקליכע שחיטה, ביי וועלכער דער גרעסטער טייל פון די עסטרייכער זענען אומגעקומען.

אַ יונגערמאַן, וועלכער „ „ זיך אַרויסגעגעבען פאַר אַ דאָקטאָר, האָט מיט היץ גערעדט וועגען יודישען פעראַט. יודען אָרדענען איין טעלעפאָנען ביי זיך אין די שוהלען, שיקען אין בוטלען איבער דער ווייכסעל צו די דייטשען שפּיאָנישע בע-ריכטען.

—איך האָב זיך מ׳ס ז׳ ושידעס גערעכענט, ווי מיט הינט!—האָט ער זיך בעריהמט.—געקומען אין אַ שטעדטעל,—נישטאָ קיין סחורות אין די קראָמען און אויב עס איז דאָ, פאָדערט מען טייערע מקחים. פלעג איך אַרויסכאַפּען די „נאַגייקע״, גע־געבען גוטע עטליכע שמיץ די זשידאָווסקע קרעמער, פלעגט באַלד ווערען אַלץ, וואָס איך האָב בעדאַרפט און די מקחים פלעגען אויך ביליגער ווערען אויף אַ העלפט.

אין וואַגאָן איז געפאָהרען אַ יונגער רוסישער אַרצט. ער האָט גענומען פונאַנדערפרעגען דעם נאַגייקע-העלד, וואו ער האָט געענדיגט אוניווערזיטעט און וועלכע פּראָפעסאָרען האָבען דאָרט געלעזען. האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דער כלומר׳שטער דאָקטאָר איז אין קיין שום אוניווערזיטעט נישט געווען. לסוף האָט ער געמוזט מודה זיין, אַז ער איז בלויז אַ פעלדשער. ווען דער צוג איז אָנגעקומען קיין לעמבערג און די רייזענדע האָבען אָנגעהויבען געזעגענען זיך, האָט דער פעלדשער דערלאַנגט די האַנד דעם דאָקטאָר, נאַר יענער האָט איהם די האַנד נישט געגעבען און געזאָגט:

—אַזאַ טויגעניכטס, ווי איהר, גיב איך נישט די האַנד.

דאָסזעלבע האָב איך געענטפערט דעם פעלדשער, ווען ער האָט צו מיר אויסגעשטרעקט די האַנד.

אין לעמבערג האָב איך פערבראַכט בלויז עטליכע שעה. איך האָב זיך געזעהן מיט׳ן ראַבינער הויזנער. די טאַרנאָווער

„מעלדונג״ האָט אויף הויזנער׳ן געמאַכט אַנ׳ערשיטערנדען איינדרוק.

—דאָס איז דאָך אַ קאַטאַסטראָפע!—האָט ער אויסגעשריען.— דאָס קאָן קאָסטען הונדערטער און טויזענדער יודישע לעבענס. מען וועט אומעטום אַרעסטירען אַלס ערוב׳ניקעס דאָס לעצטע ביסעל אינטעליגענץ, וואָס איז פערבליבען אין די שטעדט און שטעדטלעך! איהר מוזט גלייך פאָהרען קיין פעטערבורג און זעהן, מען זאָל אָנווענדען אַלע כחות, מבטל צו מאַכען די גזרה. דאָס איז פיל וויכטיגער, ווי אַלע אַנדערע אויפגאַבען, אפילו, ווי די פראַגע וועגען מאַטעריעלער הילף פאַר דער יודישער בעפעל־קערונג.

דער הילפס־קאָמיטעט איז נאָך אַלץ נישט געגרינדעט גע־ווען. דיאַמאַנד איז נישט געגאַנגען צו באָברינסקי׳ן. אין שטאָדט האָבען זיך פערשפרייט קלאַנגען, אַז באָברינסקי פערלאָזט זיין שטעלע און אויף זיין אָרט וועט בעשטימט ווערען, ווי אַ גענע-ראַל-גובערנאַטאָר פון גאַליציע, דער בעוואוסטער שוואַרץ־מאה׳ניק טרעפּאָוו.

אין קיעוו האָב איך פערבראַכט אַ מעת־לעת. איך האָב דאָרט געמאַכט אַ בעריכט וועגען דער לאַגע אין גאַליציע און אויפגעוויזען, אַז, כדי אומצוקעהרען זיך אַהין, דאַרף איך האָבען אַ בעדייטענדע סומע געלד, איבערהויפּט נאָך, ווייל עס געהט צו פסח. מען האָט צוגעזאָגט, צוגרייטען אַ געוויסע סומע און אי־בערגעבען זי מיר, ווען איך וועל זיך צוריקקעהרען פון פעטער־בורג. די טאַרנאָווער מעלדונג האָט אויף די קיעווער כלל-טהוער אויך געמאַכט אַ שרעקליכען איינדרוק.

אין פעטערבורג האָב איך די מעלדונג איבערגעגעבען אין דעם פּאָליטישען ביוראָ. דאָרט איז צוליב דעם פאָרגעקומען אַ ספּעציעלע זיצונג. עס איז אָנגענומען געוואָרען אַ החלטה, ווענ־דען זיך צום פּו־עמיער־מיניסטער גאָרעמיקין. אין דערזעלבער צייט האָט מען געגרייט אַ נייע „דאָקלאַדנאָיע זאַפּיסקע״ צום העכסטען הויפּט־קאָמאַנדיר, ניקאָלאַי-ניקאָלאַיעוויטש. מען האָט גערעדט אפילו וועגען אַ דעפּוטאַציע צום קיסר.

איך בין געווען מיט דער „מעלדונג״ ביי מיליוקאָוו׳ן. ער

האָט געבעטען, איך זאָל איהם לאָזען אַנ׳עקזעמפּליאַר און דוקא דעם, וואָס איז געווען אַראָבגעריסען פון וואַנד, מען זאָל זעהן, אַז די „מעלדונג״ איז שוין געווען פונאַנדערגעקלעבט. ער האָט צוגעזאָגט רעדען וועגען דעם מיט׳ן אויסערן-מיניסטער סאַזאָנאָוו׳ן און מיט׳ן ענגלישען געזאַנדטען, ביוקענען.

איך בין פערבליבען אין פעטערבורג בלויז אַ פּאָר טעג און האָב נישט דערוואַרט די רעזולטאַטען פון די אַלע שריט, וואָס זענען אונטערגענומען געוואָרען. שפּעטער האָב איך זיך דער-וואוסט, אַז ביים פּאָרזיצענדען פון מיניסטאָרען־ראַט איז געווען אַ יודישע דעלעגאַציע און האָט איהם צווישען אַנדערע דאָקו-מענטען בעוויזען אויך די טאַרנאָווער „מעלדונג״. דער מיניסטער האָט די דעלעגאַציע גוט אויפגענומען, האָט זיך אַרויסגעזאָגט געגען די פערפאָלגונגען אויף יודען. נאָר ער האָט צוגעגעבען, אַז די רעגירונג איז אָהנמעכטיג עטוואָס צו העלפען אין דעם ענין, ווייל די סטאַווקע איז זעהר נישט צופרידען, ווען די ציווילע מאַכט מישט זיך אַריין אין איהרע פעראָרדנונגען. בקיצור, ער האָט אָבגעפּטר׳ט די דעלעגאַציע מיט גאָרנישט.

די „דאָקלאַדנאָיע זאַפּיסקע״ צו ניקאָלאַי-ניקאָלאַיעוויטשן האָט זיך לאַנג געשריבען. עס זענען געווען שוועריגקייטען מיט דעם איבערגעבען זי און איך בין עד־היום נישט זיכער, אַז מען האָט זי איבערגעגעבען.

איך ווייס נישט, אויב מיליוקאָוו האָט גערעדט מיט סאַ-זאָנאָוו׳ן און ביוקענענען וועגען דער „מעלדונג״, נאָר דאָס איז בעוואוסט, אַז ביוקענען האָט עטליכע מאָל, דירעקט און אונדי-רעקט, געפּרובט ווירקען אויף ניקאָלאַיע׳ן, עס זאָלען לכל-הפּחות אָבגעשוואַכט ווערען די פערפאָלגונגען אַנטקעגען יודען. נאָר ער האָט ביי איהם נישט גע׳פּועל׳ט.

מען האָט נאָך געלעגט אַ האָפנונג אויף דעם, וואָס דער קיעווער עסקן און מיליאָנער, דוד מאַרגאָלין, וועלכער איז גע־ווען פּערזענליך בעקאַנט און, דוכט זיך, אפילו בעפריינדעט מיט דעם הויפּט-קאָמאַנדיר איוואַנאָוו׳ן, האָט זיך געקליבען פאָהרען צו איהם אין סטאַווקע. נאָר פון דעם איז אויך גאָרנישט געוואָרען.

מאַרגאָלין איז אין סטאַווקע נישט געפאָהרען, ער האָט, דוכט זיך, נישט בעקומען קיין ערלויבעניש צו פאָהרען אַהין.

וואַרפענדיג אַנ׳איבערבליק אויף דעם קאַמף פון די יודי־שע כלל־טהוער געגען די גזרות אויף יודען, זעהען מיר, אַז אַלע שתדלנות, סיי אין די הויכע ספערען, סיי אין סטאַווקע, סיי ביי די פאָרשטעהער פון דער אָרטיגער מאַכט, זענען (אי-בערהויפט בנוגע צו גאַליציע) געבליבען אָהן אַ שום רעזולטאַט. פאָרגעקומען איז עס דערפאַר, וואָס אונזערע כלל־טהוער זענען אַרויסגעגאַנגען פון דעם שטאַנדפונקט, אַז אַלע גזרות, רדיפות און בעגרענצונגען ווערען אָנגענומען געגען יודען, ווי אַ שטראָף פאַר יודישע פערברעכענס. דעריבער האָבען זיי געשטעלט זיך דעם ציל צו ערקלערען דער מאַכט איהר טעות, אויפווייזען, אַז יודען זענען לחלוטין נישט שולדיג אין די פערברעכענס, אין וועלכע מען בעשולדיגט זיי. דער שטאַנדפונקט איז אין גרונד געווען אַ פאַלשער. אמת, די רעגירונג און די מיליטער־מאַכט האָבען שטענדיג בעגרינדעט די פערפאָלגונגען געגען יודען מיט די אָדער יענע בלבולים. נאָר דאָס איז געווען בלויז אַ מיטעל צו פערשטעלען פון דער געזעלשאַפט די אמת׳ע צילען פון די פערפאָלגונגען. עס איז קיין ספק נישט, אַז די העכערע מאַכט האָט אַליין נישט געגלויבט אין די אומגעלומפערטע בלבולים ווע-גען יודישען שפיאָנאַזש. זיי האָבען דאָס אפילו אָפען אַרויסגע־זאָגט. נישט נאָר גראַף באָברינסקי און גאָרעמיקין האָבען פערזי-כערט, אַז זיי גלויבען נישט אין די אַלע נארישע מעשות. אפילו ניקאָלאַי-ניקאָלאַיעוויטש און יאַנושקעוויטש האָבען אויך מודה-געווען, אַז זיי האַלטען נישט יודען פאר שפיאָנען. זעלבסט ני-קאָלאַי דער צווייטער האָט זיך אויסגעדריקט:

—איך דערלאָז, אַז אַ יוד וועט נעהמען ביי אַ סאָלדאַט מיט דריי קאָפּיקעס טייערער פאר אַ בולקע, אָבער איך גלויב נישט, אַז אַלע יודען זענען שפיאָנען.

און אויב, נישט קוקענדיג אויף דעם, האָבען די פערפאָל-גונגען נישט אויפגעהערט, איז עס געווען דערפאַר, וואָס זיי זע־נען אונטערגענומען געוואָרען מיט דעם ציל צו שאַפען אין גאַ-

ליציע אַזאַ פּאָליטישען סיסטעם, ביי וועלכען די רוסישע רע-
גירונג זאָל בעת'ן קומענדיגען פעראייניגען גאַליציע צו רוסלאַנד,
נישט האָבען קיין שום קאָמפּליקאַציעס מיט דער יודען-פראַגע.
מען האָט זיך געאיילט בעצייטענס צו פערגלייכען די גאַליציאַ-
נער יודען מיט די רוסישע אין אופן פון רעכטלאָזיגקייט. גע-
נויער וועל איך זיך אָבשטעלען אויף דעם אין איינעם פון די
פאָלגענדע קאַפּיטלען.

## יד

ביים צוריקפאָהרען אין גאַליציע האָב איך זיך אָבגעשטעלט
אויף אַ טאָג אין קיעוו, וואו איך האָב בעקומען פון קיעווער
הילפס-קאָמיטעט אַכטויזענד רובל אויף הילף פאַר דער בעפעלקערונג
צו פסח. נאָך צוויי טויזענד רובל האָב איך געהאַט פון פּריוואַ-
טע נדבות.

אין קיעוו האָט מיך בעזוכט ה' גאָלדענווייזער (דער זוהן
פון בעוואוסטען כלל-טהוער גאָלדענווייזער), אַ יונגער אַדוואָקאַט.
ער האָט מיר דערצעהלט, אַז ער קלויבט זיך קיין לעמבערג מיט
אַ פּלאַן איינצואָרדענען דאָרט אַזוי גערופענע „אָכראַנקעס", שוץ-
אַנשטאַלטען פאַר יונגע מיידלעך. איך האָב זיך בעצויגען צו
דער אידעע מיט דער גרעסטער סימפּאַטיע. אַזעלכע אַנשטאַלטען
זענען געווען דרינגענד-נויטיג, ווייל דער הונגער פון איין זייט
און דיווילדע אינסטינקטען פון מיליטער פון דער צווייטער,
האָבען אַרויסגערופען אין גאַליציע, איבערהויפּט אין לעמבערג,
אַ שרעקליכע פּראָסטיטוציע. מיט גאָלדענווייזער'ן האָב איך זיך
שפּעטער בעגעגענט אין לעמבערג, וואו איהם האָט זיך איינגע-
געבען, מיט דער הילף פון איניגע אָרטיגע אינטעליגענטע
פרויען, אָרגאַניזירען עטליכע אָכראַנקעס, וועלכע האָבען גוט
פונקציאָנירט ביז'ן אָבטרעטען פון רוסישען חיל.

אין לעמבערג האָב איך געטראָפען הויזנער'ן און די אי-
בעריגע כלל-טהוער אין זעהר אַ געדריקטער שטימונג. פאַר די

לעצטע פאָר וואָכען האָט זיך אַ שאָט געגעבען אַ גאַנצע רייה גזרות אויף דער יודישער בעפעלקערונג. עס איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אַ פערבאָט צו פאָהרען פון איין „פּאָוויאַט” אין צוויי-טען, דאָס האָט אינגאַנצען אָבגעשטעלט דעם יודישען האַנדעל, וועלכער איז שוין פריהער געווען שטאַרק אונטערגעריסען. צו-זאַמען מיט דעם האָט זיך בעקומען אַ בעפעהל, אַז די מיליטע-רישע מאַכט זאָל איבערייסען אַלע האַנדעלס-בעציהונגען מיט יו-דען און זאָל אויף להבא נישט מאַכען ביי זיי קיין שום בע-שטעלונגען. ד״ר הויזנער, צוזאַמען מיט דעם געהילף פון ביר-גערמייסטער רוטקאָווסקי׳ן (אַ פּאָליאַק), איז געווען וועגען דעם ביי באָברינסקי׳ן. זיי האָבען איהם פאָרגעשטעלט די גאַנצע אונ-גערעכטיגקייט און שעדליכקייט פון די פעראָרדנונגען. דער גע-נעראַל-גובערנאַטאָר האָט מיט זיי איינגעשטימט, נאָר ער האָט געענטפערט, אַז ער קאָן דאָ נישט העלפען, ווייל די פער-אָרדנונגען געהען פון העכערע ספערען.

אין לעמבערג האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דער ד״ר לאַנ-דער געפינט זיך אין זשאָלקיעוו. איך בין אַהין אַריבערגעפאָהרען.

געקומען בין איך אין זשאָלקיעוו בשעת אַ שרעקליכען שניי-שטורם, וועלכער האָט געבלענדט די אויגען און געוואָרפען פון די פיס. נישט קוקענדיג אויף דעם, האָב איך פון ערשטען בליק בעמערקט, אַז דאָס שטעדטעל איז זעהר אַנ׳אָריגינעלע. עס זעהט אינגאַנצען אויס, ווי אַ מוזיי פון אַלטערטימליכקייט. רואי-נען פון אַלטע פּאַלאַצען, ווענד פון אַנ׳אַמאָליגער פעסטונג, מאַ-סיווע טויערן, היסטאָרישע בנינים און דענקמאָלען. אַנ׳אַלטער קאָסציאָל, מיט וועלכען, ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוואוסט, עס זענען פערבונדען היסטאָרישע לעגענדעס וועגען די קאַמפען מיט רוסלאַנד נאָך פון די צייטען פון פּיאָטר דעם גרויסען. אין קאָסציאָל געפינען זיך אָריגינעלע בילדער פון רובענס׳ן. אין מיטען שטאָדט שטעהט אַ דענקמאָל, אויב איך האָב קיין טעות נישט, פון יאַן סאָביעסקי. איך האָב בעמערקט, אַז פון דענק-מאָל איז געווען אָבגעריסען דער אויפשריפט. שפּעטער האָט מען מיר ערקלערט, אַז דער רוסישער קאָמענדאַנט פון דער שטאָדט,

האָבענדיג דעם בעפעהל צו פערניכטען אַלע שילדען און אויפ-שריפטען אין פויליש, האָט אויך דעם פוילישען אויפשריפט גע-הייסען אַראָבנייסען.

דער קאַמף געגען פויליש האָט אין זשאָלקיעוו גאַנץ אונ-ערוואַרט געבראַכט צום אָפיציעלען אָנערקענען פון דער יודי-שער שפּראַך. אין שטאָדט איז פערבליבען די יודישע גמינע, נאָר דער קאָמענדאַנט האָט פערבאָטען פיהרען די ביכער און די קאָרעספּאָנדענץ אין פויליש. די פאָרשטעהער פון גמינע זענען געווען אין אַ גרויסער פערלעגענהייט.

—קיין רוסיש קאָנען מיר נישט,—האָבען זיי איהם אויפגע-וויזען.—און אויב נישט אין פויליש, היינט אין וועלכער שפּראַך זאָלען מיר פיהרען אונזערע ביכער און קאָרעספּאָנדענץ?

—אָבער איהר זענט דאָך יודען, קאָנט איהר עס דאָך פיהרען אין יודיש,—האָט זיך אָנגערופען דער קאָמענדאַנט.

אויף אַזאַ אופן איז אין דער גמינע איינגעפיהרט געוואָרען יודיש, ווי אַן׳אָפיציעלע שפּראַך.

מיט גרויס מיה האָט זיך מיר איינגעגעבען אויפצוזוכען דעם ד״ר לאַנדער. אַזוי ווי ביי איהם אין לאַזאַרעט איז געווען אונ-בעקוועם צו פערבלייבען, האָבען מיר בעשטימט צו בעגעגענען זיך אין שטאָדט ביי אַן׳אַפּטייק-העגדלער, וועלכער האָט אָנגע-פיהרט מיט דעם אָרטיגען יודישען הילפס-קאָמיטעט.

לאַנדער האָט אויף מיר געמאַכט אַן׳אויסגעצייכענטען איינ-דרוק. נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס ער איז געווען שטאַרק פערנומען, ווי אַן׳אַרצט, איז ער געווען בלב ונפש דורכגענומען מיט די אינטערעסען פון דער יודישער בעפעלקערונג. ער פלעגט אַ פּאָר מאָל אין וואָך פאָהרען קיין לעמבערג וועגען דער אָר-גאַניזירונג פון דאָרטיגען קאָמיטעט, האָט בעזוכט אַנדערע יודי-שע פונקטען, האָט אויסגעאַרבייט אַ גאַנצען סיסטעם פון הילף פאַר דער גאַליציאַנער יודישער בעפעלקערונג, האָט געפיהרט אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט די פּעטערבורגער און קיעווער הילפס-קאָמיטעטען און אַרויסגעוויזען אין זיין אַרבייט אַ וואונדערבאַרע איבערגעגעבענקייט און מסירת-נפש. ער האָט מיר קלאָר געמאַכט

דעם קאָנפליקט מיט דימאַנד׳ן וועגען דער אָרגאַניזירונג פון אַנ׳-אָפיציעלען הילפס-קאָמיטעט.

—מיר מוזען ביידע שטאַרק האַלטען זיך ביי דעם פרינ-ציפ, אַז עס מוז געשאַפען ווערען אַנ׳אָפיציעלער הילפס-קאָמי-טעט אונטער דער קאָנטראָל פון פעטערבורגער און קיעווער קאָמיטעטען,—האָט ער מיר געזאָגט.—דעמאָלט וועלען מיר קאָ-נען ענטוויקלען אַ ברייטע טעטיגקייט און בעקומען גרויסע סו-מען געלד. מען מוז זעהן צו ווירקען אויף דיאַמאַנד׳ן, ער זאָל נעהמען אויף זיך זיין אַ פאָרזיצענדער אין קאָמיטעט. דאָס איז אונבעדינגט נויטיג.

פון גאַס האָט זיך דערהערט אַ מאָדנע מוזיק, אַ רעכט אַזיאַטישע, אמינאָרנע און איינטאָניגע.

—דאָס שפילען סאָלדאַטען פון דער „ווילדער דיוויזיע״ אויף זייערן אַנ׳אינסטרומענט, וועלכער הייסט „זורנע״,—האָט מיר געזאָגט ד״ר לאַנדער.—אַהער איז נעכטען אָנגעקומען אַ היבשע אָבטיילונג פון דער „ווילדער דיוויזיע״ אָבצורוהען דאָ עטליכע טעג. די שטאָדט איז שטאַרק אונרוהיג פון דעם.

איך בין אַרויסגעגאַנגען און דערזעהן די פאָלגענדע סצע-נע: איבער דער גאַס האָבען געריטען אויף קליינע שוואַרצע פערדלעך ביז פופציג—זעכציג סאָלדאַטען מיט טיפיש-אַזיאַטישע פנימ׳ער און מיט אַ רוהיגען פערגליווערטען אויסדרוק. זיי זע-נען געווען אין קאַווקאַזישע בעשמעטען און הינטען, אויפ׳ן רו-קען, האָבען זיך געבאָמבעלט צוגעשפילטע רויטע באַשליקען. פאָראויס איז געגאַנגען איינער מיט אַ „זורנע״ און געשפילט און נאָך איהם האָבען צוויי געטאַנצט נאָכ׳ן טאַקט פון דער מו-זיק. אַלע זענען געווען געשטימט ערנסט און רוהיג, גלייך ווי די שפילעניש און טענץ וואָלטען זיין אַ מיליטערישע צערעמאָ-ניע. פון אַלע זייטען האָבען אַרויסגעקוקט יודישע קרעמער מיט דערשראָקענע פנימער. איינגיגע האָבען געאיילט צוגעמאַכט די קראָמען.

די „ווילדע דיוויזיע״ האָט געשפילט אַ גאַנץ וויכטיגע ראָל אין דער איצטיגער מלחמה. זיי זענען געווען פאַרמירט פון

קאַווקאַזער איינגוואוינער, גרוזינער, טשעטשענצעס און אַנדערע. דער הויפּט-קאָמאַנדיר פון דער דיוויזיע איז געוועזן דעם קיסר׳ס ברודער, מיכאַיל אַ׳ עקסאַנדראָוויטש. די האַלב ווילדע סאָלדאַטען האָבען נישט אָנערקענט קיין שום דיסציפּלין. זיי זענען געוועזן שטאַרק איבערגעגעבען זייער הויפּט-קאָמאַנדיר און האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט אַנ׳אמת ווילדען העלדענטום. צוזאַמען מיט דעם האָבען זיי זיך אויסגעצייכענט אויך מיט זייער ווילדער אכזריות, סיי בנוגע צום פיינד, סיי בנוגע צו דער פרידליכער בעפעלקערונג, איבערהויפּט צו יודען. מיר איז אויסגעקומען צו הערען פיל ערצעהלונגען וועגען זייער אויפיהרונג אויף דער מלחמה. אין אָנפאַנג האָבען זיי נישט פערשטאַנען צוליב וואָס מען לאָזט לעבען די פרידליכע בעפעלקערונג.

—פאַרוואָס נישט אויסקוילען זיי אַ׳ עמען? צוליב וואָס זאָלען זיי לעבען?—האָבען זיי געפרעגט.

איין אָפיציר האָט דערצעהלט, אַז ער איז איינמאָל געגאַנגען אויף אַ „ראַזוויעדקע” מיט צוואַנציג גרוזינער פון דער דיוויזיע. זיי האָבען זיך שטיל דערקליבען צו די פּאָזיציעס פון שונא און ענטדעקט, אַז דאָרט געפינען זיך צוויי אָדער דריי פּאָלקען. דער אָפיציר האָט געגעבען שטיל אַ בעפעהל אומבעמערקט אומצוקעהרען זיך צוריק. נאָר די סאָלדאַטען האָבען געפּאָדערט, מען זאָל אָנפאַלען אויפ׳ן שונא.

—מיט צוואַנציג מענשען אויף צוויי פּאָלקען אָנפאַלען?—איז געוועזן ערשטוינט דער אָפיציר און כמעט מיט געוואַלד גענויט זיי אומצוקעהרען זיך צוריק.

זיי זענען געוועזן שטאַרק אויפגערעגט אויפ׳ן אָפיציר פאַר זיין פּחדנות און געפּאָדערט, מען זאָל איהם צונעהמען פון זיי.

אַ צווייטער אָפיציר האָט דערצעהלט, אַז אין זיין ראָטע זענען געוועזן אַ פאָטער מיט צוויי זיהן, טשעטשענצעס. איינמאָל האָט מען געבראַכט איינעם פון די זיהן אַ טויטען. אויף מאָרגען האָט זיך דער צווייטער זוהן געזעגענט מיט׳ן פאָטער און אַוועקגעגאַנגען נקמה נעהמען פאַר׳ן ברודער. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מען איהם אויך געבראַכט אַ טויטען, אַ צוהאַקטען אויף

שטיקער. דער פאָטער האָט נישט איין טרער פערלאָרען, נישט איין וואָרט געזאָגט וועגען טויט פון זיינע קינדער. ער איז נאָר אַ גאַנצען טאָג געשטאַנען אויף די קניה אויף זיין קאָוויאָר און מתפלל געווען. אויפ׳ן צווייטען טאָג אינדערפריה האָט ער גענו־מען דעם קינזשאַל אין די צייהן און אין די הענד צוויי רע־וואָלווערען. ער איז אַרויסגעקראָכען פון גראָבען און רוהיג אַוועקגעגאַנגען איבער׳ן פעלד צום גראָבען פון שונא. דערזע־הענדיג דאָס, זענען אַלע געווען ערשטוינט. ווען מען האָט פון די עסטרייכישע גראָבענס דערזעהן דעם אַלטען גרוזינער, וועל־כער איז רוהיג געגאַנגען צו זיי איבער׳ן אָפענעם פעלד, איז מען דאָרט אויך, אפנים, געווען שטאַרק איבעראַשט. נאָכדעם האָט מען גענומען שיסען אינ׳ם אַלטען. נאָר די קוילען האָבען איהם נישט געטראָפען און ער איז זיך געגאַנגען רוהיג, ווי פריהער, ביז ער האָט דערגרייכט די גראָבענס פון שונא און איז אַריינגעשפרונגען אַהין. וואָס ער האָט דאָרט געטהון און צי ער האָט צייט געהאַט נעהמען אַ וועלכע עס איז נקמה פאַר דעם טויט פון זיינע קינדער, איז שווער צו זאָגען. נאָר ביינאַכט האָבען די עסטרייכער אַרויסגעטראָגען און אַוועקגעלעגט אויפ׳ן פרייען פעלד זיין צוהאַקטען גוף און דערביי אַוועקגעלעגט נע־בען איהם זיין קינזשאַל. דערמיט האָבען זיי אויסגעדריקט זייער כבוד צום העלדענמוט פונ׳ם אַלטען קעמפער.

אין זייער אויפיהרונג זענען געווען ריטערישע שטריכען פון די ווילדע צייטען. איינמאָל האָט זייערס אַנ׳אָבטיילונג זיך אַריינגעריסען אין די גראָבענס פון שונא. די עסטרייכער האָבען געוואָרפען דאָס געוועהר און אויפגעהויבען די הענד צום צייכען, אַז זיי גיבען זיך אונטער. אָבער די „ווילדע״ האָבען דאָס נישט פערשטאַנען און נישט אָנגענומען.

—צוליב וואָס וואַרפען דאָס געוועהר? צוליב וואָס אונ־טערגעבען זיך? אַ שאַנדע!—האָבען זיי אויסגעשריען. זיי האָבען דערלאַנגט די סאָלדאַטען צוריק זייער געוועהר און גענויט זיי שלאָגען זיך. עס פערשטעהט זיך, אַז בעזיגט האָבען די „ווילדע״ און אויסגעשטאָכען די פיינדליכע סאָלדאַטען ביז צום לעצטען.

אָבער אין קאַמף זענען אויך עטליכע פון זיי געפאַלען.

ביים פערנעהמען אַ שטאָדט, רעכענען די „ווילדע", אַז אַלץ, וואָס עס געפינט זיך אין שטאָדט, געהערט זיי. און זיי בערויבען די שטאָדט ביז דעם לעצטען פאָדעם.

פון זשאָלקיעוו האָב איך זיך אומגעקעהרט צוריק אין לעמבערג צוזאַמען מיט לאַנדער'ן. ד"ר הויזנער האָט אונז מיטגעטיילט, אַז ענדליך האָט דיאַמאַנד איינגעשטימט נעהמען אויף זיך די פאָרזיצונג אין הילפס-קאָמיטעט און אין די נאָהנטסטע טעג וועט דער קאָמיטעט געגרינדעט ווערען.

מיר האָבען אָבגעהאַלטען אַ בעראַטונג, וואוהין איך זאָל פאָהרען. עס איז געבליבען, אַז איך זאָל זיך אומקעהרען ווידער אין טאַרנאָוו און פון דאָרט אַרומפאָהרען אין די שטעדט פון מערב-גאַליציע, וועלכע איז פאָלקאָם אָבגעשניטען פון לעמבערג. נאָר הויזנער האָט געפאָדערט, איך זאָל פריהער איבערפאָהרען אין דער שטאָדט סטרי, וואו די נויט איז אַן אונבעשרייבליכע און וואו עס איז אונמעגליך אַריבערצושיקען וועלכע עס איז הילף. איך בין דעמזעלבען טאָג אָבגעפאָהרען אין סטרי.

## טו

סטרי—אַ היבשע שטאָדט מיט אַ גרויסער יודישער בעפעלקערונג, פון וועלכער מעהר ווי אַ העלפט איז אַנטלאָפען צוזאַמען מיט די עסטרייכער. די שטאָדט האָט זעהר פיל געליטען פון דער מלחמה: זי איז עטליכע מאָל אַריבער פון האַנד צו האַנד.

און ביי יעדען אַריינטריט אָדער ריקצוג פון די רוסען, האָבען זיך איבערגע'חזר'ט פאָגראָמען, רציחות און אַלערליי גוואַלדטהאַטען.

איך בין אַריין אין אַ יודיש קרעמעל און געבעטען אַנווייזען מיר, וואו דער רב וואוינט.

—דער רב איז אַרעסטירט,—האָט מיר געענטפערט דער קרעמער.

—פאַרוואס?

—ער איז אַרעסטירט ווי אַנ׳ערוב׳ניק צוזאַמען מיט נאָך פופצעהן חשוב׳סטע בעלי-בתים.

צווישען די אַרעסט׳רטע האָבען זיך געפינען אַלע לייט, אויף וועלכע ד״ר הויזנער האָט מיר אָנגעוויזען, איך זאָל מיט זיי אַריינטרעטען אין אַ בעציהונג. איך האָב נישט געוואוסט, צו ווענען זיך צו ווענדען, נאָר דער קרעמער האָט מיך אַרויס-געפיהרט פון פערלעגענהייט.

—נאָך וואָס דאַרפט איהר דעם רב און די בעלי-בתים?—האָט ער מיך געפרעגט.

איך האָב איהם דערצעהלט, אַז איך קום פון לעמבערגער קאָמיטעט און עס האַנדעלט זיך וועגען אָרגאַניזירען אַ צייטוויי-ליגע הילף פאַר דער אָרימער יודישער בעפעלקערונג צו פסח.

—צוליב אַזאַ וויכטיגען ענין,—האָט ער זיך אָבגערופען,—וועט מען קאָנען מאַכען, אַז איהר זאָלט זיך זעהן אי מיט דעם רב, אי מיט די בעלי-בתים.

—ווי אַזוי?—האָב איך זיך פערוואונדערט.

—די אַרעסטירטע זענען נישט אין טורמע, נאָר אין אַ צימער ביי דער קאַנצעלאַריע פון קאָמענדאַנט. פאַר עטליכע רובל קאָן מען מאַכען, אַז איינינגע פון זיי זאָלען שטילערהייד אויף אַ פאָר שעה אַרויסגעהן.

דער קרעמער האָט צוגערופען זיינעם אַ זוהן, אַ בחור, און האָט איהם ערגעץ אַוועקגעשיקט. נאָכדעם האָט ער צוגערו-פען פון אַ צווייטער קראָם נאָך אַ בחור און האָט איהם געשיקט ער זאָל געהן מיט מיר.

—דער בחור וועט געהן פאָראויס און איהר וועט אונבע-מערקט נאָך איהם נאָכגעהן—האָט דער קרעמער מיך געלערנט.—ער וועט אַריין אין אַ הויז פון איינעם פון די אַרעסטירטע בעלי-בתים; דאָס הויז געפינט זיך אַקוראַט אַנטקעגען דער קאַנ-צעלאַריע פון קאָמענדאַנט, וועט איהר אויך אַריין און אויפ-

ווארטען, ביז עס וועלען קומען אהין דער רב מיט עטליכע בעלי-בתים.

איך בין אוועק נאך דעם בחור און אריין אין דעם אנ- געוויזענעם הויז. מיר איז אויסגעקומען צו ווארטען נישט מעהר ווי א האלבע שעה, ווי עס זענען געקומען פיר בעלי-בתים פון די ארעסטירטע. דער רב איז געווען נישט אינגאנצען געזונד און נישט געקאנט קומען. א פאר שעה בין איך אפגעזעסען מיט די בעלי-בתים. מיר האבען געגנוי בעטראכט די לאגע פון דער יודישער בעפעלקערונג. קלאר געמאכט די צאהל פון די נויט- בעדערפטיגע און אנגעצייכענט עטליכע ארומיגע שטעדטלעך, וואו עס איז מעגליך פון דאנען צו ארגאניזירען הילף. אין סטרי איז שוין געווען א הילפס-קאמיטעט, וועלכער האט זינט עטליכע וואכען געארבייט מיט די מיטלען, וואס זענען געווען געזאמעלט אין שטאדט גופא. אין דעם קאמיטעט זענען אריין חוץ דעם רב, די פיר און נאך עטליכע בעלי-בתים. איך האב איבערגעלאזען דעם קאמיטעט פאר דער שטאדט טויזענד צוויי- הונדערט רובל און נאך אכטהונדערט פאר די ארומיגע שטעדט- לעך.

מיט עטליכע חדשים שפעטער האב איך זיך בעגעגענט מיט די סטריער ערוב'ניקעס אין קיעוו, וואוהין זיי זענען גע- ווען ארויסגעשיקט און צייטווייליג אויפגעהאלטען זיך אין אנ'- ארעסט-הויז. מען האט זיי בעדארפט פערשיקען ווייטער אין סי- ביר. איינער פון די ערוב'ניקעס האט מיר איבערגעגעבען דעם רעכנונג און די קוויטונגען פון דעם געלד וואס איך האב אי- בערגעלאזט אין סטרי. איך בין געווען זעהר געריהרט, וואס דער מענש האט זיך דערמאהנט אין אזא טראגישען מאמענט, ווען מען האט איהם ארויסגעשיקט פון זיין שטאדט, מיטצונעה- מען די אלע דאקומענטען.

געהענדיג איבער דער שטאדט, האב איך בעמערקט א פור- זאנדערגעקלעבטע מעלדונג פון קאמענדאנט, אז אלע קראמען זאלען שבת זיין אפען. אין פאל, אויב וועלכע עס איז קראם וועט זיין געשלאסען אום שבת, וועט די סחורה קאנפיסקירט

ווערען און דער ווירט וועט זיין אַרעסטירט און גע'משפט פאַר געגענשטעלען זיך דער מיליטערישער מאַכט.

אומקעהרענדיג זיך אין לעמבערג, האָב איך זיך געטראָפען מיט מיינעם אַנ'אַלטען בעקאַנטען, אַ מיטגליד פון דער פּאַרטיי סאָציאַליסטען-רעוואָלוציאָנערען, בּאַנטש-אָסמאָלאָווסקי (אַ קריסט). ער איז געקומען קיין גאַליציע פון דער געזעלשאַפט אויפ'ן נאָמען פון בעוואוסטען אַרצט און כלל-טהוער פּיראָגאָוו. די פּיראָגאָוו-געזעלשאַפט האָט זיך גערעכענט פאַר איינע פון די ליבעראַלסטע געזעלשאַפטען אין רוסלאַנד. אָסמאָלאָווסקי איז געקומען איינאָרדנען הילף פאַר דער גאַליציאַנער בעפעלקערונג „אָהן אונטערשיד פון נאַציאָנאַליטעט". דאָס איז געווען אַ מין דעמאָנסטראַציע געגען דער אַנטיסעמיטישער רעגירונגס-פּאָליטיק. די אַלע רוסישע הילפס-געזעלשאַפטען, וועלכע האָבען געאַרבּייט בּיז איצט אין גאַליציע, זענען געווען שוואַרץ-מאה'דיגע און, פערשטעהט זיך, נישט געהאָלפען דער יודישער בעפעלקערונג.

צוזאַמען מיט אָסמאָלאָווסקי'ן איז געקומען, ווי אַ געהילף, אַ יודישע פריילין, אויך מיינע אַ בעקאַנטע פון דער שווייץ, ווידרינאַ. זיי זענען שוין געווען אין איניגע פונקטען, צווישען אַנדערע אין שטעדטעל מאגעראָוו און דאָרט אָרגאַניזירט פאַר דער בעפעלקערונג בּיליגע קיכען און אַנדערע הילפס-אַנשטאַלטען. אָסמאָלאָווסקי האָט מיר דערצעהלט, וועגען דער שרעקליכער נויט, וועלכע הערשט אין מאַגעראָוו צווישען דער יודישער בעפעלקערונג און וועגען דער נאָך שרעקליכערער בעציהונג פון מיליטער און דער אָרטיגער בעפעלקערונג צו יודען.

די אונטערנעהמונג פון אָסמאָלאָווסקי'ן איז געווען זעהר אַ סימפּאַטישע. נאָר זי האָט געהאַט אַ גרויסען חסרון: עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז אָסמאָלאָווסקי האָט נישט קיין געלד-מיטלען צו פיהרען ווייטער זיין הילפס-טעטיגקייט און די גאַנצע האָפנונג זיינע איז אויף דעם, אַז ער וועט בעקומען געלד-מיטלען פון די יודישע הילפס-קאָמיטעטען. איך האָב איהם אויפגעוויזען, אַז אויף אַזאַ אופן וועט זיין הילפס־אַרבּייט פערלירען דעם גאַנצען ליבעראַלען כאַראַקטער, וואָס זי טראָגט איצט. אויף

יודיש געלד איז קיין קונץ נישט איינצואָרדענען הילף פאַר דער בעפעלקערונג „אָהן אונטערשיד פון נאַציאָנאַליטעט". אַזוי ווי פאַר דער קריסטליכער בעפעלקערונג זאָרגען אַנדערע אַנ-שטאַלטען, וואָלט זיין אַנ'עולה אָרגאַניזירען הילף פאַר איהר אויך אויף דעם רעכנונג פון יודישע נדבות. אָסמאָלאָווסקי האָט בשום אופן נישט געקאָנט פערשטעהן מיין שטאַנדפונקט און שטאַרק געהאָפּט אויף דער שטיצע פון פעטערבורגער און קיע-ווער הילפס-קאָמיטעטען, צו וועלכע ער האָט זיך געווענדט.

פון לעמבערג בין איך אָבגעפאָהרען אין דער ריכטונג פון טאַרנאָוו אויף די שטעדט יאַראָסלאַוו און זשעשאָוו. איך האָב גערעכענט אָבצושטעלען זיך אויפ'ן וועג אין אַלע בעדיי-טענדע פונקטען. אויספאָרשען די לאַגע פון דער יודישער בע-פעלקערונג און לאָזען צו ביסלעך געלד אויף פסח.

דער ערשטער פונקט, וואו איך האָב זיך אָבגעשטעלט, איז געווען דאָס שטעדטעל לובאַטשאָוו. איך בין אַהין געקומען אין אָווענד. אַרויסגעהענדיג פון וואָקזאַל, האָב איך נישט גע-וואוסט אין וועלכער ריכטונג צו געהן, ווייל די שטאָדט האָט זיך געפינען דריי—פיר ווייאָרסט פון וואָקזאַל. באַלד נאָך מיר איז פון וואָקזאַל אַרויס אַ פאָלקאָווניק. איך האָב איהם געפרעגט, ווי צו געהן אין שטאָדט.

—קומט מיט מיר, איך געה אויך אַהין,—האָט ער מיר געענטפערט.

מיר זענען אַוועק צוזאַמען. דער פאָלקאָווניק האָט מיר דערצעהלט, אַז ער שטעהט דאָ מיט זיין פאָלק. איך האָב איהם געפרעגט, אויב איך וועל קריגען אין לובאַטשאָוו אַ האָטעל וואו איבערצונעכטיגען.

—אַ האָטעל?!—האָט ער אויסגעשריען און פונאַנדערגעלאַכט זיך אויפ'ן קול.—אַפּנים, איהר האָט קיין שום אַהנונג נישט, ווע-גען דעם, וואָס די שטאָדט שטעלט מיט זיך פאָר. נישט נאָר קיין האָטעל, אפילו אין אַ פריוואַט הויז וועט איהר נישט קריגען וואו איבערצונעכטיגען. די שטאָדט איז חרוב און פערברענט.

—זענען דאָ פאָרגעקומען שטאַרקע שלאַכטען?

—וועלכע שלאַכטען? דאָ זענען קיין שום שלאַכטען נישט פאָרגעקומען. דאָ האָבען פשוט אונזערע ליבע קאָזאַקען אַ הוליע געטהון, האָבען פערברענט און צורויבט די גאַנצע שטאָדט.

מיר זענען אַריין אין שטאָדט און מיינע אויגען האָבען דערזעהען דעם גאַנצען חורבן. דער מאַרק און די גאַסען אַרום זענען געווען פערברענט.

—בעמערקט נאָר,—האָט זיך אָבגערופען דער פּאָלקאָווניק.—אַלע פערברענטע הייזער און קראָמען זענען דורכאויס יודישע. קיין איין קריסטליך הויז האָבען די קאָזאַקען נישט אונטערגע-צונדען. ווען אַזאַ הויז האָט זיך אָנגעצונדען, פלעגען זיי עס אָבראַטעווען און יודישע קראָמען און הייזער האָבען זיי נישט ערלויבט צו לעשען. איצט לייד איך מיט מיין פּאָלק דערפון: מיר שטעהען ווי אין אַ מדבר. גאָרנישט צו קריגען פאַר קיין שום געלד

דורכגעהענדיג דעם מאַרק, האָט מיר דער פּאָלקאָווניק אָנ-געוויזען אַ גאַנץ געבליבענע מויער.

—דאָ איז די קאַנצעלאַריע פון קאָמענדאַנט. געהט אַריין צום קאָמענדאַנט, וועט ער אייך אָנווייזען אַנ'אָרט וואו צו נעכ-טיגען. אַנדערש וועט איהר קיין נאַכטלעגער נישט קריגען.

איך האָב נישט געהאַט קיין גרויסען חשק געהן צום קאָ-מענדאַנט. איך וואָלט בעדאַרפט איהם ערקלערען, צוליב וואָס איך בין געקומען אין לובאַטשאָוו און צייגען איהם מיינע דאָ-קומענטען. ביי מיר זענען אפילו געווען פּאַפּירען, אַז איך בין קאָמאַנדירט צו זוכען לעדער. נאָר איך האָב געפינען פאַר בע-סער נישט צו בענוצען זיך מיט די דאָקומענטען אָהן אַנ'עקסט-רער נויטווענדיגקייט.

איך האָב געזאָגט דעם פּאָלקאָווניק, אַז איך וועל שפּע-טער אַריינגעהן צום קאָמענדאַנט און בין אַוועק אָין דער טייל פון שטאָדט, וואָס איז גאַנץ געבליבען. איך בין אַריין אין אַ יודיש קרעמעל און בעפרעגט פון יוצא וועגען, וואו ס'געפינט זיך אַ לעדער-געשעפט.

—וואו וועט איהר דאָ איצט קריגען לעדער!—האָט דע-

קרעמער געענטפערט מיט אַ ביטערן שמייכעל.—פאַר דער מלחמה זענען דאָ געווען לעדער-פאַבריקען און גרויסע געשעפטען. איצט זענען זיי אַלע פערברענט און צורויבט.

פונדעסטוועגען האָט ער מיך אָבגעפיהרט אין אַ הויז, וואו עס האָט געוואוינט אַ געוועזענע לעדער-הענדלערין. איך בין אַריין אין אַ גרויסען חדר, אין וועלכען עס האָבען זיך געפינען פיל געזינדען פון די פערברענטע דירות. אויף די ווענד זענען געהאַנגען עטליכע צעהנדליג שטיקער לעדער. די ווירטין, אַנ׳-עלטערע פרוי, האָט מיר דערצעהלט:

—פאַר דער מלחמה האָבען מיר געהאַט אַ געשעפט, וואָס האָט אָנגעטראָפען ביי אַ האַלבען מיליאָן קראָן, איצט איז אונז פון דער גאַנצער סחורה פערבליבען אָט אָ דאָס, וואָס איהר זעהט אויף דער וואַנד. מיר האָבען געהאַט אונזער געשעפט אויפ׳ן מאַרק. ווען די קאָזאַקען זענען אַריין, האָבען זיי גלייך אונטערגעצונדען דעם מאַרק און נישט ערלויבט ראַטעווען די סחורה פון די קראָמען. מיינער אַ שכן, ביי וועלכען עס איז געווען אַ ראָכוואַרג-קראָם, האָט זיך דורכגעריסען אין קראָם און אַרויסגעראַטעוועט פון דאָרט אַ קליין פעקעל טייערסטע ראָכ-וואַרג, וואָס געהט אויף שטריימלען. ווען ער איז אַרויסגעלאָפען פון קראָם, האָבען זיך די קאָזאַקען געלאָזט יאָגען נאָך איהם און איינער האָט איהם דורכגעשטאָכען דעם האַלז מיט אַ פיקע. פונדעסטוועגען האָט איהם געלונגען צו אַנטלויפען אַהיים. אויפ׳ן צווייטען טאָג איז ער געשטאָרבען פון דער וואונד אין האַלז. פון דעם ביסעל סחורה, וואָס ער האָט געראַטעוועט, לעבט איצט דאָס גאַנצע געזינד זיינס, אָבער ער אַליין איז אומגעקומען. מיין מאַן האָט אויך געוואָלט לויפען ראַטעווען סחורה פון קראָם, האָב איך איהם נישט געלאָזט. דאָס לעבען איז טייערער.

איך האָב געבעטען איינלאַדען עטליכע פון די חשוב׳ע שטאָדטישע בעלי-בתים. ווען זיי זענען געקומען, האָבען מיר אַרומגערעדט די לאַגע פון דער בעפעלקערונג, וועלכע האָט זיך אַרויסגעוויזען זעהר אַ טרויעריגע. די אָנוועזענדע בעלי-בתים

האָבען דאָ גופא געגרינדעט אַ הילפס-קאָמיטעט, וועלכען איך האָב איבערגעלאָזט אַכטהונדערט רובל.

שוין שפּעט ביינאַכט בין איך אַוועק צום וואָקזאַל. מיך האָט בעגלייט אַ יונגערמאַן, אַ געוועזענער לעהרער. ער האָט מיר דערצעהלט, אַז אין שטאָדט איז געווען זעהר אַ לעבהאַפטע קולטורעלע טעטיגקייט. געווען אַ ליטעראַרישע געזעלשאַפט, אַ ביבליאָטעק, פּראָפעסיאָנעלע און אַנדערע פעראיינען. עס איז געווען אַ ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע און אויך יודישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבען דאָ מיט ערפאָלג געאַרבייט. איצט איז עס אַלץ חרוב געוואָרען.

מיר איז אויסגעקומען איבערצונעכטיגען אויפ'ן וואָקזאַל. אויף מאָרגען פריה בין איך אָבגעפאָהרען ווייטער.